STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03973

DI YUDISHE VELT

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03973-X

D:\YIDDISH\TITLES\9780657039738T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

די

יודישע וועלט

א זאמלונג ערצעהלונגען.

פון

מ. ספעקטאר.

הוצאת בית מסחר הספרים של ר יצחק פונק בווילנא.

ווילנא

דרוק פאן שרגא פייבל גארבער

שנת תרס"ג לפ"ק

ДИ ЮДИШЕ ВЕЛТЪ.

т. е. Еврейскій Міръ, Собраніе разсказовъ М. Спектора

изданія и Собственность Книжнаго Магазина Исаака Функа

ВИЛЬНА

Типографія Ф. Гарбера, Завальная ул. д. № 2006.

1903

492

25449 6

Дозволено Цензурою 3 Сентября 1902 г, Варшава

די יודישע וועלט

אינהאלט

זייטע

ארעמקייט (פון לעבען)	5
מאנן אונ ווייב (ערצעהלונג)	9
שלום געמאכט (א בילד)	28
וועגס—לייט (בילדער)	28
יודישע עשירות (נאכדערצעהלט פון רייזענדער)	101
אין שטוב אונ אין גאס (פעליטאן)	112
א טשאד (א ראמאן אין פיער טהייל)	128
יודישער נחת (ערצעהלונג)	138
די ארץ ישראל פושקע (ערצעהלונג)	161
צוויי פעסליך וויין (ערצעהלונג)	182
א וויינענדיגע שטאדטט.	195

25449 6

אָרעמקייט

(אַ פֿאַקט פֿון לעבען).

איך האָב דענסטמאָל געוואוינט אין דעם שטעטעל מעזבעז און זאַנוועל איינבינדער, האָט אויך דאַנן געוואוינט אין מעזבעז.

נור גאָט ווייסט וואו ער וואוינט שוין איצט ווייל נאָך דאַנן האָט זיין שטענדיג בלאַס פּנים ניט אויסגעזעהן ער זאָל בלייבען אויף לאַנג אַ מעזבעזער תּושב און דערצו איז ער געוועזען אַ יאַרעשליווער ייד פֿון אַ ווייב מיט זעקס קינדערלעך און האָט זיך מפֿרנס געוועזען פֿון בוכבינדעריי.

ווער ווייסט וואו ער איז יעצט!...

נור ניט דאָס בין איך אויסען, איך וויל נור דערצעהלען אַז זאַנוועל איינבינדער איז געוועזען אַ גרויסער ליגנער, ער זאָל מיר מוחל זיין, אויב ער געפֿינט זיך שוין אויף דער אמת'ער וועלט און זאָל אויף מיר ניט אין כּעס זיין, אויב ער וואוינט נאָך עד היום אין מעזבעז.

אַזוי איז ער געוועזען אַ גאַנץ ערליכער און פֿרומער ייד, נור ווי ער האָט נור גענומען אַ בוך, אַ ספֿר צום בינדען האָט ער קיין מאָל קיין וואָרט ניט געהאַלטען. ביים נעמען די אַרבייט און אויך פֿאַרויס דאָס גאַנצע געלד פֿאַר דער אַרבייט, האָט ער זיך אָבגעשוואָרען מיט באָרד און פּאות, מיט ווייב און קינדער און מיט משיח'ן אַז אויף שבּת וועט ער די אַרבייט ברענגען און שטענדיג האָט מען איהם באַדאַרפֿט נאָך לויפֿען עטליכע וואָכען ביז ער האָט די אַרבייט אָבגעבראַכט.

איין מאָל פֿרייטאָג, דערמאָנענדיג זיך אַז מאָרגען-שבּת וועל איך האָבען עטליכע פֿרייע שטונדען צו לעזען און ווער ווייסט צו זאַנוועל וועט מיר היינט אָבברענגען דעם נייעם בוך וואָס איך האָב איהם זייט צוויי וואָכען אָוועקגעגעבען בינדען, בין איך אַוועקגעגאַנגען צו איהם מיט דער דעה אָבצונעמען דאָס בוך אַפֿילו ווען עס איז נאָך ניט געענדיגט; די צוואַנציג קאָפּיקעס פֿאַר זיין אַרבייט האָב איך איהם בעצאָהלט פֿאַרויס, היינט וואָס קען ער מיר פֿאַר דעות זאָגען, איך מוז איהם איין מאָל פֿאַר אַללע מאָל אָנלעהרען און אָבנעמען פֿון איהם ניט קיין געענדיגטע אַרבייט און זאָל ער וויסען אויף דעם צווייטען מאָל.

געהענדיג און טראַכטענדיג אַזוי ווי איך וועל זיך נוקם זיין אין זאַנוויל'ען בין איך אַריין אין דעם גאַסעל וואו מען האָט מיר אָנגעוויזען וואו ער וואוינט.

דאָ אין גאַסעל האָב איך שוין קיין סך ניט בעדאַרפֿט פֿרעגען, מען האָט מיר גלייך אָנגעוויזען אויף אַ נידריג קליין שטיבעל געדעקט מיט פֿוילע שינדלען און דראַניצעס, אויף אַלענפֿאַללס האָב איך זיך אײַנגעבויגען אַ ביסל און בין אַריין צו זאַנוועל'ן אין שטוב

וואס בעשטעהט פון איין גרויסער קיך, דארט וואהנט ער מיט זיין ווייב און קינדער און דארט ארבייט ער.

אין גרויסען אויווען וואס האט פארנומען א דריטעל קיך האט זיך פרעהליך געהייצט וויא אין יעדען יודישען הויז אום פרייטאג. אויף דעם פריפעטשיק אין ביידע זייטען איז אויף הייסע קוילען געשטאנען פערשיעדענע טאפּלעך און האבען איבער געערדט צווישען זיך, יעדעס אויף זיין קול, איין עלטער קינד איז געבען זייא געשטאנען מיט א גרויסען הילצערנעם לעפעל און האט אללע מאל אבגעשאמט אדער מיט קאלטע וואסער צוגעגאסען. זאנוועל'ס ווייב איז געשטאנען שטארק פארפארעט, געבען דעם איינציגען פארבעט בעט, פארשפרייט מיט א ווייס ריין ליילעך אויף וועלכען זיא האט פון נאך רוי טייג אויסגעלעגט „אוסגעמאכטע" און „אויסגעפלעכטע" חלות לכבוד שבת, נעבען איהר האט זיך געטשעפעט א קינד מיט פארוויינטע אויגעלעך און געשטערט איהר די ארבייט.

— זאנוועל! נעם צו חאצקעלען, זאל ער מיך לאזען די חלות מאכען, דו ווייסט ניט אז עס איז פרייטאג? האט זיא אללע מאל געשריען און זאנוועל זיצענדיג בייא זיין ארבייט נעבען א גרויסען טיש פולל מיט ביכער, האט יעדעס מאל וויא א ווידער קול געענטווערט:

— חאצקעלע! אוועק פון דער מאמען. און חאצקעלע האט זיך געטהון זיין זאך וויא ניט איהם מיינט מען עס.

*

* *

ווי זאנוועל האט מיך נור דערזעהן איז ער מיר אקעגען געלאפען ווי פארשעמט, ווי א פארזינדיגטער, וואס מען חאפט איהם בייא זיין זינד און איידער איך האב נאך אוספּעיעט א ווארט ארויסצולאזען ד. ה. מיט כעס איהם פעסט זאגען ער זאל מיר מיין בוך אבגעבען אפילו ניט געענדיגט, איך שענק איהם די צוואנציג קאפּיקעס א. ז. וו. זיך נוקם זיין אין איהם, האט ער זיך גלייך אנגעהויבען פארענטווערן און מיר געוויזען אז מיין בוך איז שוין אין גאנצען פערטיג, עס ליעגט שוין אין „פרעסס" מען דארף נור די אותיות שטעלען אויף דעם „רוקען", עס דארף געדויערען אין גאנצען עטליכע מינוט, ער וועט מיר באלד צו הויז אנברענגען.

— ניין איך וועל שוין בייא אייך צו ווארטען און וועל שוין מיט זיך נעמען דאס בוך, האב איך מיט אביסל פארדראס געזאגט און דערצו האב איך געוואוסט אז עטליכע אותיות שטעלען אויף א בוך דארף באמת מעהר ניט געדויערען ווי פינף אדער צעהן מינוט.

— נו, אז איהר ווילט זיין אזוא גוט קענט איהר צוווארטען, עס וועט ניט געדויערען, פייער איז דא אין אויווען, איך וועל נור אנגליען דיא „שרויף" און אזוא רעדענדיג האט ער מיר צוגערוקט א הילצערען באנקעל, עס אבגעווישט מיט זיין פאלע פון דער קאפּאטע און איך האב זיך געזעצט ווארטען.

זאנוועל האט באמת באלד ארויסגענומען מיין בוך פון „פרעסס" שוין אין גאנצען פערטיג. נור די אותיות צו שטעלען אונ האט זיך אנגעהויבען איילען, אט איז ער ביים אויווען, פון אויווען צום ווינקעל אונ ווידער צום אויווען אונ ווייטער צום ווינקעל אזוי אמאל צעהן זאגענדיג מיר אללע מאל: „אט, באלד, באלד, נאך איין מינוט" אונ לויפט ווייטער ארום איבער דער שטוב.

עס האט אזוי געדויערט צעהן מינוט האב איך זיך אנגעהויבען פאר אינטערעסירען מיט זיין ארומלויפען פון איין ארט אויף דעם אנדערן מיט לעדיגע האנד אונ אהן א ארבייט, זאגענדיג דער ביי אין צוואנציגסטען מאל: „אט באלד, באלד, די רגע"...

מעהר פון אללעם האט מיך געוואונדערט וואס קוקט ער אזוי אפט אין ווינקעל, קיין אויג נעמט ער ניט אראב פון דעם דאזיגען ווינקעל, וואס זוכט ער אונ וואס ערווארטעט ער פון דארט. איך זעה ווי זיין געזיכט ווערט וואס ווייטער טרויעריגער... ער ליידעט פון עפּיס... אונ הערט ניט אויף צו רעדען מיט זיך: „באלד, באלד, נאך איין רגע'לע"... אונ ווענדעט זיך ווידער צו מיר:

— זיצט, איך בעט אייך נאך אביסל, עס וועט שוין אזוי פיעל ניט געדויערן... נאך איין מינוט... טאקי נור ווי אויף צוועצענעש ווען מען דארף נייטיג איז זי... האט ער געזאגט אינ ווייטער געגאנגען צום ווינקעל, ער בייגט זיך אן אונ קוקט דארט ווידער.

— וואס זוכט איהר דארט יעדער מינוט? פרעג איך איהם.

— גאר ניט... אט באלד... פאלגט מיך, וואס דארפט איהר דא זיטצען אונ ווארטען, איך וועל אייך באלד אליין אפברענגען אייער בוך א היים, ווען מען דארף וויל זי ניט...

— גישט קשה, עס איז פרייטאג, האב איך צייט, איך וועל שוין ווארטען, צו וואס דארפט איהר זיך מטריח זיין אז איך בין שוין דא, ענטווער איך אונ פרעג איהם ווער איז די „זי וואס ווילל ניט".

— פארשטעהט איהר מיך, מיין ווייב מיט „חלה זעטצען" ווארט אויך אויף איהר אונ איך מיט די אותיות שטעלען אויף דעם רוקען ווארט אויך...

— אויף וועמען זשע ווארט איהר?

— פארשטעהט איר מיך אז די חלה זאל בעקוממען א שאנעם „ניעט" ביים באקען מוז מען זי אבשמירען מיט „א געלעכעל".

— נו וואס זשע קער זיך דאס אן מיט דעם שטעלען די אותיות אויף דעם רוקען?

— וואס הייסט וואס? ווייסט איהר דען ניט אז דאס „גליין גאלד" אויף אותיות נעמט זיך אנדערש ניט אן צום רוקען סיידען מיט „א ווייסליכעל".

— יא איך האב אמאל געזעהן ווי פאר דעם לעגען דאס גאלד אויף דעם רוקען שמירט מען מיט „א ווייסליכעל", נו איז וואס?

— וואס הייסט וואס? אט דאס ווארטען מיר זיך אויף דעם איי...

— איהר האט דען געשיקט קויפען איין איי?

— ניין, נור באַלד וועט זיין און ער ווייזט מיר אָב אויף דעם ווינקעל צו וועל־כען ער לויפט די גאַנצע צייט קוקען און איך זעה דאָרט אויף דער ערד איין איבערגע־קערטע זיפּ און אין דער זיפּ דרעהט זיך אַרום אַ הון און קוואַקעט .

— און ווי אויף צוּלעצעניש, רעדט ווייטער זאַנוועל, ווען מען דאַרף אַזוי נייטיג וויל זי זיך ניט לעגען . . . כמעט אַלע טאָג לעגט זיא מיר איין איי און איצטער ווי אויף צוּלעצעניש . . . האָט ער געזאָגט און זיך אָנגעהויבען קראַצען אין קאָפּ און די הון ? — די הון האָט זיך ווייטער געדרעהט ווי איין אַרעסטאַנט אין טורמאַ און נאָך העכער געקוואַקעט .

דעם אמת געזאָגט האָב איך אין אָנהויב געמיינט אַז זאַנוועל וואָרטעלט זיך אַז איך זאָל וואַרטען מיט דעם בוך ביז דיא הון די קינדבעטורען וועט געלעגען ווערען מיט איין איי, נור קוקענדיג אויף זאַנוועל׳ס פרוי מיט וואָס פאַר אַ צער זי וואַרט אויף דער הונס לעגען זיך, האָט ניט אויסגעוויזען ער זאָל זיך דאָ וואָרטלען און באַלד טאַקי האָב איך זיך איבערצייגט אין דעם, ווען זיין ווייב האָט זיך אָנגערופען צו איהם :

— גיב אַ קאַפּיקע ביים יונגען מאַנן און שיק דאָס קינד אין מאַרק נאָך איין איי, די חלה איז שוין פאַרגליווערט געוואָרען .

— ביים יונגען מאַנן קומט מיר שוין גאָר ניט, נאָך צוריק מיט עטליכע וואָכען האָט ער מיר באַצאָהלט אין גאַנצען פאַר דער אַרבייט, איך האָב שוין ניט ביי וועמען צו לייען און באָרגען און קיינער וועט מיר ניט לייען, איך האָב זיך ביי יעדען פאַר־שולדיגט אַז די האָר זענען ניט מיינע, האָט זאַנוועל געענטפערט זיין ווייב, ער האָט ווייטער אַ קוק געטהון אין ווינקעל און געזאָגט :

— מיר וועלען שוין אַזוי פיעל ניט דאַרפען וואַרטען אויף א י ה ר, אייביג וועט זי זיך ניט קוואַקען, נאָך אַ פּאָר מינוט . . .

די הון — די קינדבעטורען האָט אָבער אַ סך מעהר ווי אַ פּאָר מינוט זיך געבלאָזען געהאַקעט און געקוואַקעט, און דאַכט זיך אַז די הון אַליין האָט ניט געקענט צוזעהן דעם צער פון איהרע בעלי בתים און זי געוואָלט אַ טובה טהון און זיי באַגליקען מיט איין איי, נור עס איז, פאַר קיינעם געדאַכט, שווער צוגעגאַנגען און קיין איי איז דער ווייל ניט געווען .

איך האָב איהם ג ע ל י ה ע ן אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף אָבצואַרבייטען, ווייל זאַנוועל האָט זינט ער לעבט קיין נדבה ניט געבעטען און ניט גענומען .

*

אין עטליכע מינוט אַרום ווען דאָס קינד האָט געבראַכט פון מאַרק איין איי האָט זאַנוועל׳ס ווייב פרעהליך געזעצט מיט דער לאָפּעטע אין אויוען די אָבגעשמירטע חלות לכבוד שבת, מיין בוך איז באַלד פערטיג געוואָרען און די אומגליקליכע קינדבעטורען איז ענדליך אויך בעפרייט געוואָרען פון איהר אָסטראָג — די זיפּ און אויפגעהערט זיך בלאָזען און קוואַקען .

מאַנן און ווייב.

ערצעהלונג

I.

„יא“ אָדער „ניין“

נאך מיטטאג, ווי שטענדיג, האט יונה גלאזמאַנן בעדאַרפט זיך איילען אין סאלאמאנן פערנפעלדס קאנטאר, וואו ער האט פאַרנוממען א שטעללע שוין עטליכע יאהר אַלס קאָרעספּאָנדענט. ער האט זיך שוין אויפגעהויבען פון טיש, דאס יונגסטע קינד האט זיך געצויגען צו איהם מיט די הענדטליך און זייגע דריי עלטערע קינדערלעך האבען זיך אנגעטשעפּעט אין זיין פּאָלע און געזאגט:

— טאַטע, דו וועסט אונז עפּעס ברינגען פאַר נאַכט ווען דו וועסט קומען א היים, די האָסט זיך אונז אַליין אַזוי צוגעזאגט אז מיר וועלען זיצען שטיל. געכטען האסט דו אויך געזאגט...

— נא, נא, פיהרט זיך נאר אויף ווי שטילע קינדער, דערקוטשעט ניט די מאַמען וועל איך אייך ברינגען — האט יונה זיי געענטפערט ציהענדיג דעם פּאַלטאָ אויף די אַקסלען און דערווייל געקוקט אויף זיין פרוי מיט אַזוינע אויגען אז זי האט פאַרשטאַנען אז מיט זיין יעצטיג קוקען פרעגט ער זי א בעקאַנטע פראגע. איהרע ווייסע באַקען זענען רויטלעך געוואָרען, איהרע שוואַרצע אויגען האבען אנגעהויבען גלאַנצען. זי האט איהר מאַנן אנגענומען ביי דער האַנד, צוגעפיהרט אין א ווינקעל גלייך ווי זי וויל איהם א סוד זאגען, אַזאַ סוד וואס ער ערוואַרטעט פון טאג אויף טאג און ווי וואלט ער געוואָלט אז זיין ווייב זאל איהם מיט א פרעהליך געזיכט זאגען „ניין“, נאר אין איהר יעצט פאַרשעמט געזיכט האט איהם זיין האַרץ געזאגט אויף „יא“ און שרעקענדיג מיט א קלאַפּענדיג האַרץ האט ער זיין פרוי אויף גיך געפרעגט אין דער שטיל:

— מירעלע! נא זאג שוין... ווייטער „יא“... אָדער אפשר „ניין“?...

פאַרשעמט ווי א יונגע פרייליין וואס בעקומט דעם ערשטען קוש אין איהר לעבען פון איהר היים געליעבטען און מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, האט מירל אַרומגענומען איהר מאַנן, א הייסען לאַנגען קוש איהם געגעבען און שטיל שרעקענדיג געענטפערט

— דאַכט זיך „יא“...

— „יא“ זאגסט דו?... האט ער געפרעגט און איז בלאַס געוואָרען.

יונה האט גענומען זיין שטעקיל און זיך אנגעהויבען איילען אין קאנטאר אריין.

— נא נא, זיי ניט אזוי טרויעריג, יונה, גאטט וועט העלפען — האט זי זיך ביי איהם געבעטען ווי א פארשולדיגטע און זיין גאנץ געזיכט אבגעשיט מיט הייסע קושען, און יונה איז איילענדיג אוועקגעגאנגען.

— קום היינט פריהער א היים, יונה, איך בעט דיך! האט זי איהם פון ווייטען נאך געשריען און געבעטען.

II.

די גליקליכע צייט.

— צו וואס האב איך איהם בעדארפט אזוי גיך זאגען? האט מירל זיך אנגעהויבען עסען דאס הארץ און עס האט איהר אנגעהויבען שטארק באנג טהון, צו וואס האט זי איהם אויסגעזאגט אזוי גיך, — אויף דער נאכט וואלט איך אנגעוואַרען דאס טייערע נייעס איהם צו זאגען? איך קען עס מיר ניט שענקען צו וואס האב איך איהם נאך בעדארפט זאגען איצטער באלד נאך מיטטאג, ווען ער איילט זיך אזוי און דארף אוועקגעהען? פאר וואס האב איך ניט געוואַרט ביז אויף דער נאכט ווען ער קומט שוין אין גאנצען א היים און געהט שוין ניט אין ערגיץ? ווער ווייסט ווי ער מוטשעט זיך נעבעך איצטער, ווען ער זאל זיין אין דער היים וואלט איך איהם געטרייסט ווי תמיד... ניט אומזיסט זאגט מען „אז ווייבער זענען טאקי ווייבער" — זיך ניט געקענט איינהאלטען, קיין קאטאוועס ניט, אזא טייערע נייעס! נאך פאר דעם עסען איהם געוואלט דערצעהלען! איך האב זיך קוים איינגעהאלטען ביז נאך דעם עסען, ניט חאטש דאס, וואס דער מיטטאג איז איהם בעקומען.

שפעטער מיט א שעה ווען מירל האט אבגערוימט פון טיש, איינגעשטילט איהר קלענסט וויגענדיג קינד, אויסגעשטאנען אללע קאפריזען פון דעם קינדס אם און אוועקגעשיקט אביסל שפאַצירען אין גאס, דער טומטעל אין שטוב זאל אביסל קלענער ווערען, איינגעשטילט איהרע עלטערע דריי קינדערליך, זיי צוגעזאגט גילדענע בארג און אז דער טאטע וועט ברענגען א סך גוטע זאכען אבי זיי זאלען זיך שפיעלען שטיל און ניט שטערען זייער מאמען אין איהר ארבייט, נאך דעם אללעמען האט זיך ווייטער דערמאנט אן איהר יונה'ן.

וואס מאכט ער נעבעך איצטער? ער קער זיך נעבעך מוטשען... ער איז דען ניט געוועהנט? עס איז דען ניט א גאטטס רחמנות אויף איהם, ערשט זעקס יאהר, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר נאך דער חתונה און שוין מיט דעם פינפטען קינד!... און די פארדינסטען ווערען ניט גרעסער, אלץ די אייגענע פופציג רובל א חודש און הארעוועט נעבעך אזוי שווער ביטטער, ער ווייסט ניט פון קיין רוהע, אבי

מעהר א רובל, אלץ פאר די קינדערלעך זאלען לעבען. זיי דארפען קיין עין הרע געניג האבען, עס געהט ניט אוועק דער טאג מען זאל קיין עין הרע ניט דארפען, איך רעד שוין ניט פון דער הוצאה אין שטוב, נאר זייטיגע זאכען, דא שיכלעך, שטיוועלעך, קליידלעך, און דא א דאקטאר, א רעצעפט, נאר א ריהר טהון זיך ווערט שוין א פיל פון א צעהן-רובילדיג. גוט ווען זיי זענען דא, אבער ווען זיי זענען ניט דא? היינט אללע מאהל א אם — אוי די אמען, פון זיי איז גאר ניט אויס צושטעהן, זיי קאסטען אב א אוצר מיט געלד, דאס בעסטע פון מויל מוז מען דער אם אוועקגעבען, איהר באצאהלען פריהער דאס געלד און דערנאך שטעה אויס אללע איהרע קאפריזען, ווען ניט אנטלויפט זי, געה יאג זיך נאך א ווינט אין פעלד! עס איז דען אויסצושטעהן פון אללעם? אין אמת האט מיין יונה טאקי א פנים פון א יודען פון עטליכע פערציג יאהר, ער האט שוין א סך גרויע האר אין קאפף און אין דעם בארד איז שוין אויך דא גרויע האר און אין גאנצען איז ער אלט אכט און צוואנציג יאהר, עס איז זיך נאך דא אזויגע בחורים ווי ער. אין אמת וואו איז געבעך אהין געקוממען זיין שאנקייט, זיינע פוללע ראזע באקען, זיינע גאלדענע בלאנדע האר, זיין געזונדקייט, זיין לעבעדיגקייט און פריהליכקייט? ער איז זיך געווען דער שאנסטער אין דער גאנצער שטאדט, די שאנסטע מיידלעך האבען מיך מקנא געוועזן. אין דער אמת'ן ווער איז גלייך דאן געווען צו מיר? ווי גליקליך האב איך זיך געפיהלט, ווי ליעב און טייער איז ער מיר געוועזן! שפיעלען זיך מיט זיינע האר און קוקען אין זיינע בלויע סאמעטענע אויגען, איז זיך פאר מיר קיין גרעסער גליק ניט געווען אויף דער וועלט. דאכט זיך ווען ער זאל ניט געוועזן וועלען פאר מיר דאנן אחתן ווערען וואלט איך שוין געווים לאנג געשטארבען, און איצטער וואו? וואו איז דער אמאהליגער יונה? — ניט דא, נאר הויט און ביינער, די באקען איינגעשרימפען, נאר זיינע זיסע בלויע אויגען בלישטשען אזוי שאן אזוי גוט ווי פריהער. ער איז דענן ניט געערבט? ווער איז אין דעם אללעמען שולדיג אז ניט די קינדערלעך זאלען לעבען? כמעט אללע יאהר א קינד, פון די אמען אליין קען מען גרוי און אלט ווערען. נאר וואס בין איך שולדיג, דאס ערשטע קינד האב איך געזויגען, חאטש דער דאקטאר האט געזאגט אז איך טאר ניט, איך האב איהם ניט געהערט, מיינע קינדער האב איך געוואלט אליין זויגען און ביים צווייטען האט יונה גאר ביי מיר ניט געפרעגט און געבראכט א אם, יונה לאזט מיך ניט זויגען, מסתמא האט איהם דער דאקטאר גוט אנגעזאגט אז איך טאר ניט.

און אין נאך פיעל זאכען האט זיך מיר דערמאנט היינטיגען טאג ווי אזוי זי האט זיך באקענט מיט יונה'ן, ער איז נאך דאנן געוועזן א יונגעל פון אכטצעהן און זי איז — א מיידעל פון זעכצעהן יאהר, פון זייער ערשטע בעקאנטשאפט זענען זייערע הארצער איינס צום אנדערען צוגעבאקען געווארען, יעדעם מאהל ווען זיך איז ביי זיי געווען א גליק — דאס גאנצע לעבען. שפעטער מיט א קלייגער צייט איז ביי זיי געווארען אין געדאנק ווערען „חתן כלה", ער האט נאך דענסמאהל

געדינט אין א קאנטאר און האט שוין פארדינט צוואנציג רובעל א חודש; אין די יאהרען א יודישער בחור וואס האט עלטערען זאל נאך פארדינען, איז צווישען יודען זעהר ווינציג. מירעלס עלטערען האבען דאס געוואוסט ווי צו שעצען; זיי האבען צוגעזאגט מירלען אכט הונדערט רובעל נדן, פיער הונדערט האבען זיי באלד געציילט און מירעל מיט יונה'ן זענען למזל חתן כלה געווען. ווען זיי האבען חתונה געהאט האבען זיך גאטש און לייט געפרייעט מיט דעם שאנעם, געזונטען, גלייכען פאר פאלק.

יונה'ס פרינציפאל האט איהם גלייך געהעכערט די זשאלאוואניע אויף פופצעהן רובעל, נדן האבען זיי געהאט עטליכע הונדערט רובעל; זייערע עלטערען האבען אויף זייערע הוצאות אויסגעמעבעלירט פאר דעם נייעם פאר-פאלק צוויי שאנע צימערלעך מיט א קליינער קיך און אללעס וואס א יונגע בעל-ביתטע בארף האבען אין קיך, פון א הילצענעם לעפיל ביז געפעס, פון א קאטשערע ביז א פעטעל, קיין זאך האט ב"ה ניט געפעהלט, אללעס האבען זיי געהאט, נייע קליידער, ניי מעבעל, א נייעם סאמאוואר, א ביסעל זילבער פון דרשה געשאנק איז אויך געווען, פון יונה'ס זשאלאוואניע איז געווען איבערגענוג אויף צו לעבען, און דער נדן האט געוואקסען פון פראצענט. עס איז געווען א פערגעניגען זעהען דאס יונגע פאר פאלק שפאציערענדיג אללע פארנאכט אין גאס און ווער שמועסט נאך זיי אנקוקען אלס יונגע בעלי בתים-לעך אין זעהר ריין שאן וואהנונג! דאס ריינקייט און זויבערקייט האט געשמעקט פון יעדען ווינקעל. ווער עס איז נאר צו זיי געקוממען האט מירל ליעב געהאט ווייזען איהר בעלי בתישקייט, אפילו צו זיך אין קיך אריין געפיהרט, ווייל דארט אין קיך אפילו, איז געווען א פערגעניגען צו קוקען, ווי פון נייע פאליצעס האט אראבגעבלישטשעט און געשפיגעלט קופערנע פאנדלעך, בעקעלעך, אויסגעוואשענע טרוקענע טעפ, אומעטום איז געווען ווייס אבגעשמירט, חאטש גאלד צו לעגען, אפילו דער פריפיטשאק און די קיך-סטשיהקעס זענען שטענדיג געווען ריין און אויסגעוואשען

היינט וואס פאר א טייער לעבען האבען זיי געפיהרט! אללע טאג פינקטליך זייגער אכט זענען זיי אויפגעשטאנען לעבעדיג, שמייכלענדיג, דער סאמאוואר האט שוין געזאטען און געפינקעלט פון טיש, מירל האט אנגעגאסען טהע, געקוקט יונה'ן גלייך אין די אויגען, אין מויל אריין, געזעהען ווי ער טרינקט, דערנאך האט זיך יונה אנגעטהון ריין זויבער ווי א טאק — ווי א פאלנע פראנט, אז מירל פלעגט זיך זאטט ניט קענען אנקוקען אין איהם. פונקט פינף פלעגט ער קוממען פון קאנטאר, דער טיש איז שוין געווען געגרייט, דער ווייסער טישטעך און אללעס וואס איז געשטאנען אויף דעם טיש האט געבליסקעוועט פון ריינקייט און ציכטיגקייט, דאס עסען פלעגט שטענדיג זיין געראטען און עס האט געשמעקט.

אללע טאג פלעגט מירל אויסטראכטען צו מיטטאג נייע פאטראוועס, שטענדיג איז ביי איהר אויסגעקוממען דריי פארציעס און א מאהל נאך א פיערטע,

איין מאהל אין די ערשטע טאג ווען זיי זענען נאר וואס בעלי בתים געווארען האט יונה באמערקט:

— מירעלע, דאכט זיך אז צו רייכע מיטטאגס גיסט דו מיר. דו ווייסט זיך קיין טויזענטער האבען מיר ניט, מיר דארפען זיך לעבען אזוי עקאנאמיש ווי אונזערע עלטערען.

— וויפיעל מיינסט די, יונה, קאסט אונזער רייכער מיטטאג? האט מירל געענטפערט מיט א געלעכטער.

— איך ווייס? דריי פארציעס און נאך נאמאהל א פיערטע אויך, קאסט אודאי פאר צוויי מענשען מעהר ווי א רובעל, אין א רעסטאראן פאר אזא מיטטאג צאהלט מען אודאי צוויי רובעל.

— צוויי רובעל!? הא הא! נא און וויפיעל רעכענסטו דארף אונז קאסטען יעדען טאג א מיטטאג נאך אונזער שטאנד נאך אז מען זאל פארשפארען ווי דו זאגסט.

— איך רעכען אז אונזער מיטטאג דארף קאסטען פופציג קאפיקעס, נא ניט מעהר ווי פופציג קאפיקעס.

— אויב אזוי, מיין מאן — האט זיך מירל העכער צולאכט — צאהל זשע מיר צו נאך צוואנציג אדער פינף און צוואנציג קאפיקעס, ווארום אט דער רייכער מיטטאג פאר וועלכען דו שרעקסט זיך אז מיר וועלען מוזען אנזעטצען קאסט פינף און דרייסיג קאפיקעס און העכסטען פערציג קאפיקעס. פארגעס ניט אז אונזער דיענסט-מיידעל עסט אויך. נא דערצאהל נאך פינף און צוואנציג קאפיקעס, די האסט געזאגט איז פארפאלען — האט מירל ניט אויפגעהערט צו לאכען.

— אזא מיטטאג פאר דריי מענשען קאסט דיך מעהר ניט ווי פערציג קאפיקעס? ווי אזוי קען דאס זיין? עס איז פראסט צום באוואונדערען זיך!

— ביי מיר קען יא זיין, אט בארעכען אין מיסטען, איך גנב'ע ביי קיינעם ניט איך זאל אללע טאג דערלעגען צום מיטטאג.

מיט א בעזונדער פערגעניגען פלעגט מירל אויסרעכנען פאר איהר מאן יעדעס פיטצעלע וואס זי האט איינגעקויפט צום מיטטאג, איהם צו דערוויזען וואס פאר א בריה א בעל ביתטע זי איז, אפילו ציבעלעס מיט קארטאפליעס האט זי ניט פארגעסען צו רעכענען, און יונה חאטשע ער האט געקענט גוט רעכענען נאר אין דעם חשבון פלעגט ער האבען א טעות.

— ניין עס איז ניט ריכטיג, נעהם א קאראנדאש מיט פאפיער.

און מיט דעם גרעסטען פערגעניגען פלעגט ער נאך מירעלס דיקטאווקע שרייבען די ציפערס, און עס איז ווירקליך מעהר ניט אויסגעקומען ווי פינף און דרייסיג אדער אין העכסטען פערציג קאפיקעס.

יונה פלעגט זיך ניט אויפהערען צו וואונדערען און מירל פלעגט מיט שטאלץ און מיט א בעזונדער פערגעניגען צוזעהן ווי ער וואונדערט זיך, וואס פאר א טייערע בעל ביתטע זי איז.

— עס איז פארט גיט צו פארשטעהן, ערקלעהר מיר מיין טייערע — האט זיך יונה אנגערופען — אט ביי מיין טאטען געהן איצט צום טיש אויך מעהר ניט ווי דריי מענשען און זיי קאסט א מיטטאג ניט ווייניגער ווי זעכציג קאפיקעס און וואס עסט מען דארט? — איין פונט פלייש פאר אללע און ווייטער די שטענדיגע גרויפענע קאשע אדער דעם אלט בעקאנטען בארשט אדער די בעוואוסטע יודישע קאשע מיט יוך. און דו מאכסט פאר ווייניגער געלד א מיטטאג פון דריי פארציעס אז א גראף מעג איהם עסען.

— גלויב מיר, יונה, אז קיין נסים איז ביי מיר ניט דא. דאס איינענע פונטעל פלייש, דאס איינענע פונט פיש, דאס איינענע ביסעל קארטאפליעס קויף איך אויך. נאר מען דארף וויסען און קענען ווי דעם מיטטאג צו מאכען, האט זיך מירל מיט שטאלץ בעריהמט פאר איהר מאנן.

און יונה האט זיך געשעטצט גליקליך איבער גליקליך וואס גאט האט איהם באשערט אזא בריה א פרוי, אזא טייערע בעל־הביתטע וואס איז נאך אזוי יונג און ווייסט שוין זיי צו זיין א פראקטישע בעל־הביתטע.

III.

ציטען בייטען זיך.

מירל האט געהאט דאס ערשטע קינד, די הוצאה איז נאטירליך גרעסער געווארען, דא איז דאס קינד ניט געזונד געווארען, דא מירל אליין, יעדעס מאהל האט געקאסט געלד און נאך אנדערע ניט ערווארטענדיגע הוצאות זענען צוגעקומען ווען עס קומט צו א קינד אין שטוב. דער קאפיטאל האט שוין ניט געוואקסען, פארקעהרט עס האט אנגעהויבען א קליינינקייט צו פעהלען, נאר וויפיעל פערגעניגען האט דאס יונגע פאר־פאלק געהאט פון זייער קינד! עס איז דען איבער צו געבען? גאנץ פריה ווען זיי האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף, די זונן האט שוין אריין געשיינט דורך די שפאלטען פון די לאדען, האבען זיי דערזעהן ווי דאס פיטצעלע האלט שוין אפפען די אויגעלעך, משעפטשעט און פיפטשעט מיט דעם מיילעכעל ווי א פייגעלע, ער שמייכעלט צו דער זונן, און אויף דעם רעכטען באקעלע שפיעלט א קליין פיטצעלע גריבעלע. א! ווער איז געווען דאן גלייך צו די יונגע עלטערען! היינט אז דאס קינד איז עלטער געווארען אויף עטליכע חדשים, עס האט שוין אנגעהויבען ציהען מיט די האנטעלעך, פארטשעפען זיך אין טאטענס בארד, בעלעבעטשען מיט דעם מיילעכעל „מאמא" „טאטא", ווער איז אין שטאנד זייער גליק איבערגעבען?

יונה מיט מירל'ן האבען געזעהן אז דעם אמת'ן גליק האבען זיי ערשט אנגעהויבען

צו פיהלען ווינט דאס קינד איז געבוירען געווארען, פון דעסטוועגען האבען זיי זיך באַרעכענט אַז נאך זייערע פארדיענסטען נאך טאָרען זיי דערווייל מעהר ווי איין קינד ניט האבען, שפּעטער מיט אַ יאָהר פיער ווען גאט וועט העלפען, מען וועט מעהר פארדיענען, און מירל וועט זיך אָבּרוהען, פאַפּראַווען אין געזונד, וועלען זיי האבען ווייטער אַ קינד — אַ יונגעלע, שפּעטער מיט אַ יאהר דריי נאך אַ טאָכטער. זיי האבען אויסגערעכענט אַז מעהר ווי צוויי זיהן מיט איין טאָכטער טאָרען זיי און דארפען מעהר ניט האבען, און באמת ווי מעגען זיי זיך ערלויבען מעהר קינדער צו האבען? זיי זענען דאך ניט קיין גבירים וואס מעגען זיך ערלויבען קינדער אַ סך, ער איז זיך מעהר ניט ווי אַ מענש ביי יענעם און קינדער דארפען אַזוי פיעל קיין עין הרע קאסטען, מען דארף זיי ערציהען, מאכען פאר מענשען, ארויספיהרען שאן א. ד. ג.

— ווען מיינע קינדער זאלען ניט קענען חס ושלום ארויסגעהן אין גאס שאן ווי אַלע אַנדערע קינדער פון לייטישע עלטערען, וועל איך עס גאר ניט איבערלעבען, פלעגט יונה זאגען.

מירל פלעגט אויך דערמיט שטימען אַז איהר קינד מוז ארויסגעהן אין גאס ווי אַ גראפסקי קינד.

— דרום טאקי, האט יונה געגעבען זיין ווייב מירלין צו פארשטעהן, דארפען מיר זיך סטאַרען אַז מיר זאלען מעהר ווי דריי קינדער ניט האבען, ניט אנשיטען קינדער אָהן אַ שום חשבון ווי אונזערע טאטעס, מען מעג יאָ האבען צו די קינדער אָדער ניט איז ניט זייער געשעפט, אַזוי קענען נאר לעבען עגאיסטען וואס ווילען נאר ניט מבאכטען ועגען קינדערס תכלית, און הערען ניט אויף צו שיטען מיט קינדער, אַז ווי אַזוי די קינדער וועלען אויסוואקסען? דאס אַרט זייא ניט. וויא איז זיי ניט קאַועסטענע, ווי האבען זיי קיין רחמנות אויף די אומגליקליכע קינדער? מיט וואס פאר אַ רעכט בעשאפען זיי די אומגליקליכע ווען זיי זענען ניט אין שטאנד ערציהען קינדער ווי עס דארף צו זיין און מאכען זיי פאר מענשען? אַז מען קען ניט דארף מען ניט „מען דארף שטרעקען נאך די עקין" און ווידער ווי האבען אַזוינע מאנען ראַזבוינִיקעס קיין רחמנות ניט אויף זייערע ווייבער, זייער גאנץ לעבען קינדלען און זויגען! אין אמת קריינקען געבעך אַזוי יודישע ווייבער, יעדע יודיש ווייבל פון דרייסיג יאָהר האט שוין אַ פּנים ווי פופציג — שוין אַ אַלטע יודענע. אין אמת געפינען זיך צווישען יודען פוסטע אונערצויגענע קינדער וואס טויגען ניט און זענען ניט פייהיג צו קיין שום זאך, ווייל מען האט זיי ניט ערצויגען ווי עס דארף צו זיין, ד. ה. ניט געמאכט פאר קיין מענשען, דרום אַז זיי וואקסען אויס און דארפען שוין אַליין זוכען אַ מיטטעל צום לעבען, ווייסען זיי געבעך ניט צו וואס זיך צו נעמען. וואס זאלען זיי געבעך טהון אַז מען האט זיי קיין שום זאך ניט אויסגעלערענט און זענען צו קיין שום זאך ניט פייהיג? ווער איז שולדיג אין דעם אלעמען אַז ניט אונזערע יודעלעך אַליין וואס האבען קינדער אָהן שום חשבון און ווי קענען זיי גאר פון קינדער מאכען מענשען, ערציהען זיי ווי

עס דארף צו זיין, אפילו זיי זאלען שוין דאס וועלען, אז ווען אין אזא ארעמקייט ערלויבט מען זיך זעקס אונ אכט קינדער צו האבען? זיין מירעלע, נאך אונזערע פערדיענסטען, נאך אונזער שטאנד טארען מיר מעהר ניט האבען ווי צוויי זיהן אונ איין טאכטער מעהר ניט, גענוג, אז דאס פון איין קינד צום אנדערען דארפסט דו זיך אפרוהען חאטש פיער יאהר. אמת אונזער קינד איז שאן אונ געזונד, אבער ביי וועמען האט דאס קינד צוגענומען דאס געזונד אז ניט ביי דיר? קוק זיך איצטער אן וועסט דו שוין זעהן וואס פאר א אונטערשיעד פון פאר א יאהרען ביז היינט! דוא מוזט זיך אפרוהען, מירעלע.
אזוי האט יונה אפט גערעדט מיט זיין פרוי, אונ פארשטעהט זיך ווענען דער פראגע פון קינדער-האבען אונ וויפיעל קינדער, צו יונגלעך אדער מיידלעך, אונ וועלכע צייט צו האבען קינדער איז מירעלע אין גאנצען בעשטאנען מיט איהר טייערען ליעבען ארענטליך קלוגען געטרייען מאנן אונ עס איז צווישען זיי פעסט געבליבען אז זי דארף זיך פון יעצט אפרוהען פיער יאהר אונ דערנאך האבען א יונגעלע אונ עט שפעטער שוין כמעט אויף דער עלטער האבען א טאכטערל.

* * *

זעהר זעלטען אז עס זאל זיך ענדיגען אזוי ווי דער מענש טראכט, ווי זאגט מען: „א מענש טראכט אונ גאט לאכט“ — עס איז ניט אוועקגעגאנגען א חודש זינט מירל האט אנטוויינט איהר ערשט קינד איז זי ווייטער, אין א גוטער שעה, פארגאנגען מיט דעם צווייטען קינד, אונ שטעלט אייך פאר, אז יונה מיט מירלען האבען זיך ניט נאר דערפאר ניט דערשראקען נאר פארקעהרט זייא האבען זיך מיט דעם נייעם ווי דערפרייעט, ווי עפעס א נייע גליק האט זיי גאט געשיקט. זיי האבען זיך צוקושט אונ ביידע געזאגט:

— צוויי קינדער מוז מען האבען, איינס איז קיינס, איין גלאז איז ניט גוט צו האבען אין שטוב.

אונ זיי האבען זיך דערמאנט, ווען ניט היינטגעדאכט זייער קינד איז ניט געווען געזונד האבען זיי זיך אזוי דערשראקען, עס איז זיי שיעור די נשמה ניט ארויס פאר שרעק, פאר דעם הונדערסטען פאלל חס ושלום. „לאז זיין צוויי“ האבען דאס יונגע מאנן אונ ווייב געזאגט, געוואונשען עס זאלען זיין מיט געזונד, מיט פיעל גליק אונ מיט אסך יאהרען.

מירל האט מיט מאל געהאט א טאכטער, אללע האבען געזאגט אז דאס וועט אויסוואקסען א קראסאוויצע, ניט אומזיסט האט זי נעבעך געהאט אזא שווער „טראגען“ אונ „האבען“. דער דאקטאר האט עטליכע מאהל יונה'ן געזאגט אויף דעם אויער אז זיין ווייב טאר ניט זויגען, ער האט נעבעך געהאט גענוג צרות אונ גענוג געלד איז אוועק געגאנגען איידער ער האט געפונען א אם, ווארום דער דאקטאר האט געזאגט

אז וואס די אם וועט זיין געזונדטער וועט דאס קינד זיין געזונדטער. אין א צייט פון דריי חדשים האט מען דריי אמען געביטען, דאס קינד איז שוין געבעך געווארען קראנק פון דעם ביטען. איין אם האט מען געגעבען פאראויס געלד דרייסיג רובל און מען האט זי געמוזט אבזאגען, ווייל דער דאקטאר האט געזאגט אז זי איז ניט אזא געזונדטע; די צווייטע וואס מען האט אבגעזאגט ווייל דער דאקטאר האט געזאגט אז זי האט ווינציג צו זייגען, האט אויך געקאסט גענוג געלד; ביי דער דריטטער האט מען זיך געמוזט האלטען חאטש פון איהרע קאפריזען איז ניט געוועזן אויס צו שטעהן, יונה אליין האט בעדארפט זיין איהר משרת, דערלאנגען איהר בנאכט די געבריהטע מילך מיט דער גראבער פעטער הויט, דאס בעסטע עסען האט מען דער אם אוועקגעגעבען און טאמער איז איהר ניט געפעלען פלעגט זי דאס גאנצע עסען שמיטצען און ווארפען; דא האט זיך איהר פארגלוסט וויין טרינקען, וואס איז? ווען זי איז פאר דריי יאהרען געוועזן א אם האט זי גאר קיין וואסער ניט געטרונקען נאר וויין אדער ביער. יונה האט איהר דאס אויך צוגעשטעלט, חאטש ער איז ניט געוועזן אין שטאנד, מען האט אבער געמוזט ליידען אלע איהרע קאפריזען פון רחמנות צום קינד — געה ביים ווייטער אויף א נייע אם! ערשטענס ווער ווייסט צו דאס קינד וועט דאס איבערלעבען, עס איז שוין אזוי געוואהנט צו איהר, און אין צווייטענס ווער ווייסט צו די נייע אם וועט זיין א בעסערע? דערצו דארף מען נייע געלד פאר איהר אויסצאהלען, עס איז פאר יונה'ן אזוי אויך גענוג שווער, איבער די קראפטען. מען האט ווייטער נאך מעהר געליטען פון דער דריטטער אם'ס קאפריזען

פון זייערע עטליכע הונדערט רובל גרן האט אלע מאל אנגעהויבען ווינציגער ווערען און דא האט זיך נאך געמאכט אזוי, אז באלד נאך דער קינדבעט האט זיך ביי מירל'ן ברוסט צוגעלעגט און דאס האט אויף גיך געקאסט א גאנצען הונדערטער מיט שרעקעניש.

קיין סך הונדערטער האט יונה ניט פארמאגט.

און דאס ווייסט יעדער אז „קאפיטאל" האט אין זיך אזא מין טבע, באלד ווי הויבט נאר אן אראב צונעמען מעג מען זיך שוין דערמיט געזעגענען

יונה מיט מירל'ען האבען צווישען זיך פעסט אבגערעדט אז מען זאל נאר דערלעבען געזונדערהייד דאס קינד אנטוויינען, בעפרייען זיך פון דער וויסטער אם די שלאנג, וועט די הוצאה ווערען א ביסעל קלענער, קינדער וועלען זיי, פארשטעהט זיך, שוין מעהר ניט האבען, גענוג איבערגענוג, זיי וועלען שוין פארזאגען דעם צעהנטען! — דאן, האט יונה געדרונגען זיין ווייב. אז מיר וועלען זיך בעפרייען פון דער אם די שלאנג, די קינדערלעך וועלען שוין אויך זיין עלטער, דאן וועלען מיר אנהויבען ערשט וויסען פון א רוהיג לעבען, מען וועט קענען אויך אנהויבען פארשפארען, ווארום קיין קאפיטאל איז שוין כמעט ניט דא, איצטער איז ניט מעגליך צו פארשפארען און קלויבען א גראשען, אבער שפעטער...

זינט דאס צווייטע קינד איז געבוירען געווארען און מען האט אריינגענומען

די אם אין שטוב, האט זיך ביים יונגען פאר-פאלק דאס גאנצע לעבען אין אלע אופנים איבערגעביטען, די אמאהליגע רייגע צוויי ציממערלעך מיט דער שאנער אויסגעפוצטער קיך איז גאר ניט צו דערקענען, אגאנצע איבערקערעניש! אין קיך איז שוין ניט אזוי ווי פריהער, אין שטוב דעסמטגלייכען, ניט אללעס וואס מען שטעלט אנידער שטעהט אויף א ארט, אט דאכט זיך לייגט מען אנידער, אט דארף מען שוין זוכען איידער מען געפינט, פון דעם פונט פלייש וואס מען נעמט צו מיטטאג ווערט שוין ניט קיין דריי געריכטען נור א בארשט אדער א קאשע מיט יוך. יונה'ס קליינע ביבליאטהעקע מיט שאנע בינדען וואס ער האט אנגעקויפט נאך בחור-ווייז און דאס ערשטע יאהר נאך דער חתונה, וואס זענען שטענדיג געשטאנען אין בעסטער ארדענונג אין א געפאליטורטע שווארצע עטאזשערקע, זענען איצטער צוווארפען, א סך ביכער זענען צוריסען, אלע קליינינגקייטען פון דעם שרייב-טיש זענען צוווארפען איבער דער גאנצער שטוב. דאס שטעהענדיגע שפיגעלע פון ספאלניע איז אהאלבע גלאז צושפאלטען און מיט שטויב באדעקט. דער נייער געפאליטורטער טיש וואס פלעגט יעדען טאג ארומגעווישט ווערען ריין ווי גאלד האט אין זיך א גרויסען פלעק פון טינט און אנדערע קאליערען.

אפט ווען יונה קומט צו מיטטאג איז נאך אין שטוב ניט אויפגעראמט, אפילו די בעטטען ניט אין גאנצען פארבעט און דער בעזים שטעהט אין מיטטען שטוב און ער דארף נאך ווארטען אגוטע שעה איידער דער מיטטאג ווערט פארטיג. ער זעהט ווי מירל איז שטארק פארפארעט, גרייט ער אליין דערווייל צום טיש, אווייסער טישטוך צו א קויטיגער, אלץ איינס אבי געגרייט צום טיש. ביז דער מיטטאג ווערט פארטיג פארשטאפט ער דערווייל די קישקע מיט טרוקען ברויט און ווען מען דערלאנגט צום טיש דאס שטיקעל פלייש מיט דער קאשע מיט יוך איז שוין ניט דא דער פריהריגער אפעטיט און היינט וואס פאר א טעם האט דאס עסען אין גאנצען? דאס איז הארט און יענץ איז רוי, געלד קאסט אזוי פיעל, די הוצאה איז קיין עין הרע אזוי גרויס און אפילו פון מיטטאג האט מען קיין הנאה ניט! יונה'ן פערדריעהט אויך וואס ווען ער קומט צום מיטטאג, איז מירל נאך ניט אנגעטהון און ארומגעוואשען ווי עס דארף זיין, שבת ווען יונה האט בעדארפט איבערבייטען גרעט, האט אפט געפעהלט קנעפלעך אדער עפּיס איז געווען צוריסען.

יונה אליין האט זיך אויך אויף א סך איבערגעביטען: דער שטענדיגער געפוצטער יונה וואס פלעגט ארויסגעהן אין גאס ווי א טאק, ווי א פראנט, פארפוצט פארקעמט, געהט יעצט עפּיס ווי א אבגעלאזענער, ווי א נאחליהע, ווער פארקעמט, וואס פאר-פוצט! זיינע קליידער קוקען אן א בארשטעל אפשר איין מאהל אין דער וואך; ערב שבת; אויף זיין קאפ קען מען אויך אמאהל געפינען פעדערען פון בעטגעוואנט, שטענדיג צושפילעט, צוחראסטעט, און ווי האט ער גאר צייט דערויף אז אפילו נאך מיטטאג געהט ער היינט אויך אוועק אין קאנטאר, ער האט אויף זיך גענומען מעהרער ארבייט האבען מעהר צעהן רובעל א חודש וועלכע ער דארף אזוי געטהיג האבען.

אמאהל פלעגט ער פאר דער גאנצער אונארדענונג אין שטוב פארהאלטען זיין

ווייב, זייער שמועסט נאך ווען ער פלעגט קומען אהיים צו מיטטאג א אנגעהארעוועטער א הונגעריגער און האט נאך בעדארפט ווארטען אויף דעם מיטטאג פלעגט ער אין כעס ווערען און שרייען אויף זיין ווייב. נאר שפעטער ווען ער האט געהאט צייט זיך באטראכטען האט ער בארעכענט אז זי איז נעבעך כלל ניט שולדיג, זי איז נעבעך מעהר ניט ווי איין מענש, זי שטעהט אויף אין דער פריה הויבט זיך אן מיט די קינדער, מיט דעם מיטטאג קאכען, מיט דער אסים קאפריזען, זי האפט איין ארבייט פאר דער אנדערע, זי וויל אללעס פריהער פארטיג מאכען ביז ווען ער קומט צו מיטטאג איז נאך גאר ניט פארטיג; היינט דאס עלטערע קינד שפילט זיך אליין, שמירט ער שפיים אויס, גיסט אויס, צוווארפט אללעס וואס דאס קינד קען נאר נעמען. קען זי איהם זאגען „ניט טהו דאס, ניט יענץ"? זי דאנקט נאר גאטט אז דאס קינד שפיעלט זיך אליין און שטערט איהר ניט אין דער ארבייט. נאך א מענש צונעמען צום קינד טראגט ניט, יונה הארעוועט נעבעך אזוי אויך איבערן כח און האט אזא שלעכטע פנים אז עס איז א רחמנות צו קוקען. ער שרייט א מאהל אויף איהר עס איז איהם שלעכט, נא שווייגט זי, ווער דען זאל פארטראגען זיין שרייען אז ניט זיין ווייב?

עס איז שוין שטענדיג אזוי געוועזען ווען נאר יונה האט אויף מירלען געשריען פלעגט ער שוין אין א שעה ארום אדער ניט שפעטער ווי אויף מארגען צוואנציג מאהל איבערבעטען זי, זי זאל איהם מוחל זיין וואס ער האט אומזיסט געשריגען אויף איהר, ער איז געוועזען הונגעריג... א. ד. ג. מירל פלעגט איהם ענטפערען אז זי איז נאר ניט ברוגז אויף איהם.

— עס איז אליגען, דו ביזט נאך ברוגז אויף מיר.

— ניין, חלעבען.

— איך בין אזוי אין כעס געוועזען און איך האב אזוי פיעל אויף דיר געשריען.

— אז דו שרייסט אויף מיר, טהוט מיר נאר וועה דאס הארץ אבער ברוגז בין איך אויף דיר ניט.

— נא, טהו זשע אלאך, וועל איך וויסען אז דו ביזט אויף מיר ניט ברוגז.

— איך קען ניט לאכען ווען מען הייסט מיר לאכען.

— ניין, טהו באלד אלאך, פלעגט יונה ניט אבטרעטען ביז מירל האט זיך ניט וויללענדיג צולאכט און ער פלעגט זי דערפאר אבשטעטען מיט א סך קושען.

מעהר ווי א האלב יאהר איז פון דער צווייטער קינדבעט אוועקגעגאנגען און יונה מיט מירלען האבען זיך טאקי אבגעהיט, נאר דערנאך איז נאך אוועקגעגאנגען ניין חדשים און מירעל האט אזוי אבגעהיטערהייט געהאט למזל א דריטט קינד — א טאכטער. יונה איז געוועזען אויסער זיך, נאר ווען ער האט דעם ערשטען קוק געטהון אויף זיין נייער טאכטער ווי זי האט געזוכט מיט די ליפעלעך און געבלאנדזעט מיט די אויגעלעך האט ער געפונען אז אזא קראסאוויצע איז נאך ניט געוועזען זינט די וועלט שטעהט און עס קאן גאר ניט זיין כל זמן די וועלט וועט נאך שטעהן, ער איז אין דער מינוט וועהר פרעהליך געווארען און ווי דער גליקליכסטער פאטער האט ער געזאגט זיין ווייב:

האסט געזעהען, מירעלע, וואס פאר א געטאקט נאזעלע אונזער נייע טאכטער האט? זי איז געבוירען געווארען מיט א שווארצע פאטלע האר!

מיט אויגען פולל פון מוטטערליכע גליק האט זי א קוק געטהון אויף איהר יונגהן און א שמייכעל געטהון עפעס מיט א געוויכט פון א בקשה, און יונה האט לאנג געקוקט זיין נייע טאכטער.

די צייט איז געגאנגען, עס האט זיך ווייטער אנגעהויבען מיט א אם מיט קאפריזען, מיט נאך מעהר אונארדנונג איז שטוב, מיט דעם „מיטטאג" און מיט אללעם, די הוצאה איז נאך גרעסער געווארען און יונה מיט זיין מירלען זענען נאך געווען מעהר פארארבייט אז זיי האבען שוין זיך גאר ניט אומגעקוקט ווי פריהר צו עס קען זיין ביי זיי אין שטוב מעהר ארדנונג ווי יעצט, אזוי איז מען נעבעך געווען פארפארעט, פארארבייט. יונה האט ניט נאר אויפגעהערט שרייען נאר פארקעהרט ווי ער האט קיין צייט געהאט און זיך שטענדיג געאיילט אין קאנטאר, פלעגט ער אליין אנטהון דאס עלטערע קינד, עס ארומוואשען און עס אנהאדעווען, אויף דער נאכט ווי ער פלעגט זיין מיעד פלעגט ער אליין אויסטהון זיינע עלטערע קינדער און מיט שאנע מעשהלעך און ליעדעלעך פארוויגען די צווייטע טאכטער אין וויגעלע און די עלטסטע ביי דער מוטטער אין בעט, און ביי נאכט אז א קינד האט געוויינט אדער עפעס געוואלט, פלעגט ער זיך פריהר אויפכאפען און אין דער שטיל צופריעדען שטעללען דאס קינד אבי ניט אויפוועקען זיין מירלען, זי זאל כאטש קענען רוהיג שלאפען ביי נאכט.

פאר זיין גאנצער הארעוואניע האט ער זיך געטרייסט מיט איין זאך.

— נא גענוג!... דריי קינדערלעך איז ניט אזא געוואלד, די אם — די צרה וועלען מיר אי״ה אויך באלד איבערלעבען, די קינדער וועלען דערוויל עלטער ווערען, מען וועט שוין קענען לעבען אביסעל רוהיגער, מען וועט קענען פארשפארען, ניט זיין אזוי פארשולדיגט. פון דערוואקסענע קינדערלעך איז ניט אזא געפילדער מיט אזא אונארדנונג, פארקערט צו ביסלעך הייבען זיי שוין אן אליין מיטהעלפען אין שטוב אין דער ארבייט, אז מען קען שוין אליין אביסעל אבדרעכען.

〰〰〰

IV.

אין קאנטאר.

שטעלט אייך פאר מיט וואס פאר א הארץ יונה איז היינט נאך מיטטאג אוועק געגאנגען אין קאנטאר ווען זיין מירל האט איהם פארשעמט, דערשראקען, ווי א פארשולדיגטע, געזאגט שטיל:

— דאכט זיך „יא"...

— נא אז זי זאגט „דאכט זיך יא" איז שוין געווים „יא" — האט יונה געזאגט צו זיך פון יענער זייט טהיר און מיט גיכע טריט ארויס אויף דער גאס.

ווי א צודולטער, ווי דער אומגליקליכסטער איז ער געגאנגען און קיין זאך ניט באמערקט פאר זיך, און מיט איין אראבגעלאזטען קאפף ווי גלייך ער האט איהם אין גאנצען פארלוירען איז ער אריין געקומען אין קאנטאר.

— וואס איז מיט אייך, גלאזמאנן? האט יונה'ן דארט איינער געפרעגט וואס איז געזעסען ביי א שרייב טיש און דיענט שוין צוזאמען מיט איהם עטליכע יאהר — וואס זענט איהר אזוי בלאס, אזוי טרויעריג?

— הא... וואס?... גאר ניט... איך בין זעהר מיעד, האט יונה געענטפערט און זיך געזעצט אויף זיין שטול געבען זיין שרייב קאנטארקע.

יונה האט עטליכע מאהל אנגעהויבען שרייבען און האט אללע מאהל אוועקגעלעגט.

— עס גלוסט זיך מיר היינט ניט ארבייטען, איך בין שרעקליך שוואך, איך בין זעהר מיעד, האט זיך יונה געווענדעט צום יונגען מאנן וואס איז געזעסען ניט ווייט פון איהם.

— מיר אויך ניט! האט פרעהליך זיך אנגערופען דער יונגער מאנן, זיך אויפגעהויבען פון שטול, איין פוס אנגעשפארט אויף דער שטול, פארדרויבערט א פאפיראס און געלאזט רויכבייגעלעך אין דער לופט.

— איהר ווייסט, גלאזמאנן — האט זיך דער יונגער מאנן ווייטער אנגערופען — געכטען האב איך זיך כמעט שוין אין גאנצען מיט „איהר" ערקלעהרט, עס זאלען גאר ניט געווען אנקומען קיין געסט, און עס קען אויך זיין איך וועל בעקומען א גוטען ענטפער, וועל איך נאך היינטיגע וואך א חתן ווערען.

— וואס?

— א חתן וועל איך היינטיגע וואך ווערען פאר איהר, א, ליעבער פריינד! איהר קאלט וויסען ווי גליקליך איך בין, א סך געגען מיר מקנא אויף אזא כלה. אין צוויי חדשים וועלען מיר אפלעגען די חתונה.

— חתונה!??

— יא יא, די חתונה.

חתונה!?!...

— אי געהט! איך קען מיט אייך היינט ניט רעדען, איהר זענט מיט עפעס פארטראגען, לאז שוין זיין אויף א אנדערם מאהל, — האט דער יונגער מאנן געזאגט, געזעגענט זיך מיט יונה'ן, אנגעטהון זיין שטשעגאלסקע פאלטע מיט דער ליכטיגער שלאפע, גענומען דאס דינגע שטעקעלע און פרעהליך לעבעדיג מיט א פאפיראס אין מויל ארויס פון קאנטאר. יונה איז געבליבען אליין.

— א ריינער אומגליק אט דאס חתונה האבען! האט יונה אנגעהויבען צו זיך.

— נָא אֵיין מָאהל חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז זִיךְ שׁוֹין נִיט אָבְּצוּקוֹיפֶען, אָבְּצוּטְשֶׁעפֶּען זִיךְ דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען! וָואס פַאר אַ פַארְבְּרֶעךְ הָאבּ אִיךְ אַזוֹיגְס גֶעטְהוֹן וָואס אִיךְ קוּם אָבּ אַזוֹי אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָא אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט! אָבֶּער אַזוֹי פִּיעל אָבְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, זִיךְ נִיט אָבְּרוּהֶען אוֹיף קֵיין מִינוּט, נִיט וִויסֶען פוּן קֵיין לֶעבֶּען, פִּינֶע אוּנ פִּינֶע, אַרְבֵּייט אוּנ אַרְבֵּייט וִוי צֶעהְן אָקְסֶען אִין דֶער יַארְמָא, וָואס אִיז? — אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט! — נָא אוּנ זִי? מִירֶעלֶע מַיינֶע... אִיז דֶען נִיט אַ גָאטְס רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיהְר?... נָאךְ מֶעהְר וִויא אוֹיף מִיר!... מֵיילָא אִיךְ... אִיךְ... אִיךְ בִּין אִין קַאנְטָאר! אָבֶּער זִי גֶעבֶּעךְ, וָואס זֶעהְט זִי? פַארהָארֶעוֶועט, פֶארְקוֹיפְט, פַארַארְבֵּייטֶעט אַז שְׁלָאפֶען אוֹיסְרוּהֶען לָאזְט מֶען זִי נִיט. אַזַא גֶעזוּנְד שַׁאן בְּלִיהֶענְדִיג מֵיידֶעל וִוי זִי אִיז גֶעוֶוען, אַזַא לֶעבֶּעדִיגֶע, אַזַא פְרֶעהְלִיכֶע, וִוי פִּיעל לֶעבֶּען הָאט זִיךְ אִין אִיהְר גֶעפוּנֶען! אוּנ וָואס אִיז אִיצְט פוּן אִיהְר גֶעוָוארֶען? וואו אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען דִי פְרִיהֶערְדִיגֶע מִירֶל? וואו אִיז אִיהְרֶע גֶעזוּנְדְטֶע בַּאקֶען, אִיהְר פוּלֶער הַאלְדְז, אִיהְר הַארְץ, אִיהְר זֶעלְטֶענֶע שֶׁאנֶע גֶעזוּנְדְטֶע טַאלְיֶע? הוֹיט אוּנ בֵּיינֶער אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פוּן אַלֶעם, נָאר דִי אוֹיגֶען בְּלִישְׁטְשֶׁען נָאךְ אִין אִיהְר. וֶוער הָאט דָאס אַלֶעס בַּיי אִיהְר צוּגֶענוּמֶען? — דִי קִינְדֶער!... מִיט וָואס פַאר אַ רֶעכְט? מִיט וָואס פַאר אַ רֶעכְט נֶעמֶען זֵיי אַוֶועק בַּיי מִיר מַיין שַׁאן גֶעזוּנְד וַוייבּ!?... אוּנ אִיצְטֶער... וַוייטֶער מִיט דֶעם פִיעַרְטֶען קִינְד!... מִיט דֶעם פִיעַרְטֶען קִינְד אוּנ מִיט פוּפְצִיג רוּבֶּעלֶעס זְשַׁאלָאוַואנְיֶע!... וָואס וֶועט זַיין וַוייטֶער? מִיט מִירֶלֶען?... מִיט מִיר?... מִיט דִי קִינְדֶער?... נֵיין! וַוייטֶער קֶען אַזוֹי נִיט זַיין!... אִיךְ וֶועל נִיט דֶערְלָאזֶען!... אִיךְ ווִילל נִיט אַז דִי קִינְדֶער זָאלֶען טַאקִי אִין גַאנְצֶען אוֹיפְעֶסֶען מַיין וַוייבּ מַיין טַייעֶרֶע מִירֶעלֶען וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ לִיעבּ, אָהן וֶועלְכֶע אוֹיף דֶעם הוּנְדֶערְטֶען פַאל חַס וְשָׁלוֹם וֶועל אִיךְ אַ מִינוּט נִיט קֶענֶען לֶעבֶּען. אִיךְ ווִילל נִיט, אִיךְ ווִילל נִיט! אוֹיס! אַיין עֶק! אַ סוֹף!...

יוֹנָה אִיז זִיךְ אַבִּיסֶעל דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען הִין אוּנ צוּרִיק אִיבֶּער דֶער קַאנְטָאר אוּנ זִיךְ וַוייטֶער אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים טִישׁ.

— אַ מַזָל אוּמְשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט! — נִיט יֶעדֶענְס מַזָל אִיז גְלַייךְ! — מַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער שָׁלוֹם הָאט שׁוֹין צֶעהְן יָאהְר חֲתוּנָה אוּנ נִיט אֵיין קִינְד! אִין אֱמֶת וִוי לֶעבְּט עֶר אוּנ וִוי לֶעבּ אִיךְ? עֶר לֶעבְּט זִיךְ וִוי אַ גְרַאף! אִין שְׁטוּבּ אִיז זִיךְ אַרַיין צוּ קוּמֶען וִוי צוּם גְרֶעסְטֶען גְבִיר. אַזַא אָרְדֶענוּנְג אַזוֹי שְׁטִיל, זַיין וַוייבּ וֶוערְט אַלֶע מָאהל בְּרֵייטֶער אוּנ גֶעזוּנְדְטֶער אוּנ הָאט אַלֶע פֶערְגֶענִיגֶען. שָׁלוֹם הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט ווִינְצִיגֶער נַדָן וִוי אִיךְ אוּנ בִּכְלָל וִוי קוּמְט זִי צוּ מַיין מִירֶלֶען, דַאכְט זִיךְ מַיין מִירֶעלְס פַּאדְמִיאָטְקֶע אִיז זִיךְ גֶעוֶוען שֶׁאנֶער פוּן אִיהְר אִין גַאנְצֶען, אוּנ הַיינְט? אוֹי, אוֹי... — נֵיין, וַוייטֶער וֶועט נִיט זַיין אַזוֹי, עֶס מֶעג זַיין וָואס עֶס ווִילל זִיךְ אוּנ מֶעהְר נִיט! דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מֶעג זִיךְ אִיצְט שׁוֹין אִיבֶּערְקֶעהְרֶען קֵיין קִינְדֶער וֶועל אִיךְ שׁוֹין מֶעהְר נִיט הָאבֶּען אוּנ אֵיין קִינְד אָדֶער אֶפְשַׁר צְוֵויי וֶועל אִיךְ אַוֶועק שִׁיקֶען צוּ שָׁלוֹם'ן. עֶר מִיט זַיין וַוייבּ הָאבֶּען מִיר נָאךְ פַאר אַ יָאהְרֶען צְוַואנְצִיג מָאהל גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ גֶעבֶּעטֶען אִיךְ זָאלל זֵיי שִׁיקֶען מַיינְס אַ קִינְד, פַאר וָואס הָאבּ אִיךְ טַאקִי נִיט גֶעשִׁיקְט וַויים אִיךְ טַאקִי נִיט, וָואס

וואלט איך דא אנטשווארען? די גרויסע פערגעניגען וואס איך קען מיינע קינדער געבען פון די פופציג רובעלעס ושאלאוואניע! איך ווייס, דאכט מיר וואס דארט ווארפט מען ארויס געפינט זיך ביי מיר אין שטוב ניט! זיי געמען דען צו ביי מיר מיין קינד? וואס וועט מיך הארען אז מיין קינד וועט דארט זיין גוט און מיר וועט אויך ווערען גראבער און גרינגער? מירל וועט זיך האטש קענען אברוהען. איך האב נאך פאר א יאהרען געוואלט זיי שיקען פערעלען, נאר איך האב מירלען ניט געוואלט טהון דערגעגען, זי האט געזאגט אז זי וועט בענקען, דא הלעבען נאך וואס צו בענקען! ושעדגע אונבאי נאך אקינד, קארג געפילדער קיין עין הרע ביי מיר אין שטוב! איין אמתער מארק אז מען הערט ניט וואס מען רעדט איבער זיי. איך וויל גאר ניט וויסען, נאך טאקי די וואך און ניט שפעטער ווי נאך שבת שיק איך פערעלען צום ברודער. נאך היינט אויף דער נאכט וועל איך היסען צוגרייטען אלעס וואס פערעלע דארף מיט זיך האבען און היינט אויף דער נאכט שרייבען שלום'ן ער זאל שיקען נאך פערעלען. א וואס פאר א שמחה וועט זיין ביי זיי אז זיי וועלען מיין בריעף בעקוממען! זי געהט לאנג אוים נעהמען צו זיך אקינד, שלום זאל אזוי ניט סקוטשאיען, נאר ער וויל ניט קיין אנדער קינד ווי מיינס. עס וועט ווערען גאר אנדערש ביי מיר, מעהר וועל איך ניט דערלאזען!...

נאך פיעל גוטע נייע פלאנער איז יונה'ן אויפגעקוממען ווי צו שטעלען זיין הויז אין ארדענונג און עס זאל פון היינט אן מעהר ניט אוועקגעהן ווי פיעל ער פארדיענט און אפשר נאך ביזרשפארען.

פלוצים האט ער זיך ווייטער דערמאנט אן זיין מירלען, טאמער וועט זי ווייטער זאגען אז מען וועט אוועקשיקען פערעלען וועט זי בענקען.

— איך וועל זי ניט הערען, זי וויל ניט פערעלען לאז זיין א נ'אנדער קינד. ביי מיר איז אלין איינס, מעהר וועל איך זי שוין ניט פלאגען... גענוג!...

V.

אוועקגעשיקט.

היינטיגען אבענד האט מירל אוועקגעווארפען אללע ארבייט און אויפגעראמט אין שטוב פונקט ווי עס איז א יום טוב, אפילו די גלאזלעך פון די לאמפען ריין אויס־געווישט כדי עס זאל ברענגען ליכטיגער, אללע קינדער אפילו דאס קלענסטע אבגע־וואשען, אויסגעצוואגען און גאנץ ריין אנגעטהון, זי אליין האט זיך אויך אנגעטהון א ווייס געפרעסט טציצען קלייד. אללעס אין שטוב איז געשטאנען און געלעגען אין בעסטער ארדענונג, אומעטום איז געווען זויבער ריין, פין טיש האט געפינקעלט דער סאמאוואר,

דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז עֶפֶּעס אַ יוֹם טוֹב, זֶענֶען שְׁטִילל דֶער־פַאר גֶעוֶועזֶען וַוייל זַייא הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז יוֹם טוֹב גִיט מֶען גוּטֶע זַאכֶען.

דָאס אַללֶעס הָאט מִירְל גֶעטְהוּן הַיינְטִיגֶען אָבֶענְד דֶערְפַאר, וַוייל זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז נָאךְ דֶער גוּטֶער בְּשׂוֹרָה וָואס זִי הָאט הַיינְט נָאךְ מִיטְטָאג יוֹנָה׳ן דֶערְצֶעהְלְט וָועט עֶר גֶעוִויס קוּמְמֶען טְרוֹיעֶרִיג, דֶערְשְׁלָאגֶען, אַרָאבְּגֶעפַאלֶען בַּיי זִיךְ, דְרוּם הָאט מִירְל גֶעטְרַאכְט, זָאל אַללֶעס אִין שְׁטוּבּ זַיין אִין אָרְדֶענוּנְג עֶר זָאל וֶוערֶען פְרֶעהְלִיכֶער, נִיט מֵיינֶען אַז דִי וֶועלְט אִיז שׁוֹין אִין גַאנְצֶען גֶעפַאלֶען, נִיט הָאבֶּען אִין וָואס זִיךְ צוּ־טְשֶׁעפֶּען אוּנ אִין כַּעַס וֶוערֶען. עֶפֶּעס אִין דֶעם נַייעֶס וָואס זִי הָאט הַיינְט יוֹנָה׳ן דֶער־צֶעהְלְט הָאט זִי נָאר זִיךְ אַלֵיין בֶּעשׁוּלְדִיגְט אוּנ אַלֵין גֶעזוּכְט אִיהם צוּ פַארְגִיטִיגֶען.—

מִיט אוּנְגֶעדוּלְד הָאט זִי עֶרְוַוארְטֶעט יוֹנָה׳ן פְרִיהֶער וִוי אַלֶעמֶען, דָאס הַארְץ הָאט אִיהְר זֶעהְר וֵויי גֶעטְהוּן פַאר אִיהְם אוּנ הָאט אִיהְם גֶעוָואלְט טְרֵייסְטֶען „אַז דִי וֶועלְט אִיז נָאךְ נִיט גֶעפַאלֶען, זֵיי זֶענֶען נִיט אֵיינֶע בַּיי גָאטְט, גָאטְט גִיט קִינְדֶער וֶועט עֶר גֶעבֶּען צוּ דִי קִינְדֶער" אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער הָאט זִי צוּגֶעגְרֵייט אִיהְם צוּ טְרֵייסְטֶען אוּנ דֶערְצוּ הָאט זִי גֶעוואוּסְט אַז נָאר זִי, זִי אַלֵיין אִיז אִים שְׁטַאנְד אִיהְם גוּט צוּ מַאכֶען אוּנ טְרֵייסְטֶען — אִיהְם פַארְגְרִינְגֶערֶען.

— עֶר אִיז זִיךְ אַזַא גוּטֶער — פְלֶעגְט מִירֶעל אָפְט זָאגֶען — מִיר הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי לִיעבּ, עֶס אִיז גֶענוּג אַז מִיר זָאלֶען זִיךְ בֵּיידֶע גוּט אָנְקוּקֶען אִין דִי אוֹיגֶען אַז מִיר זָאללֶען אִין אַללֶעס פַארְגֶעסֶען אוּנ פִיהלֶען זִיךְ פַאר דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע אִין דֶער וֶועלְט, וֶוער שְׁמוּעֶסְט נָאךְ צוּזַאמְמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע בְּרִילְיַאנְטֶענֶע קִינְדֶערְלֶעךְ; וֶוער הָאט נָאךְ אַזוֹי לִיעבּ קִינְדֶער וִוי עֶר? אִיז דֶען דָא אַזַא גֶעטְרֵייעֶר פָאטֶער וִוי עֶר? עֶר הָאט דָאךְ דָאס בֶּעסְטֶע פֶּער־גֶענִיגֶען זִיךְ נַיאנְטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער, אַסַךְ מֶעהְר וִוי אִיךְ, אוּנ וִוי הָאבֶּען אִיהְם דִי קִינְדֶער לִיעבּ! עֶס אִיז דֶען גֶעוֶועהְן גֶעוָוארֶען אַזַא טַייעֶרֶער טַאטֶע מִיט אַזֶעלְכֶע קִינְדֶערְלֶעךְ! נָאר... נָאר יוֹנָה אִיז דֶען נִיט גֶערֶעכְט? עֶר הָארֶעוֶועט שׁוֹין אַזוֹי אוֹיךְ גֶעבֶּעךְ אִיבֶּערְן כֹּחַ, שׁוֹין אַ יָאהְר אַז עֶר שְׁלֶעפְּט זִיךְ אִין זַיין אַלְטֶען פַּאלְטָא אַז עֶס פְלַאמְט מִיר דָאס פָּנִים אוּנ ווילל זִיךְ נִיט מַאכֶען קֵיין נַייעֶם, אַלְץ גִיט עֶר אַוֶועק פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ. אַוַודַאי דַארְפֶען קִינְדֶער קֵיין עַיִן הָרָע הָאבֶּען! וִוי פִיעל קָאסְט אִיהְם גֶעבֶּעךְ גֶעזוּנְד וָואס פוּן מִיר וֶוערְט אַ תֵּל אִיבֶּער דִי קִינְדֶער, עֶר שְׁרֵייט וואוּ אִיז זַיין גֶעזוּנְדְטֶע מִירֶעל אַהִין גֶעקוּמְמֶען, עֶר אִיז דֶען נִיט גֶערֶעכְט?...

עֶנְדְלִיךְ אִיז יוֹנָה אַהֵיים גֶעקוּמְמֶען, עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען זֶעהְר צוּטְרָאגֶען, טְרוֹיעֶרִיג אוּנ אַרָאבְּגֶעלָאזְט דֶעם קָאפּ, אֲפִילוּ נִיט בַּאמֶערְקְט דִי גְרוֹיסֶע פַארֶענְדֶערוּנְג בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּנ אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶערְלֶעךְ, זִיךְ אֲפִילוּ פַארְגֶעסֶען זִיךְ צוּקוּשֶׁען מִיט זֵיי.

— מִירֶעל! הָאט יוֹנָה גְלַייךְ גֶעזָאגְט, הַיינְט שְׁרֵייבּ אִיךְ אַ בְּרִיעף צוּ שָׁלוֹם׳ן, אַז אִיךְ שִׁיק אִיהְם אוּנְזֶער פֶּערֶעלֶען. שׁוֹין פוּן אַ יָאהְר אַז עֶר הֶערְט זִיךְ נִיט אוֹיף צוּ בֶּעטֶען מִיר זָאלֶען אִיהְם שִׁיקֶען אַ קִינְד. דוּ זָאלְסְט אָנְגְרֵייטֶען אַללֶעס וָואס פֶּערֶעלֶע דַארְף

מיטנעהמען, די פערד זאללען לאנג ניט בעדארפען ווארטען.

מירלען האט זיך ווי עפעס אבגעריסען אין הארצען, טרעהרען האבען זי געשטיקט אין האלדז, זי האט ניט געקענט ענטפערען, זי האט זיך נאר געפיהלט אז זי האט זיך שטארק פארשולדיגט פאר יונה'ן וועלכען זי האט אזוי היים ליעב, ווי קען זי נאר יעצט זאגען איהם א דעה וואס ער וויל טהון? געוויס איז איהם געבען שווער, מסתמא דארף ער אזוי טהון, זי קען איהם איצט ניט זאגען ווי פאר א יאהרען „איך וועל בענקען".—

— נא וואס זאגסט דו מירעלע?

— וואס זאל איך זאגען, אז דו פארשטעהסט אזוי זאל זיין אזוי, פערעלע איז דען ניט דיין קינד ווי מיינס?

— טאמער ניט פערעלען? אפשר א אנדער קינד?

— וואס איז דער אונטערשייד? אללע זענען אונזערע קינדער

— אט וועט זיין ביי שלום'ן מיט זיין ווייב א שמחה ווען זיי וועלען בעקומען מיין בריעף אז איך שיק זיי פערעלען, זי וועט זיך נאך מעהר פרייען, זי וועט פערעלען טראגען אויף דעם קאפ.

אין אכט טאג ארום איז געקומען פון יונה'ס עלטערען ברודער א פוהר מיט עטליכע קישען אונ קאלדרעס איינצוויקלען גוט דאס קינד, חאטש עס איז געוועזען נאך זוממער. אונ זייער א יודענע מיט א בריעף אין וועלכען זיי דאנקען טויזענד מאהל יונה'ן מיט מירלען וואס זיי האבען זיך ענדליך געשלאסען זיי גליקליך מאכען אונ שיקען זיי זייערס א קינד. דערצו האט די יודענע זיי איבערגעגעבען א גרויסען טאפ פוטער, עטליכע סלאיעס איינגעמאכטס (ווארעניא) מיט נאך אנדערע מתנות. פערעלע האט זיך זעהר געפרייעט וואס זי פאהרט זיך דורך צום פעטער.

די פוהר האט זיך אביסעל דורכגעקאטאיעט איבער דער שטאדט מיט אללע קינדערלעך אונ דערנאך איז די יודענע מיט פערעלען אוועקגעפאהרען.

מירל האט ניט געוויינט ווען זי האט זיך געזעגענט מיט איהר קינד פערעלע, זי האט זי נאר א סך געקושט אונ נאך א מאהל געקושט. יונה האט אויך עטליכע מאהל געקושט פערעלען, אללע מאהל פרעהליך געמאכט זיך א הארץ אונ געזאגט מירלען:

— גענוג זיך קושען אונ סמאטשקען, זי פאהרט ניט אוועק קיין אמעריקא. נאך א מאהל האט ער מיט מירלען אנגעזאגט אז טאמער וועט דאס קינד וועלען טרינקען זאל מען געבען פון דעם רויטען פלעשעל, אונ טאמער עסען, ליגט דארט אין פאקעל, אויך טאמער ווערט קיהל זאל מען דאס קינד גוט איינדעקען אונ נאך א דריטען מאהל געזעגענען זיך איז די פוהר אוועקגעפאהרען.

שטיל אהן ווערטער, אהן טרעהרען איז מירל צוריק אריין אין שטוב אונ יונה איז אוועק אין קאנטאר.

VI.

אִין צְווֵיי וָואכֶען אַרוּם.

צְווֵיי וָואכֶען אִיז אַזוֹי אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען. יוֹנָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען וָואס וַוייטֶער צוּ פִיהלֶען וִוי עֶס גֶעהְט אִיהם עֶפִּיס אָב בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, עֶר קֶען זִיךְ קַיין אָרְט נִיט גֶעפִינֶען, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז עֶפִּיס אִיבֶּערגֶעאֶנְדֶערְט גֶעוָוארֶען, עֶס אִיז אוּמֶעטוּם טְרוֹיעֶרִיג אוּנ שְׁטִיל, דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבֶּען זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁפִּיעלֶען אוּנ אַז זַיי שְׁפִּיעלֶען זִיךְ יָא אַמָאהְל אִיז עֶפִּיס אַזוֹי שְׁטִיל אַז יוֹנָה פְלֶעגְט וֶוערֶען פַקוּטְשְׁנֶע אוּנ טְרוֹיעֶרִיג.

— וואוּ אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען דָאס פְרִיהֶרִיגֶע פְרֶעהלִיכְקַייט אִין מַיין הוֹיז, וֶוען פֶערֶעלֶע אִיז גֶעוֶועזֶען? גָאר אַיין אַנְדֶערֶע פְרֶעהלִיכֶע שְׁטוּב אִיז גֶעוֶועזֶען וֶוען פֶערֶעלֶע פְלֶעגְט זַיין! הָאט יוֹנָה אָפְט גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ.

יוֹנָה'ן הָאט שְׁטַארְק אָנְגֶעהוֹיבֶּען פֶעהלֶען פֶערֶעלֶעס קְלִינְגֶענְדִיג קוֹל'כֶעל וָואס פְלֶעגְט זִיךְ הֶערֶען אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּב דֶעם גַאנְצֶען טָאג פוּן פְרִיה בִּיז נַאכְט, עֶר פְלֶעגְט פַאר זִיךְ דֶערְמַאנֶען דֶעם זֶעלְטֶענֶעם פֶערְגֶענִיגֶען וָואס עֶר פְלֶעגְט אַמָאהְל הָאבֶּען פוּן פֶערֶעלֶעס קִינְדֶערְשֶׁע רֵייד מִיט חָכְמוֹת, פוּן פֶערֶעלֶס שְׁפִּיעלֶען זִיךְ, שְׁפְּרִינְגֶען, טַאנְצֶען, שְׁרַייעֶן.

דָאס אַלֶעס הָאט יוֹנָה'ן שְׁטַארְק אָנְגֶעהוֹיבֶּען אָבְגֶעהְן, וֶוער שְׁמוּעֶסְט וֶוען דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ פְלֶעגֶען בַּיים שְׁפִּיעלֶען דֶערְמָאנֶען אוֹיף זַייעֶר קִינְדֶער־שְׁפְּרַאכֶע פֶערֶעלֶעס נָאמֶען פְלֶעגְט זִיךְ יוֹנָה'ן פַרְאסְטְשֶׁען דָאס לֶעבֶּען. נָאר עֶר פְלֶעגְט אַלֶעס אַרָאבְּשְׁלִינְגֶען, אוֹיב עֶר פְלֶעגְט יָא דֶערְמָאנֶען פַאר מִירְלֶען פֶערֶעלֶען פְלֶעגְט עֶר נָאר דֶערְצֶעהלֶען וִוי גוּט עֶס אִיז אִיהר בַּיים בְּרוּדֶער, וִוי מֶען הִיט זִי אָב וִוי אַ אַייגֶען קִינְד, אוּנ וִוי זַיי שֶׁעטְצֶען זִיךְ גְלִיקְלִיךְ וָואס מֶען הָאט זַיי גֶעשִׁיקְט דָאס קִינְד.

יוֹנָה הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט פַאר זַיין מִירְלֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדֶען דָאס הַארְץ וִוי שְׁטַארְק עֶר בֶּענְקְט נָאךְ דֶעם קִינְד, וִוי דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב אִיז גָאר קַיין שְׁטוּב נִיט אָהְן פֶערֶעלֶען, עֶס אִיז אוּמֶעטִיג טְרוֹיעֶרִיג, עֶר קֶען זִיךְ קַיין אָרְט נִיט גֶעפִינֶען אוּנ וִוי גוּט עֶס אִיז אַמָאהְל גֶעוֶועזֶען וֶוען אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶועזֶען צוּזַאמֶען, נָאר דָאס אַלֶעס הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַרוֹיסְצוּזָאגֶען פַאר מִירְלֶען אוּנ הָאט אַלֶעס אַרָאבְגֶעשְׁלוּנְגֶען אִין זִיךְ.

יוֹנָה הָאט אַזוֹי לַאנְג גֶעלִיטֶען דֶערְפוּן בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַפְרִיה מָארְגֶען וֶוען עֶר אִיז נָאר וָואס אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ גֶעזָאגְט זַיין ווַייבּ:

— מִירֶעלֶע, אִיךְ פָאהר הַיינְט אַוֶועק, מָארְגֶען פְרִיה וֶועל אִיךְ קוּמֶען.

— וואוּ פָאהְרֶסְט דוּ?

— צוּם בְּרוּדֶער אָבְנֶעמֶען אוּנְזֶער טַייעֶר פֶערֶעלֶע. אִיךְ וֶועל זִי שׁוֹין קַיין מָאהְל נִיט אָבְלָאזֶען פוּן אוּנְז, אִיךְ קֶען אָהְן אִיהר נִיט לֶעבֶּען. קַיין קִינְד וֶועל אִיךְ אִיהם מֶעהְר נִיט גֶעבֶּען. פוּן הַיינְט אָן וֶועלֶען מִיר שׁוֹין אַלֶע זַיין צוּזַאמֶען, מִיר וֶועלֶען זִיךְ שׁוֹין

קיין מאהל ניט צושיידען, אללע צוזאמען!

— פערעלע! מיין טייערער יונה!! האט מירעל ניט מיט איהר קול אויסגעשריגען און איז געפאלען אין האלב חלשות פון אזא גרויסער אונערוואַרטעטער פרייד, אז מארגען וועט זי זעהן פערעלען און וועט זי שוין קיין מאהל ניט אבלאזען פון זיך.

ווען מירל איז געקוממען צו זיך האט זי א גאנצע שעה געוויינט, דער דאקטאר האט געזאגט אז דאס איז דערפון וואס זי האט שטארק געליטען פון גרוים בענקעניש. —

אין צוויי טאג ארום ווען מען האט געבראכט פערעלען האט זי מירל א גאנצע שעה געטולעט צום הארצען און יונה האט זיך מיט א גרויסער שמחה ארום געטראגען מיט דעם קינד און האט זיך אלין ניט געקענט אנטיעשען און אנקושען פון גרויס פרייד. —

די יורענע וואס האט געבראכט דאס קינד האט דערצעהלט: „אז דעם ערשטען טאג ווען פערעלע איז צו אונז געקוממען און מען האט איהר געגעבען א סך שפיעלעכלעך מיט נאך גוטע זאכען איז זי געווען זעהר פרעהליך, נאר פון דעם צווייטען טאג אן האט זי אנגעהויבען טרויעריג ווערען, וואס ר' שלום מיט זיין ווייב האבען איהר געגעבען האט ניט געהאלפען, „דאס טעלערעל פון הימעל" האט מען איהר געגעבען, „פון פויגעל מילך" האט מען איהר ניט געזשאלעוועט, עס האט אלין ניט געהאלפען, אט אויף א מינוט איז זי פרעהליך געווארען און דערנאך ווייטער טרויריג אויף א גאנצען טאג. דאס קינד האט שוין אנגעהויבען בלאס ווערען, דער בעל-בית מיט דער בעלבית-טע האבען זיך דאס לעבען גענוממען, אלין געהאפט דאס קינד זאל פרעהליך ווערען, נאר איהר זענט אנגעקוממען".

מירל און יונה הערענדיג דאס האט זיך זיי געגאסען טרעהרען פון די אויגען און מירל האט באמערקט — אז דאס קינד איז טאקי אביסעל אראפ פון פנים, מיינע ביינער זאל זי איבער לעבען, ליעבער גאט!

די איבריגע קינדער זענען מיט פערעלעס קוממען אויפגעלעבט געווארען. זי האט מיט זיך געבראכט א סך נייע שפילעכלעך און ליאלקעס און עס איז פרעהליך ביי יונה אין שטוב נאך מעהר ווי פריהער, זיסע פרעהליכע קינדערשע קול'כלעך האבען עפים אריינגעטראגען א ניי לעבען, א נייעם גליק צו יונה'ן אין שטוב.

פון דעם טאג אן זינט פערעלע איז געקוממען האט יונה זיך אויפגעהערט קלאגען ווי ביז יעצט אויף זיין לאגע, ער האט אנגעהויבען הארעווען מיט פערגעניגען פאר זיין ליעבע פרוי און קינדער, אוועקגעווארפען די אללע נאררישע פרעטענזיעס צום לעבען, צו גאטס וועלטעלע, ער האט אנגעהויבען פיהלען דעם אמת'ן טעם אין פאמיליענלעבען, חאטש עד היום בעקוממט ער מעהר ניט ווי פופציג רובעלס אחודש.

ניט לאנג האט מירעל מיט מזל געהאט א פיערטע טאכטער. יונה קען זיך גאר ניט אבלויבען פון זיין נייער טאכטער, ער זאגט אז אזא קראסאוויצע איז טאקי באמת ניט דא אין דער גאנצער וועלט, זי איז געבוירען מיט בלאנדע האר און האט די מוטערס אויגען!

שלום געמאכט

א בילד פון חסידישען לעבען.

I.

צו דרייצען יאהר האט יוסיל אנגעהויבען פיהלען אז די ערציהונג וואס זיינע עלטערן גיבען דורך די פוילישע מלמדים אין די חדרים, וועלכע שטאפען טאג ווי נאכט זייערע תלמידים נאר מיט גמרא און מיט שווערע פשטליך — קען אין דער היינטיגער וועלט וועניג נוצען ברענגען פאר די וואס ווילען ניט אדער קענען ניט ארויסוואקסען קיין שפעציאליסטען רבנים. — יא יעדער יוד דארף לערנען זיין רעליגיע, נאר אז חוץ דעם דארף מען עפּיס אנדערש אויך לערנען, האט יוסיל צו זיך געזאגט. נאר וואס קומט מיר ארויס אז איך פארשטעה עס? אסך מענשען פארשטעהן וואס עס איז גוט און נעטהיג, נאר „ווי אזוי קומט מען צו דעם?" פרעגען זיך אללע און איך אויך צעהן מאהל אין טאג.....

— ווי אזוי קומט מען דערצו? האט אונזער יוסיל זיך ווייטער געפרעגט, חוץ גמרא טאר איך קיין שום געדרוקט בלעטיל ניט נעמען אין דער האנד. איך זאל אנהייבען עפּיס אנדערש צו לערנען, וועלין מיך מיינע עלטערן פארשטיינען. איך קען אפשר לערנען זיי זאלען ניט וויסען, נאר קען עפּיס גוטס זיין פון אזא גנביש לערנען? היינט וועל איך לערנען, מארגען וועט מען מיך „חאפּען".

כדי קיינער זאל איהם ניט חאפּען און ניט שטארען, האט ער זיך ענטשלאסען צו פארלאזען דאס הויז פון די עלטערן און זיך לאזען אין דער וועלט אריין... דארט וועט ער לערנען פריי!...

ניט לאנג געטראכט, האט יוסיל גענומען דאס קלומעקיל אויף די פּלייצעס און איז אוועק... ער איז אבער קוים אבגעפאהרען הונדערט פופציג ווערסט, איז איהם זיין פאטער נאכגעפאהרען און האט איהם געחאפּט. און כדי ער זאל ניט מעהר קענען אנטלויפען, האבען איהם זיינע עלטערן, ווי דער שטייגער איז ביי יודען, באלד חתונה געמאכט. קיין כלות דארף מען ביי יודען מיט ליכט ניט זוכען, שדכנים זענען ביי יודען אויך ברוך השם דא אויף דעם שאק, האט מען בעדארפט עפּעס

לאנג טראכטען? געכטען א חתן געווארען און עטליכע וואכען שפעטער חתונה געמאכט, אבי גיכער אנטהון א קייט דעם אויסגעלאסענעם בחור יוסיל, ער זאל ניט מעהר קענען אנטלויפען.

דאס איז שוין א כלל ביי יעדען עהרליכען יודען אז ווי באלד זיין קינד נעמט זיך אן דער זייט.... ציהט מען פון זיך די קליי און מאכט דעם שלעכטען קינד באלד חתונה. יעדער יוד ווייסט אז קיין שום אקס טראגט אויף זיך ניט אזא יאך ווי א יוד אז ער האט חתונה. אונזער יוסלין האט מען אויך אנגעטהון אזא יודישען יאך! דאך האט יוסיל זיין קוראזש ניט אנגעווארען.

— פארקעהרט, האט ער זיך געטראכט זיצענדיג אויף קעסט ביי שווער און שוויגער — עס קען זיין אז גראד איצט זאל מיר גרינגער זיין צו לערנען. א באזונדער שלאף-חדר האב איך גלייך מיט אללע איידעמ'ס, עסען ניט מען מיר אויך, צו מיין ווייב האב איך אויך קיין טענות ניט, זי שטארט מיך ניט צו לערנען זי איז א פראסט יודיש ווייביל, אלט מאדיש, נאר וואס איז זי שולדיג? מען האט זי אזוי ערצויגען. פיינד האט זי מיך ניט, איך אכטע זי אויך. מיר רעדען וועניג צווישען זיך, מיר קריגען זיך ניט, מיר קושען זיך ניט, בכלל איז אפשר גאר ניט אזוי שלעכט פאר מיר וואס מיינע עלטערן האבען מיר חתונה געמאכט. אין דער צייט וואס איך וועל זיצען אויף קעסט, וועל איך קענען לערנען. וואו דענן האבען אונזערע היינטיגע יודישע קאפ געענדיגט זייערע אקאדעמיעס, ווען ניט אין זייער ספאלנע (שלאפצימער) בשעת די קעסט ביי זייערע שווער און שוויגער?

אונזער יוסיל האט אויך גערעכענט אין זיין ספאלניע ביי שווער און שוויגער אויף קעסט צו ענדיגען זיין אקאדעמיע; נאר עס איז ניט אוועקגעגאנגען א טאג אז די שוויגער, און צוליעב איהר אויך אמאל דאס ווייב און דער שווער, זאלין מיט איהם ניט האבען צו טהון. אין אנהויב, באלד נאך דער חתונה, איז געווען א טענה — פאר וואס זיינע עלטערן האבען איהם געגעבען צו דער חתונה נאר איין טוץ העמדער און אנדערהאלבען טוץ שקארפיטקעס? „סטייטש, איהר פייגעלין האט זי געגעבען צוויי טוץ העמדער מיט פיער טוץ זאקען”, און נאך אזוינע טענות. דערנאך איז אנגעלאפען „שבת חזון” און „שבת תשובה” האט זיך די שוויגער צושריגען: „פאר וואס יוסיל האט ניט קיין ליוסטרינגענע קאפאטע, ווייל די שבתים צו טראגען א זיידענע קאפאטע איז צו יום-טוב-דיג, און א געוואנטענע איז צו חול (וואכענדיג) פאר די הייליגע שבתים. איהר, דער שוויגער, מוז פלאמען דאס פנים פאר דער גאנצער שטאדט, דערפאר וואס איהר איידעם — איהר קינד, האט ניט קיין ליוסטרינגענע קאפאטע....

שפעטער האט זיך אנגעהויבען א געשריי פון דער שוויגער מיט א צוברוטען פון דעם שווער און מיט זייער טאכטער, פאר וואס מאכט דער איידעם (וואס מע האט זיך גענוג אויסגעבראכט איידער מעהאט איהם דערלעבט צו באקומען) ניט קיין קידוש

אזוי הויך אונ מיט אזא ניגון ווי ר' זרח'ס, דעם שכנ'ס, איידעמיל, וועלכער קנאקט דעם קידוש אז עס איז פשוט מחיה נפשות; מארגען איז ווידער א געפילדער מיט א געשריי, פאר וואס האט דער רופא־יונג זיך פארטראכט אונ פארקירצט דעם איידעמיל שטיקלעך פאות אונ עס פארשטעהט זיך אז שולדיג דארין איז דאס איידימעל אלליין.

אט איבער אזוינע וויכטיגע זאכען איז גאנץ אפט געוועזן פון אללע זייטען געשרייען מיט געפילדערס.

II.

יוסיל האט נאך קיין צייט געהאט זיך ארומצוקוקען, האט זיך אנגעהויבען א נייע מעשה, עס איז געווארען א שאלה „צו איז ער פרום?"

נאר דאס האט זיך געטראפען דורך אוואונדערליכען צופאלל

אין דעם שטאדטיל וואו יוסילס שווער אונ שוויגער האבען געוואהנט, איז ביים מיראוואי סודיא פארגעקומען א יודישער עסק, וועלכען דער מיראוואי האט באדארפט רעשען „פא סאוועסטי" אונ נאך דעם יודישען זאקאן אויך. האט איהם איינער געגעבען איין עצה, ער זאל איבערלייענען עטליכע נומערן פון דער צייטונג „וואסחאד" אין וועלכע א יודישער יוריסט רעדט פון אזא דיעלא. דער סודיא האט אלליין ניט געהאלטען דעם „וואסחאד", האט ער זיך ביי דער פאטשט נאכגעפרעגט ווער עס באקומט די צייטונג, אונ מעהאט איהם אנגעוויזען אז נאר דער געוויסער יוסיל שרייבט אויס די צייטונג אונ נאך אנדערע צייטונגען „דא וואסטרעבאוואניא", (ער קומט אלליין אויף דער פאסט אפנעמען די בלאטער). דער מיראוואי סודיא האט אנגעשריבען א קוויטעל צו יוסלין אונ האט איהם געבעטען ער זאל איהם לייהען די דאזיגע נומערן פון „וואסחאד"; דאס קוויטעל האט ער אן חכמות געשיקט דורך זיין דיענסט. גראד אז דאס קוויטעל איז אנגעקומען איז יוסיל ניט געוועזן אין דער היים.

— וועמען דארפסט דו? האט די שוויגער געפרעגט דעם סודיאס דיענסט. —

— איך דארף דעם פאניטש.

— ביי אונז איז ניט דא קיין שום פאניטש.

דאס קריסטליכע מיידיל איז אבער ניט אבגעטרעטען. די שוויגער האט געזאגט אז ביי איהר זיידען, עלטער־זיידען איז קיין מאל קיין פאניטש ניט געוועזן אונ גאטט וועט זי ווייטער דערפון אבהיטען. די דיענסט האט אבער געזאגט איהרס, אז דער פאניטש איז איהר איידעם

— יוסיל וויללסט דו זאגען? א דונגער האט מיך דערשלאגען... אונזער יוסלין דארפסט דו?..

אט דא האט זיך די שוויגער צושריגען אויף איהר טאכטער:

— נא זעה איצט אליין, מיין טהייער טאכטעריל, צו בין איך א נביא צו א נארר!...

אז זי האט אבער געזעהן אז די טאכטער רידהרט זיך ניט אונ ענטפערט איהר גאר ניט, האט זי אנגעהויבען צו ווארפען מיט די האנד: וואס שטעהסט דו אונ שווייגסט אונ קוקסט מיך אן ווי א ליימינער גולם... קוק בעסער, זעה... (זי האט איהר געוויזען מיט די האנד אויף דער דיענסט) זעה אליין מיט וואס פאר א מאנן דו זיצסט, דו קלאץ! ער הייסט שוין גאר „פאניטש“! יוסיל, מיין איידעם הייסט „פאניטש“! ער האט גאר געשעפטען מיט שיקסעס, נא וואס שטעהסט דו אונ שווייגסט? שיקסעס פרעגען אויף איהם אונ זי שטעהט ווי אקוה — האטש מעלק זי! וואס פאר א געשעפטען קען ער האבען מיט שיקסעס? געוואלד, יודען, איך וועל עס ניט אויסהאלטען פאר בזיונות, פאר גרויס ווייטהיג! נא וואס־זשע שווייגסט דו?

— מאמע, דו האסט מיר קיין מאל ניט געזאגט פון דעם, וואס־זשע האב איך צו רעדען? האט פייגע קוים ארויסגערעדט מיט טרעהרען אין די אויגען....

די מוטער האט זי ניט געלאזט אויסרעדען.

— איך? איך? איך האב דיר ניט געזאגט? א קרענק אין דיין הארצען דו.... דו סוויטשעסט מיר נאך אין די אויגען, איך דארף דיר נאך זאגען? וואס! דו ביסט א פיצעלע מיידעלע וואס מעדארף דיר נאך זאגען? דו ביזט קראנק אליין צו פארשטעהן? א בייסעניש אין דיינע געדערים, מעדארף דיר א פינגער אין מויל אריינלעגען? דו ביזט דאך זיין ווייב. ווי לאנג קרענקסט דו אויב איינער וועט גאר דערלעבען אז איך זאל ניט וויסען וואס ביי מיין מאנן טהוט זיך! אוי, דער ווייטהיג אונ דער בזיון איז מיר זעהר גרויס, איך וועל עס גאר ניט אויסהאלטען, איך וועל שרייען אין די גאסען...

אויף איהרע געשרייען זענען זיך דערווייל אנגעלאפען די שטוב לייט מיט עטליבע שכנים אונ עס איז געווארען א קליינע טרעוואגא.

די דיענסט פון דעם מיראוואי סודיא, וואס איז נאך געשטאנען מיט דעם קוויטיל אין דער האנד אונ האט אויף דער גאנצער סצענע געקוקט ווי א האהן אויף׳ן בני אדם, האט ביי זיך געטראכט, אז זי וועט האבען וואס צו דערצעהלען דעם סודיא, דעם פאוואר אלעקסייען, פון דער קאמעדיע וואס זי האט געזעהן ביי די „זשידקעס“.

דערווייל האבען זיך נאס־מענשען אונ נאס־יונגלעך אבגעשטעלט ביי די פענסטער אונ האבען געהארט די ווארטער: „יוסיל, שיקסע, מיידיל, איידעם“; גיך ווי א דונגער זענען די ווארטער איבערטעלעגראפירט געווארען פון איין מויל צום אנדערן ביז איבער דעם גאנצען שטאדטיל, וואו מעהאט שוין דערצעהלט: „אז דעם איידעם יוסיל האט

מען געהאפט מיט דער שיקסע ביי זיין שוועהר אונ שוויגער אין שטוב אונ די שיקסע איז נאך איצטער אויך דארט, מען לאזט זי ניט אפּ, מען וויל זי איינזעצען אין דער פּאליציע״. איינינע האבען גאר געזאגט: „אז די שיקסע האט איהם אפּגעבראכט דאס קינד וואס זי האט געהאט פון איהם״. דאס גאנצע שטאדטיל איז געלאפען קוקען אויף דעם וואונדער.

דאס נייעס אז מען האט יוסלין געהאפט האט אזוי לאנג געקלונגען איבער דער שטאדט, ביז עס איז אנגעקומען צו יוסלין אין קלויז. עס פארשטעהט זיך אז ער האט באלד פארמאכט די גמרא אונ איז געלאפען אהיים געוואהר ווערין וואס דארט האט זיך געטראפען.

ווען די טאלפּא וואס איז געשטאנען ארום דער שטוב האט איהם דערזעהן, האט מען איהם מיט א געלעכטער געמאכט א וועג, ער זאל קענען אריינגעהן אין שטוב אריין. אז די דיענסט האט איהם דערזעהן האט זי געפרעגט אויב דאס איז ניט דער פּאניטש אונ איז צו איהם צוגעגאנגען איבערגעבען דאס קוויטעל. יוסיל האט עס איבערגעלייענט אונ איז געבליבען שטעהן ווי א טויטער, אז ער האט דערזעהן ווי דארט איז דערמאנט אז ער שרייבט אויס גאזעטען. (ער האט געגלייבט אז דער שוועהר אונ די שוויגער ווייסען שוין וואס עס שטעהט אין קוויטיל, אז ער לייענט גאזעטען, אונ דאס איז דאך ביי זיי געווען דאס גרעסטע פארברעכען, אפשר נאך גרעסער ווי אז מען זאל איהם געווען חאפּען מיט ...); ער האט געזאגט דער דיענסט, זי זאל באלד אוועקגעהן, ער וועט שוין אליין ברענגען דעם סודיא די נומערן פון דעם „וואסחאד״.

III.

וואס יוסיל האט נאך דער מעשה איבערגעליטען, קענען זיך עס פארשטעלען גאר די, וואס גאטט האט זייא אמאל געבענשט צו זיין איין אידעם אויף קעסט ביי פוילישע שוועהר אונ שוויגער.

ווער ווייסט מיט וואס עס וואלט זיך געווען געענדיגט ווען אונזערע יודעלעך, רחמנים בני רחמנים (די בעלי בתים פון דעם שטאדטיל אונ זייערע קרובים) זאלין נישט געווען ווי דער שטייגער איז ביי יודען, אריין לייגען זיך אין שלום, ניט אזוי צו ליעב דעם פאר פאלק (וואס האבען זיך אפשר באמת ליעב געהאט אונ וואלטען זיך אפשר ח״ו גאר געגט דאדורך), נאר צו ליעב דעם שוועהר אונ דער שוויגער.

צווישען די בעלי שלום-ניקים מיט זייערע אללע ווייבער איז, פארשטעהט זיך, אויך געווען „זלמן קאפ״, וואס א קינד אין וויעג האט איהם געקענט אונ אללע

פלעגען אויף איהם זאגען: אז זלמן קאפ האט א גילדען מויל וואס פעריל שיטען זיך דערפון, ער איז א יוד — וואו מעזאל איהם נאר א חאפ טהון איז ער פולל. קומט ער זיך צונויף צווישען חסידים — איז ער דאך געוויס א חסיד, צווישען דייטשען — א דייטש, צווישען קריסטען ווערט ער אויך ניט פארשעמט; מיט איין ווארט — זלמן קאפ איז א מאכער אויף אללע זייטען און אפילו צווישען ווייבער ווערט ער אויך א יודינע, ער באקומט זייערע ניין מאס רייד און ווערטילט זיך מיט זיי, ...ז עס איז פשוט א מחיה איהם צו הערען, און די ווייבער קוועלען אן פון איהם. וואו זלמן קאפ איז געקומען, איז געווען פרעהליך, ער האט געקענט איבערערעדען, איבערטאנצען און איבערעסען דעם רוח. די פרומע יונגע ווייבליך האבען פון זלמן קאפ נאר געלעקט די פינגער איהם האט אלצדינג געפאסט, אלצדינג האט ער געמעגט, אפילו א קניפ טהון א חסידיש ווייביל, זיך ווערטלין מיט איהר, און אפילו טאנצען מיט איהר אויף א חתונה, נאך דער וועטשערע, וואס דאס איז ביי א חסידים שטרענג פערבאטען, פון דעסטוועגען האט דאס קיינעם ניט געארט, און אפילו דאס פרומסטע ווייביל האט ניט גערעכענט פאר קיין עבירה אז זלמן קאפ האט זיך געזעצט נעבען איהר און געזאגט ווארטליך וואס א בחור מיט א בתולה טארין גאר ניט הערען; ווען איין אנדערער זאל זיך דאס ערלויבען וואלט ער געוויס פון דעם פרומען ווייביל געהאט א מיאוסען פסק און געשעפענט מיט דעם קאפ די טהיר, אויף זיינע ווארטליך אבער פלעגען די פרומע ווייבליך לאכען און אנקוועללען. עפעס א טרפה מזל האט ער, זלמן קאפ, געהאט צו די חסידישע ווייבער. אפילו ווען ער פלעגט זיי זידלען, ווי א שטיינער:

— איהר ווייבער זענט דען אויך מענשען? ווער הערט אייך? נאר די אויס-געפוצטע נארישע אריסטאקראטען מיינען אז בעסער פון קיין יודענע איז גאר ניט דא און פוצען זי און מאכען זי פאר א פריצע. זיי זאלין קענען וואלטען זיי זי באהאלטען אין א קעסטעלע, אז קיין שטויב זאל אויף איהר ניט פאללען. אבער ביי אונז עהרליכע יודען דארפען די ווייבער הארעווען אויף די מאנגען, כדי זיי זאלין קענען לערנען תורה און פאהרען אללע מאל צום רבין און דערפאר וועלין זיי האבען עולם הבא, ווארום זיי הייסען משרתים פון תלמידי חכמים. אויף וואס דען טויג א יודענע? איהר זענט דען מעהר ווי סנאפעס שטרוי?

טאמער האט זיך פון די ווערטער א ווייביל צולאכט, האט ער זיך צושריגען:

— בריינע! דו הארסט ניט אויף צו לאכען? דו ווייסט דאך וואהל אז חאטש איך בין א חסיד, האר איך דיך ווי דעם שווארצען קאטער און וועל דיך דווקא אנריהרען און וועל דיר איבערברעכען אללע ביינער; טאמער וועט זיך פאר דיר אנגעהמען דיין מאנן, האר איך איהם אויך ווי די קאץ.

און זלמן קאפ איז טאקע באלד צו איהר צוגעלאפען און האט איהר אבג...

געבען איהרם, און זי האט געלאכט און אללע ווייבלעך און יונגע לייט האבען געקייכט פאר געלעכטער. אפילו חסידים האבען געשמייכעלט. און זלמן קאפ איז געלעגען ביי יעדען אין מויל

אט דער זלמן קאפ האט זיך איצטער אויך געפונען צווישען די בעלי־שלום־ניקים וואס האבען זיך אריינגעלייגט צווישען דעם איידעם און דער שוויגער, עס זאל ווערין שלום.

IV.

עס פערשטעהט זיך אז אויף דער איצטיגער סאבראניע האט געמוזט ארויס־קומען ווי בוימעל אויפ'ן וואסער אז יוסיל שרייבט אוים גאזעטען. יוסיל האט דעם סוד געמוזט אלליין מודה זיין, וויל ער האט געמוזט באווייזען אז דעם מיראוואי'ס „שיקסע" איז נאר געקומען נאך גאזעטען און ניט נאך עפעס אנדערש. עס איז איהם אפילו זעהר ביטער געווען דעם סוד מגלה צו זיין, וויל ער האט געוואוסט וואס פאר א פסק ער וועט דערפאר האבען. נאר וואס האט ער געזאלט טהון? ניט דערצעהלען פון די גאזעטען? וואס זשע טהוט מען מיט דער שיקסע? וואס פאר איין אנדערן תירוץ האט ער געקענט געפינען? איצטער ערשט האט זיך די שוויגער צו־שריגען מיט א קול אויף דער טאכטער:

— „צו בין איך א נארר צו א נביא! געוואלד! וואס האב איך עס גאר דער־לעבט? אין מיין שטוב איין איידעם מיט גאזעטען! ער האט נאך דאס עזות מיר אין די אויגען דאס מודה צו זיין! ווי אזוי זאל איך ניט שרייען?!" — זלמן קאפ האט זי אוועק געשלעפט צו די ווייבער אז זי זאל ניט גרילצען אין די אויערען, כדי די בעלי־שלום־ניקים זאלען קענגען הערען וואס מערעדט צווישען זיך.

— מילא ווי אזוי עס איז שוין געווען, האט אייגער פון די בעלי־שלום־ניקים אנ־געהויבען איינרעדען: „צו א ליגענד צו אמת — עס איז שוין פארפאלען; דוד המלך עליו השלום האט אויך געזינדיגט, פון דעסטוועגען איז ער נאכדעם געוועזען א גרויסער צדיק. מיר דארפען זעהן עס זאל איצטער ווערין א שלום אמת. און דו, יונגער מאנן, האט ער זיך געווענדט צום איידעם, דארפסט אויפהערען צו לייענען גאזעטען, זעה אלליין אז איינס ברענגט דאס אנדערע; אז דו זאלסט ניט געווען האלטען קיין גאזעטען, וואלט דער מיראוואי פארשפארט צו דיר שיקען די שיקסע און עס וואלט ניט געקומען צו לייטישע רייד און צו קריעג מיט שווער און שוויגער. זעה־זשע אלליין, אז נאטט באצאהלט באלד אויפ'ן ארט דעם פרומען מענשען ווען ער טהוט איין עבירה, ווארום אזא איידלען חסידישען יונגען מאנן ווי דו, וואס האט אזוינע לייטישע שווער

און שווינער, וואס זענען פון קאפ ביז פוס איינגעטונקט אין גאלע יחוס פאסט ניט אז זייער אידעם זאל ליינען גאזעטען״.

— אז דער שלום זאל זיין אשלום אמת, האט זיך אנגערופען אצווייטער רודף שלום-ניק, זאל די שווינער מיט דעם ווייב ציזאגען פאר עדות, אז מען זאל די שיקסע ניט מעהר דערמאנען, און יוסלין זאל מען טאקע באלד מאכען פאר אסוחר, וועט ער בימילא קיין צייט ניט האבען צו ליינען די פוסטע שמאכטים. יוסיל איז ניט קיין נארישער יונגער מאן, ער וועט עלטער ווערין און וועט וויסען אז אגולדען פארדיענסט איז פיעל זיסער ווי טויזענדער נארישע גאזעטען. מיר זענען אויך געוועזען אמאל יונגע ליט, האבען זיך אונז אויך געגליסט אבאל נארישקייטען, ווי ליינען גאזעטען און קויפען ביכלעך, אבער היינט אז מיר זענען עלטער געווארען — איז אכפרה פאר אגילדען אללע דיינע גאזעטען.

— גלויב מיר, יוסיל, האט זיך אנגערופען זלמן קאפ, אז עס איז זיך ניט כדאי צו קריעגען מיט אווייב און שווער און שווינער איבער גאזעטען. דו קענסט דאך מיך, אז איך בין אזא יאלד און ביי מיר איז גאר ניט אזא פארברעך צו ליינען גאזעטען, איך אללין האב אויך אמאל געלייענט דעם „מגיד״, דעם „צפירה״ אפילו דעם „מליץ״ מיט דעם ימח-שמוניק דעם „שחר״, און אז איך בין יונגער-מאן-ווייז געוועזען פון אונזער שטאדטיל קאמיסיאנער אין אדעססא, האב איך מיט אללע שלעק „דרעקטארים״ גערעדט און געגעסען מיט זיי אין איינעם אנבייסען און מיר אללע האבען אין איינעם חוזק געמאכט פון די אללע שמאכטעם גאזעטען, שמאזעטען און פון די אללע צוציקלעך — אידעמלעך, יונגע ליטלעך ווי איהר, וואס מיינען אז גאזעטען זענין דאס אויבערשטע פון דער פעטרושקע, אז מען קריעגט זיך איבער זיי טאג ווי נאכט מיט שווערס און שווינערס, טאטעס מיט מאמעס. איצטער פארשטעהסט דו מיך, יוסיל, אז איך בין ניט אזא שוטה ווי די אללע חסידארניע ליט, וואס מיינען אז מען טאר גאר ניט אנ-רירען אגאזעטע, און אז איך בין גאר ניט קיין פריץ אין די זאכען, אסימן וועל איך דיר וויזען אז טאקי דענצמאל האט מיר אדרעקטאר אליין געזאגט אז איך וואלט אויך געקענט זיין אדרעקטאר פון אגאזעט, נאר זיי מיינען אז איך בין אזא טיפש ווי זיי; איך האב מעהר ניט וואס צו טהון ווי זיך אבגעבען מיט אזוינע פוסטע זאכען! מיר דאכט זיך אז נאר דאס קליטיל אין וועלכען מיין ווייב זיצט אויף דעם מארק, טראגט מיר ביעל מעהר הכנסה ווי דריי יודישע גאזעטען! איך מוז נאר לאבען אז איך דערמאן מיך נאך איצטער דארין, איך וואלט באדארפט זיין פריש און געזונד און משוגע איך זאל דאס נארישקייט טהון. איך האב זיי טאקי באלד געזאגט, אז איך בין די מציאה זיי מוחל און האב מיך קוים אבגעטשעפעט פון זיי...

נאר... נאר ניט דאס בין איך אויסען, איך האב דיר נאר געוואלט באווייזען, דו זאלסט וויסען, אז זלמן קאפ איז נישט קיין פעפער און וואלט געקענט אזוינע צעהן ווי דו אין איינעם מיט נאך אזוינע צוואנציג משכילים פארשטעקען ביי זיך אין נארטעל...

אללע ווייבער אונ ווייבלעך וואס זענין געזעסין אין אנדערען ווינקעל אונ האבען געהערט פון זייערע ווייבערשע זאכען, האבעו אויף זלמן קאפ'ס לעצטע ווערטער זיך צולאכט. .

— פון דעסטוועגען, האט זלמן קאפ ווייטער געזאגט, קריעג איך מיך ניט מיט מיין ווייב, זי זאל מיר לעבען אונ געזונד זיין. אט איז זי דא, לאז זי זאגען מיר אין די אויגען, צו איך זאג אליגען; —זלאטע! האט ער זי ארויף געטהון—זלאטע, זאג מיר אין די אויגען, איך קריעג זיך עפים מיט דיר איבער גאועטען?

— געה שוין, געה, דו אלטע פארשלעפטע קרענק מיט דיינע שמאועטען — איך האב געמיינט אין אמת, האט זי זיך אומגעקערט צו די ווייבער, אז ער רופט מיך אונ דארף מיך האבען; ווי לאנג קרענקט ער צו איך וואלט מיך געוועזן אנגערופען, האט זלאטע געזאגט צום עולם מיט אשמייכעל, געהענדיג צוריק צו די ווייבער, מיט גרויס גדלות וואס זי האט זוכה געוועזן אז זלמן קאפ איז איהר מאנן. —

V.

אין דער צייט וואס די מאנסבילען האבען גערעדט, האבען די ווייבער אין אנדערן ווינקעל אויך צווישען זיך געשמועסט וועגען דעם אייגענעם עסק.

— איך בעט אייך, איהר זאלט מיר לעבען אונ געזונד זיין, זאגט מיר איך בעט אייך, איך בין דאך גאר אפראסטע יודענע, דערצעהלט מיר וואס הייסט גאועטען? האט געזאגט אווייבעל פון איאהר דריי אונ דרייסיג, צורעכטמאכענדיג דעם בריטען קנופ פון דעם זיידענעם קאלירענעם טיכעל.

— וואס הייסט גאועטען? האט געענטווערט זלמן קאפ'ס ווייב, פארשארינדיג עטליכע האר אונטערן טשיפיק, וואס הייסט גאועטען, פרעגט איהר? אט הערט זיך צו וואס מיין שלאק דערצעהלט ...

— אט דאס פרעג איך דאך טאקי, איהר זאלט מיר געזונד זיין, כל ימי האר איך אלין: גאועטען, שמאועטען; ווייבער, טאטעס, מאמעס, שוויגערס, קריגען זיך מיט קינדער, מיט איידעמס, מיט מאנגען אלין איבער גאועטען, איבער ביכלעך, אונ פאר וואס אייגענטלעך וויים איך ניט. באלד דארף איך שוין ווערין מיט גאטס הילף אשוויגער ביי מיין צערטעלען אונ איך וועל אפילו גאר נישט וויסען ... זאגט מיר, איהר זאלט מיר לעבען אונ געזונד זיין, האט זי געבעטען אבוישענדיג פאוואלי מיט צווי פינגער איהרע צונויפגעצויגענע ליפי .

— איהר ווילט וויסען וואס הייסט גאועטען? אט קומט צו מיר אין קלייט אריין וועל איך אייך ווייזען פודען גאועטען פון מיינעם אבאקאנטען פריץ, אלאקיי ברענגט

מיר שטענדיג פונטען-ווייז גאזעטען אויף איינצופאקען סחורה און איך גיב איהם דער-פאר אללע פרייטאג צונאכטס, ווען ער נעמט מיר אראב די לייכטער פון די בענש ליכט, א טרונק בראנפין.

— יא, איך האב שוין געזעהן גאזעטען אין די קלייטען, ווען מען וויקעלט איין ליכט און צוקער, איך האב אומיסטנע אין זיי אריינגעקוקט, נאר איך ווייס ניט וואס אין זיי שטעהט.

— וואס האט מען דארט נישט צו וויסען? מען דארף גאר נישט קענען לייענען מען זאל וויסען וואס עס שטעהט דארט: ווייטער אויסגעמאלט א מיידיל מיט א בחור און ווייטער א בחור מיט א מיידיל; אט דאס שטעהט אין די גאזעטען!

— נא, און אין די לשון קודש'ה שטעהט אויך דאס?

— וואס דען? וואס פרעגט איהר, איך בעט איבער אייער כבוד, אזוינע נארישקייטען? אז ניט, וואלטען זיי דאך נישט געהייסען קיין גאזעטען, צו ביכלעך, זיי וואלטען געהייסען ספרים.

— וואס דען מיינסט דו שטעהט דארט, האט זיך אנגערופען יוסילס שוויגער. איהר מיינט א שוויגער שרייט אומזיסט? זייט פריהער א שוויגער וועט איהר פארשטעהן ווי אזוי עס איז אלץ גוט צו זעהן מיט די אייגענע אויגען ביי זיך אין שטוב פון אייגענע קינדער. עס טהוט דאך מיר פארט וועה דאס הארץ אויף מיין אייגען קינד, איך בין דאך א מוטער (א שוויגער הייסט דען נישט קיין מוטער?) דארום שריי איך. עס פערשטעהט זיך אויף יענעמס קינד וועל איך ניט שרייען... האט זי קוים אויסגערעדט און גענומען דאס טיכיל צו די אויגען...

איהר טאכטער, יוסילס ווייב, וואס איז אויך געזעסען דערביי, האט אויך גענומען דאס טיכיל צו די אויגען...

— נא, נא, גענוג וויינען פיינע מיין פריינד — האט זיך אריינגעמישט א ווייבעל — איהר זאלט מיר לעבען און געזונד זיין, דאס ווייסט מען שוין, אז מען האט קינדער האט מען צרות, און דו (האט זי זיך געקעהרט צו יוסילס ווייב) הער אויך אויף צו וויינען, יעדע יודישע טאכטער אזוי לאנג ווי זי עסט נישט אויף מיט איהר מאנן א מעסטיל זאלץ האט זי מיט איהם צרות, דערנאך האט מען פון די קינדער צרות... אויף דארויף זענען מיר שוין יודישע טאכטער — נישט זינדיגען זאלען מיר מיט די רייד, רבונו של עולם — געבוירען געווארען... האט אויסגערעדט דאס הארץ דאס ווייביל וואס האט זיך געקעבט היינט בארגען צו ווערען א שוויגער ביי איהר צערטעלען.

אזוי לאנג אזוי ברייט האבען גערעדט די ווייבער מיט די בעלי בתים, ביז מען האט געמאכט צווישען דער שוויגער און דער איידעם א שלום אמת. נאר דער קלאנג אין שטאדטיל אז מען האט יוסלין דעם איידעם געחאפט מיט דעם מיראוואים שיקסע — איז געבליבען עד היום.

וועגס־לייט.

(בילדער)

פון

מ. ספעקטאר.

I

איך האב געמוזט אוועקפאהרען. איך בין די גאנצע צייט געוועזען אין וועג, וואו מעזעהט ניט די יודישע ענגע גאסען און שטיבער; אין וועג וואו מעזעהט ניט קיין צדדים איבער א שוחט, וואו מעהערט ניט קיין געפאטשעריי איבער דער אויבערשטער באנק, — אין וועג וואו מעזעהט ניט קיין יודישע ווייבער מיט א האלז פעריל מיט פארדריפעטע קליידלעך ביז אונטער דעם גארטעל, — אין וועג וואו מעזעהט ניט דעם שטענדיג פארקלאגטען, פארזארגטען יודען מיט זיין שטענדיגע לויפעריי. פליהעריי און מיט זיין איביג קיין צייט ניט האבען!

דארט אין וועג האב איך באגעגענט שטילע בויערן וואס האבען שטענדיג צייט און טהוען יעדע זאך פאוואלי, זיי ארבייטען פאוואלי, זיי געהן נאך דעם אקער פאוואלי, טרייבען די אקסען פאוואלי... און מאכען שטענדיג בעסער פון דעם פליהענדיגען קלוגען יודען! קוקט זשע אבער אן דעם בויער ווי ער איז גלייך ווי א סטרונע, געזונד און שטארק!

ווי איך בין נאר פון דער שטאדט ארויסגעפאהרען און האב דערזעהן דאס ערשטע גרינע ביימיל, די ערשטע פעלדפייגעלעך פליהען, דערפיהלט די פרישע לופט, איז מיר געווארען אזוי גרינג און אנגענעהם, ווי גלייך איך האב פון מיינע פלייצעס אראפגעווארפען א בארג מיט ערד. עס האט זיך מיר אויסגעוויזען אז אט וועל איך מיר איצטער אויפהייבען אין דער לופטען און נאכפליהען דעם פייגעלע אונטער דעם בלויען הימעל און וועל קוקען אראפ און וועל אלץ זעהן וואס מיין הארץ גלוסט זיך...

קיין מאל האב איך מיך ניט געפיהלט אזוי גליקליך ווי איצטער, חוץ איינמאל אין מיין לעבען — איך געדענק עס ווי היינט: א גאנץ יאהר בין איך אמאל קראנק געווען און זיך געהאדיעט מיט שטוב לופט, א גאנץ יאהר זענען אלע מיינע גלידע

געלעגען איינגעקארפשעט אין בעטט, נאר אז איך בין געזונד געווארען און מעהאט מיך אנגעטהון אין פרישע קליידער און איך בין דאס ערשטע מאל ארויסגעגאנגען אויף דער פרישער לופט — האב איך מיך אויך געפיהלט אזוי גליקליך ווי איצטער, אז איך בין ארויסגעפאהרען פון דער שטאדט!

ערשט איצטער אין דער שטילקייט פון די ברייטע פעלדער האט מיר אנגעהויבען אין די אויערען צו זשומען דאס גאנצע יודישע שטאדט-לעבען... פון וואס און ווי אזוי דער יוד לעבט... אך! ווי סקוטשנע, ווי טרויעריג איז דאס לעבען! ווי פארזאמערט איז דער יוד שטענדיג און וויל גאר ניט אויפהייבען די אויגען א קוק טהון אויף דער ליעבער זונן און זעהען ווי זי לייכט צו איהם גלייך ווי צו אנדערע מענשען אויף דער וועלט! וויפיעל עס זאל איהם ניט דושען, וויל ער ניט עפנען דאס מויל אריינצושעפען אין זיך פרישע לופט. פרופט רחמנות האבען אויף איהם און ווילט איהם עפנען דאס מויל, וועט זיין אומזיסט אייער טרחה — עס געהט איהם גאר ניט אפ, עס איז איהם אזוי אויך גוט, ער וויל גאר קיין בעסערס ניט. אונזערע יודען זענען ווי די קליינע קינדער וואס וויינען און שרייען ווען די מוטער אדער די אם וויל זיי ארויסנעמען פון דעם נאסען וויגעלע, אפוואשען און אפצוואגען. „איך וויל ניט. אוועק פון מיר, לאזט מיך צו רוה״. שרייען אונזערע יודעלעך און קוואלען ווייטער אין זייערע נאסע וויגעלעך, פאר דעם טרוקענעם שטיקעל ברויט, פאר די ענגע געסלעך און שטיבלעך, פאר דער דושנער לופט. פאלט עס גאר דעם יודען איין א קוק צו טהון אין שפיגעל און זעהן וואס פאר א שלעכט פנים ער האט? ווי פארשמאכט און איינגעהויקערט ער איז, אז מעזעהט נישט מעהר ווי ביינער מיט צוויי פייערדיגע אויגען וואס רוהען ניט, ווארפען זיך אויף אללע זייטען און בלישטשען! קומט איהם אמאל דער געדאנקען זיך צו פרעגען: סטייטש, וואס וועט זיין דער סוף פון מיר, פון אזא לעבען? עד מתי וועט אונז זיין אזוי ביטער און פינסטער? ביז וואנעט וועלען מיר פארשווארצט ווערען? ווענן וועלען מיר שוין אויך אנהייבען פיהרען א געזונד, פריי לעבען?

טאמער חאפט זיך יא אמאל אויף איינער פון דעם לאנגען שלאף, רייבט זיך אויס די אויגען און זאגט: ברידער! גענוג שטענדיג ארומגעהן פארחמארעט, פארשלאפען; פון אזא לעבען קען קיין גוטס ניט ארויסקומען, גענוג פארליערען די טהייערע צייט, מעדארף טראכטען עפעס צו טהון, ווארום מיר ווערען נאר אללע מאל שוואכער, עס קענן פון אונז נאר ווערין איין עק... צושרייט מען זיך אויף איהם פונקט ווי דאס קליינע קינד פון דעם וויגעלע: אפיקורוס, לערען אונז ניט, מיר דארפען ניט בויען קיין נייע וועלטען, עהרליכע יודען מוזען לעבען ווי זייערע טאטעס און מאמעס האבען געלעבט!...

אומגליקליך קינד!!

עס איז מיר אויפגעקומען אויף די געדאנקען: אפשר וויל דער יוד ניט ארויס-

קריגען פון זיין פערפינסטערט לעבען, דער יוד וואס ער איז אזוי דערשלאגען, אז פאר צרות דאנקט ער גאטט וואס מע טשעפעט איהם ניט אונ מען לאזט איהם ליגען ווי ער ליגט... אזוי איז מיט יעדען אומגליקליכען! ...

איך האב מיך געשטארעט צו פערטרייבען די טרויעריגע געדאנקען אונ אנגעהויבען זיך אומקוקען וואס עס טהוט זיך ביי מיר אין בויד, צו עס ליגט אויף זיין ארט דער טשעמאדאן אונ די איבריגע קליינע קלומעקליך וואס מע נעמט מיט אין וועג אריין; דערווייל האב איך דערזעהען אז אין דער בויד זיצען מיט מיר נאך דריי פארשוין, יודען טאקע פון מעזשיבוזש — פון דער שטאדט פון וועלכער איך בין ארויסגעפאהרען.

II.

וועלכען יודען איז ניט באקאנט די שטאדט מעזשיבוזש? האטש עס איז גאר א קליין שטאדטיל פון זעקס טויזענד איינוואהנער, צום גרעסטען טהייל יודען, פון דעסטוועגען קען מען געוויס זאגען, אז פון א פוילישׁ חדר-יונגעל ביז א געבילדעטען פאריזער יודען, קען יעדער די שטאדט מעזשיבוזש, ווייל דא האבען געלעבט אונ ליגען אויף דעם בית הקברות די ערשטע באריהמטע חסידישע רעפארמאטארים, ווי ר׳ ישראל בעל שם טוב (דער בעל שם), ר׳ אברהם׳לע מלאך, ר׳ דוד ניקאלאיעווער, ר׳ מרדכי פורים מיט זיין ווייב אסתר. פון דעם פאר-פאלק דערצעהלט מען עד היום א סך מעשות, דורך וועלכע זיי האבען זיך ערווארבען ביי די דארטיגע יודען א גרויסען היסטארישען נאמען: אין דער צייט וואס די האידאמאקים זענען באפאלען די פוילישע שטאדט אונ האבען געקוילעט אונ געראבעוועט יודען, זענען זיי אויך באפאלען די שטאדט מעזשיבוזש. די יודען זענען אנטלאפען אונ האבען זיך בעהאלטען אין דעם פוילישען פאלאץ, וואס געפינט זיך דארט נאך עד היום. ווען די האידאמאקים האבען זיך געלאזט געהען צום פאלאץ אונ די יודען האבען איינגעזעהן אז זיי זענען פארלארען, האט זיך איין יוד מיט דעם נאמען ר׳ מרדכי אונ זיין ווייב אסתר איינגעשטעלט דאס לעבען, גענומען דריקעס אין די האנד, געעפענט אליין די טהויערען אונ מיט א געשריי: „שמע ישראל! יודען, פארלאזט זיך נאר אויף גאטט דערנאך אויף מיר!“ זענען זיי געלאפען פריהער אין דער מחנה אונ עטליכע טויזענד יודען נאך זיי אונ האבען מיט גרויס גבורה פארטריבען די האידאמאקים. זייט דעמאלט איז ר׳ מרדכי מיט זיין ווייב אסתר געבליבען צווישען די מעזשיבוזשער יודען פאלקסהעלדען לדור דורות אונטער דעם נאמען „מרדכי פורים“, ווייל דורך זיי איז א נס געשעהן. נאך זייער טויד האט מען זיי געשטעלט א מצבה לזכרון. ווען איך בין ראש חדש אלול געוועזען אויף דעם מעזשיבוזשער בית הקברות בין איך געבליבען שטעהן ביי זייערע קברים לאנגער ווי ביי אללע; פארוואס? ווייס איך אליין ניט. —

איך האב מיך אויך לאנג פארזוימט ביי די קברים פון דעם בעל שם אונ פון

דעם אפּטער רב, ווייל דא האבען מיך אינטערעסירט די מאסען קוויטליך וואס איך האב געזעהן אויף יענע קברים. איך האב אויפגעהויבען עטליכע קוויטליך און אנגע-הויבען לייענען. איך וועל אייך ניט איבערגעבען די טיטלען וואס יעדער האט גע-שריבען דעם בעל שם, ווייל עס איז איטליכען יודען באקאנט ווי אזוי מען שרייבט צו א גוטען יודען, צו א הימעל-מענש; איך וועל אייך נאר דערצעהלען אין קורצען דעם אינהאלט פון איניגע קוויטליך:

מען האט געבעטען אויף קינדער, אויף פרנסה, אז קינדער זאלען זיך האלטען, אז פערד זאלען ניט פאלען, ווייל דאס דריטע פערד איז שוין געפאלען און איצטער האט דער פּראסטעל (בעטער) ניט קיין פערד מיט וואס צו פיהרען וואסער זיינע בעלי בתים; איינע האט געבעטען זי זאל גיכער געהיילט ווערען, ווייל די דאקטוירים האבען געזאגט, ביז זי וועט ניט געהיילט ווערין טאר זי ניט חתונה האבען; איינע דאנקט איהם וואס גאטט האט איהר געהאלפען און זי איז געווארען א גבירהטע, נאר מיט איין זאך האט זי גאטט געשטראפט — זי האט באקומען א פוילע נאז, וועלכע ווערט אללע מאל רויטהער און רויטהער און וויפיעל זי איז שוין געפאהרען צו די גערימטע דאקטוירים קיין אדעס, האט עס איהר אלץ גאר ניט געהאלפען. „רבי טהייערער, שרייבט זי ווייטער אין קוויטיל, ווען איך זאל זיין א קבצינטע ווי פריהער, וואלט מיך ניט געאארט אז די נאז זאל אפילו צעהן מאל אזוי פויל און רויטה זיין, אבער איצטער אז איהר האט מיך געמאכט פאר א גבירהטע, ווי פאסט מיר א רויטהע נאז?"

עס איז ניט מעגליך איבערצוגעבען דעם אינהאלט פון אללע קוויטליך און ווידער וואלט איך באדארפט זיי לייענען יאהרען לאנג. איך האב זיי צוריק ארויפגעווארפען אויף די קברים און געזאגט צו מיר אליין: אוי דו גאטט! וואס פאר א טהייער פאלק יודעלעך דו האסט! ווער פארמאגט נאר אזא פאלק!

מיט איין ווארט מעזשיבוזש רעכענט זיך פאר אקליין ארץ ישראל, אללע ראש חדש אלול פאהרט מען פון דער גאנצער וועלט קיין מעזשיבוזש אויף קבר אבות, מען ווארפט אויף די קברים קוויטליך בארג-ווייז און ווען מען פאהרט אוועק נעמט מען מיט קליינע זעקלעך ערד פון די קברים אויף רפואות פאר אגאנץ יאהר. נאך היינט קומען זיך באזעצען קיין מעזשיבוזש אלטע לייט וועלכע ווילען ליגען צווישען די צדיקים. עס איז נאך דא דעם בעל שם'ס בית המדרש וואו ער האט אמאל געדאווינט און גע-וואהנט, חאטש דאס בית המדרש איז שוין זעהר אלט, און עס פאלט פשוט איין, וויל מען ניט מאכען קיין נייע וואנד און עס ווערט פון אללע פיער זייטען אונטערגעשפּארט מיט חסידים וועלכע בייטען זיך פא אטשערעדי. נאך אללעם קענט איהר שוין פאר-שטעהען אז די מעזשיבוזשער יודען פון קליין ביז גרוים, פון דעם וואסערפיהרער ביז דעם רב און דעם גוטען יודען, רעכענען זיך אללע פאר אמתע, געבוירענע, בלוטיגע איניקליך, פאר צדיקים און גוטע יודען, אזוי אז קיינער זארגט גאר ניט פאר פרנסה,

און ווי באלד איינעם ווערט נאר שלעכט, ווייסט ער אז ער האט אגוטע פרנסה: ער טוט נאר אפאהר אויף דער וועלט מיט דעם נאמען „דעם בעל-שם'ס, דעם מלאך'ס, דעם אפטער'ס— איין איניקעל", — ברענגט ער שוין צוריק מזומנע הונדערטער.

פון אזוינע היילינע מענשען זענען, פארשטעהט זיך, אויך געוועזען די דריי פארשוינען וועלכע זענען מיט מיר אין בויד געזעססען. נאטירליך זענען זיי געוועזען אזוי אומגליקליך ווי אללע מעזשיבוזשער יודען. איך בין פון זיי געוואהר געווארין, אז איינער איז דעם בעל-שם'ס און די צוויי אנדערע דעם מלאך'ס איניקליך, עס האט זיך מיר זעהר פארגלוסט מיט זיי ווייטער צו רעדען און צו וויסען דעם צוועק פון זייער פאהרען, נאר פלוצים האט זיך די בויד אבגעשטעלט. דאס איז געוועזען אין גאנצען פיער ווערסט פון דער שטאדט, איך האב גערעכענט אז דער בעל עגלה וויל מסתמא צורעכט מאכען דעם דישעל, צו די צוים פון די פערד, ווייל קיין קרעטשמע איז דא ניט געוועזען אויף צו חאפען אטרונק בראנפן, און נאך פיער ווערסט שוין פאסין די פערד— איז אויך ניט צו גלויבען—אפילו ביי אידישען בעל עגלה. ווי איך האב מיך אומגעקוקט אויף אללע זייטען און האב געוואלט ווייטער רעדען, האב איך מיט גרויס וואונדער געזעהן אז אללע מיינע פאסאזשירען האבען זיך איבערגעלאזט אליין אין בויד און זענען אוועק געגאנגען אן דער זייט פון דעם וועג, אראב פון אבערגיל. און עפּיס ווי פארגלאנצט די אויגען צום הימעל. דער בעל עגלה האט געזעהן אז איך ריהר מיך ניט פון דעם ארט האט ער מיך געפרעגט:

— איהר ווילט דערנאך געהען? וועל איך דערווייל געהען און איהר וועט מוחל זיין אכטונג געבען אויף די פערד און דערנאך וועט איהר געהען און מיר וועלין אביסיל צו ווארטען אויף אייך.

— וואו אהין זאל איך געהען? וואס האט מען זיך דא אבגעשטעלט? וואו אהין זענין זיי געגאנגען? האב איך פארוואונדערט געפרעגט.

דער בעל עגלה האט מיך באטראכט, דערנאך אנידערגעלעגט די בייטש אויף דער קעלנע און זיך געלאזט געהען אהין וואו די דריי פארשוינען זענין געגאנגען, נאר איך האב איהם אבגעשטעלט:

— זאגט מיר וואו אהין געהט איהר און ווי לאנג וועלען מיר דא שטעהען?

— אפנים אז איהר זענט קיין יוד נישט וואס איהר ווייסט נישט, אדער איהר זענט נישט קיין היגלענדישער?

איך האב איהם דערצעהלט אז איך וואהן שוין אַיאהר אין מעזשיבוזש.

— נא, איז טאקי נאך מעהר וואונדער, ווי קומט עס איהר זאלט נישט וויסען פון דעם בעל שם'ס קרעניצע?

איך האב שוין אנגעהויבען מיך צו שטויסען אז נישט אומזיסט האט מען זיך דא

אבגעשטעלט, דער בעל עגלה האט מיר ווייטער דערצעהלט, אז ווען דער בעל שם אי געפאהרען אין וועג און איז געקומען דריי ווערסט פאר מעזשיבוזש, האט ער דערזעהן אז עס איז שוין „זמן מנחה“, — האט ער זיך געוואלט שטעלען דאוונען, נאר וואו נעמט מען וואסער, זיך צו וואשען די האנד? ער האט ניט לאנג געטראכט און האט גענומען ביי זיין אלעקסען (דעם בעל שם׳ס איין אנטרייבער ביי די פערד, וועלכער שפיעלט אגרויסע ראלע אין אללע מופתים פון דעם בעל שם, דערפאר איז ער עד היום אשווייצער אין גן עדן) די בייטש און האט זי אריינגעשטעקט אין אשטיין, האט באלד אנגעהויבען קוואלען וואסער עד היום הזה, און מען רופט עס דעם „בעל-שם׳ס קרעניצע“.

דערווייל איז איין פארשוין געקומען צוריק, דער בעל עגלה האט איהם נאר דערזעהן, האט ער מיך אוועקגעווארפען און איז אוועק געלאפען צו דער קרעניצע.

— איהר זענט שוין געוועזען ביים בעל שם׳ס קרעניצע? האט מיך דער „פארשוין“ געפרעגט און פון זיין פנים און פאות האט געטריפט וואסער.

— וואס וועל איך דארטען טהון? איך בין ניט דארשטיג.

ער האט מיך פארוואונדערט אנגעקוקט.

— וואס הייסט איהר זענט נישט דארשטיג? אפנים איהר זענט גאר קיין יוד נישט? אט דא אונטער דעם בערגיל אי דאך דעם בעל שם׳ס זכרונו לברכה קרעניצע און וועלכער יוד שטעלט זיך דא ניט אב, זיך צו וואשען דאס פנים?

— נאכוואס דארף מען זיך וואשען דאס פנים?

— דאס איז אגרויסע סגולה צו שאנקייט, יעדער יוד דארף זיין שאן.

איך האב אקוק געטהון אויף זיין פנים און האב איהם געפרעגט:

— און איהר האט שוין אמאל אייער פנים געוואשען?

— וואס פרעגט איהר, איך בעט איבער אייער כבוד, אזא גרויס נארישקייט? מיר דאכט זיך אז איך האב שוין נישט אזוי פיעל האר אין קאפ וויפיעל מאל איך האב דא מיין פנים געוואשען, געווים אמאל טויזענד!

— אויב אזוי, האב איך פארוואונדערט געפרעגט, קוקענדיג אויף זיין פאסקודנע פנים מיט אסך פרישטשים, וואסזשע זענט איהר, איך בעט איבער אייער כבוד, אזוי מיאוס?

— דאס איז, פארשטעהט איהר מיך, דערפאר ווייל איך בין אמאל נאך מיאוסער געווען, איצטער איז מיין פנים שוין גאלד, א דאנק דעם וואס איך האב מיך אפט געוואשען מיט דעם הייליגען וואסער. איך האב געזעהען אז דער יוד האט רעכט און בין אוין אראבגעגאנגען צו דער קרעניצע. דארט האב איך געטראפען דעם בעל עגלה מיט ז צווי פארשוין זיך אמאל צוואנציג פליוסקען דאס פנים, זי האבען זיך נישט אבגעווישט אר געלאזט טריפען דאס וואסער פון די פאות און די פנימער. איך האב בעשאנפערלי געזעהן ווי זייערע פנימער האבען קענען דער זון געשיינט פאר שאנקייט...

דא בין איך געוואהר געווא־ין פון אסך נייעס: אין ערשטען אז די דארטיגע מוזשיקים רופען די קרעניצע „ראבינסקע קרעניצא“ אונ ווען זייערע בהמות ווערען חולה, טרייבען זיי זיי צו דער ראבינסקע קרעניצע, כדי זיי זאלען באלד האבען א רפואה; אונ צווייטענס — אז ארום דער געגענד איז כמעט נישט דא קיין יונגער מאנן, קיין מיידעל, קיין ווייבעל, וואס זאלען זיך נישט האבען געוואשען דאס פנים ביי דער קרעניצע, כדי זיי זאלען ווערען שאן, אפילו אלטע אלמנות וואס האפען נאך חתונה האבען, לויפען אויך — קיינער זאל נישט זעהען — זיך וואשען דאס פנים. יעדעס פריילין איידער דער חתן קומט זי אנקוקען לויפט זי זיך וואשען צו דער קרעניצע.

עס איז מיר באלד אויפגעקומען דער געדאנקען, מודיע צו זיין פון דעם גליקליכען וואסער אין די צייטונגען, כדי די פריילינס וואס עס קומט זיי שווער אן צו געפעלען די יונגע לייט אויף וועלכע זיי האבען געווארפען זייערע אויגען, אדער יונגע אונ אלטע דאמען וואס ווילען פשוט זיין שאן אונ געבען דארויף שטארק צו לייזען פאר פראשיקים אונ פודערליך דער „חימיטשעסקאיא לאבאראטאריא“, זאלען אויספרובען דעם בעל־שם'ס וואונדערליך וואסער. די וועלט זאגט אז דאס וואסער העלפט אויך צו געזונדהייט, אונ אז די וועלט זאגט מוז מען גלויבען. דאס וואלט אפשר איינגעשפארט אסך קערבליך אונזערע דאמען וועלכע פאהרען קיין אויסלאנד אין די באדער געזונד ווערען פון די קרענק וואס זיי האבען נישט!

איך מוז זאגען דעם אמת אז מיר האט בשעת מעשה באנג געטהון וואס איך בין ארויסגעפאהרען פון מעזשיבוזש איידער איך האב געוואוסט פון דעם וואסער; ווארום איך זאל געווען פריהער דערפון וויסען, וואלט איך געמאכט אגאנץ געשעפט אונ שאלה ניט אויב איך וואלט אן דעם געשעפט פארדיענט געלד, איך וואלט זיכער געהאט אסך בעלנים אונ קונים, ווארום וועלכע דאמע אונ וועלכעס פריילין וויל נישט זיין שאן? אין היינטיגע צייטען וואלגערן זיך נישט די געשעפטין אין די גאסען; עס איז גאר קיין

צו דער סחורה, שאנקייט, זענין דא אסך בעלנים, אפילו דער יוד וואס איז מיט מיר איצטער געפאהרען אונ איז פשוט שרעקליך (מיאוס), אז עס איז מיאוס פאר איהם אשטיקיל ברויט אויפצועסען, אונ קוקט גאר נישט אויף קיין ווייבער, האט זיך אויך נישט געפוילט זיך צו וואשען צוואנציג מאל, ער זאל ווערען שאן. איך אליין האב מיך צוליעב דעם געוואשען ביי דעם בעל־שם'ס קרעניצע. צו בין איך דערפון שאן געווארען צו ניין, ווייס איך נישט, ווייל איך האב ביי מיר בשעת מעשה קיין שפיגעל נישט געהאט, נאר אז איך האב מיך צוריק אריינגעזעצט אין דער בויד, האבען מיך זיינע פארשוינען פארזיכערט, אז איך בין אויך אסך שאנער געווארען.

— היינט זעהט איהר, פריער האט איהר נישט געוואלט גלייבען, האט זיך אנ־ערופען איינער וואס איז געזעסען פונקט אקעגען מיר, אונ האט פון מיר קיין אויג נישט ראבגעלאזט: חלעבען אז איהר האט איצטער גאר איין אנדער פנים — איין אמת יודיש פנים.

— א גרויס גליק האט מיך געטראפען אז איך האב א יודיש פנים!... און עס האט מיר אנגעהויבען שטארק באנג טהון וואס איך האב מיך געוואשען ביי דער קרעניצע.

— וואס־זשע האט אייך אזא אומגליק געטראפען? מיר דאכט זיך אז קיין שאנער פנים פון א יודישעס איז גאר נישט דא.

— וואס פאר א שאנקייט געפינט איהר אין א יודיש פנים?

— וואס הייסט וואס?... סטייטש א יוד!... אך א יוד... א יוד איז שאן!...

ער האט די ווערטער געזאגט מיט אזא פרייד אז ער איז אזש אונטערגעשפרונגען מען האט געזעהן אויף זיין פנים אז ער וויל מיר אסך אסך זאגען וועגען דעם, ער האט אפילו מויל מיט ווערטער און קען זיי נישט ארויסברענגען. די אנדערע צוויי יודען האבען זיך שטארק צוגעהערט צו אונזערע רייד. איך האב געזעהן אז זיי האלטען מיט איהם אין גאנצען נישט מיט מיר. זיי האבען די גאנצע צייט געשוויגען, נאר זיי זענען פארזיכערט געווען אז דער יוד וואס שפארט זיך מיט מיר, וועט דאס „יודישע פנים" נישט לאזען שטעהן אין דער בלאטע, זיי האבען איהם נאר אללע מאל אונטערגעהאלפען מיט די האנד, אדער מיט א שאקיל מיט דעם קאפ, ווי איינער זאגט:

— רייב איהם, דעם דייטש, דעם רוסטאקראפ (אריסטאקראט), וואס איהם געפעלט נישט קיין יודיש פנים און ער גלויבט נישט אן דעם בעל שם'ס קרעניצע.

מערקווירדיג! אט די יודען וואס איך קען זיי שטענדיג פאר פארזארגטע, פארווייטע, פארחמאריטע, געפאלענע — האבען איצטער געקריגען גאר איין אנדער פנים: איך האב אין זיי דערזעהן פרעהליכע, לעבעדיגע, שטאלצע מענשען!

איך האב זיך איינגעשטעלט זיי איבערצופרעגען:

— איך ווייס חלעבען נישט וואס איהר זעהט דא פאר א שאנקייט, פאר א גליקליכקייט אין יודען. אט זענען מיר אין בויד יודען, לאמיר זיך באטראכטען איינער דעם אנדערן, קוקט וואס פאר אויסגעדארטע, פארשמאכטע פנימער מיר האבען שטענדיג, און עס איז גאר קיין וואונדער נישט, אזוי ווי מען לעבט אזא פנים האט מען. באטראכט נאר אונזער לעבען: איינס פון די צוויי — זענען מיר ניט קיין שאכערס, זענען מיר קרעמערס אדער סוחרים'לעך, וואס האנדלען מיט א פרעמדען גילדען און לעבען פון דעם מארק אדער פון דעם ווינד. מיט וויפיעל שבועות רעדען מיר זיך אן, וויפיעל מאל רופט מען אונז „זשיד פארך"! „זשיד פעטשאני" און נאך אזוינע פיינע נאמען, איידער מיר פארדינען דעם ווייסטען גראשען, און ווי אזוי פארלעבען מיר אונזער יודישען גראשען? איך דארף אייך נישט דערצעהלען. איהר זענט יודען, ווייסט איהר אליין... מיר עסען קיינער פלייש, מיר וואהנען אין ענגע שטיבעלעך און אין דערשטיקטער לופט...

— אמת — האט ער מיר איבערגעשלאגען די רייד, אט וועל איך אייך ווייזען: איך מיט מיין ווייב האראווען טאג און נאכט ווי פאר צעהן. זי האט א שטיקיל קלייטיל און

איך בין אַ מאַרק-דרעהער, אַלופט-פליהער; גלייב מיר, איך זאָל מיט מיין ווייב אַגאַנצען טאָג האַקען האָלץ, וואָלטען מיר מעהר פאַרדיענט; נאָך אַללע אונזערע האָראַוואַניעס זעהען מיר מיט די קינדער באָרוויס און נאַקיט. פון די אַללע יודישע פרנסות איז קיין מאָל נישט מעגליך אַרויסצושלעפען אויף איינעם אַגאַנץ מלבוש; קיין מאָל עסען מיר זיך נישט אָן זאַט מיט דעם שטיקל ברויט, אַגאַנצען ווינטער איז אין שטוב וואַרים פון איין שבת צום אַנדערן, און פון פרישער לופט וואָס איהר זאָגט אַז עס איז גוט פאַר מענשען — פאַר צרות פאַרגעסען מיר גאָר אָן דעם...

ער איז פלוצים שטאַרק טרויעריג געוואָרען, די אַנדערע צוויי יודען האָבען אויך שווערע זיפצען אַרויסגעלאָזט פון דעם טיעפען האַרצען.

איך האָב איצטער באַטראַכט דעם יודען וואָס האָט די גאַנצע צייט מיט מיר גערעדט, עס איז באמת געווען אַ שרעק אויף איהם אַ קוק צוטהון: איינגעהויקערט, אויסגעטריקענט. אַ ראַגער פנים מיט אַ פאַרברענטע הויט, אַז מעהאָט געקאָנט איבער-צעהלען די באַרע ביינער; מעהר דאָזט מען טאַקע נישט געזעהן ווי צוויי פאות מיט צוויי אויגען. מיר האָט אָנגעהויבען שטאַרק באַנג טהון וואָס איך האָב איהם אַזוי טרויעריג געמאַכט. נאָר ווי בין איך איבערראַשט געוואָרין אַז איך האָב פלוצים דער-זעהן ווי זיין פנים האָט זיך גאָר פאַרענדערט, ער איז געוואָרין פרעהליך, די אויגען האָבען אָנגעהויבען בלישטשען און ער האָט ווייטער גערעדט:

— נאָר נאָך אַללעמען... פון דעסטוועגען איז נישט דאָ קיין בעסערס און קיין שאָנערס ווי צו זיין אַ יוד, איך וואָלט זיך מיט קיינעם נישט געביטען. אך, אַ יוד!!...

ער האָט ווייטער געוואָלט רעדען, נאָר די ווערטער זענען איהם שטעקען געבליבען אין האַלז, ער האָט נאָר געמאַכט מיט די ליפען, געדרעהט מיט די אויגען אַהין און אַהער און לסוף גאָר אָנגעהויבען וויינען.

— וואָס וויינט איהר? האָב איך איהם געפרעגט.

— פאַר שמחה — פאַר פרייד...

— וואָס איז פאַר אַ פרייד, וואָס איז די שמחה מיט אייך אַזוי גרויס?

— ווייל איך בין אַ יוד!!

אין דער מינוט האָב איך דייטליך געזעהן ווי דער מענש איז באמת דער גליקליכסטער, אין דער מינוט איז פון דעם פאַרדאַרטען קליינעם יודען געוואָרין אַ פרעהליכער מענש, גלייך אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע, און ווען ער זאָל נישט טראָגען קיין אָבגעריסענע מלבושים, וואָלט אַ פרעמדער געוויס געמיינט אויף איהם אַז ער איז ווענינגסטענס אַ גראַף.

אַך, ליעבער גאָטט! וואָס פאַר אַ טהייער פאָלק יודעלעך דו האָסט! ווער

פארמאגט נאר אזא פאלק! דו מעגסט דיך געוויס מיט זיי בארימען פון איין עק וועלט צו דער אנדערער — איז מיר אויפגעקומען אין מיינע געדאנקען. — דערווייל איז אונזער בעל עגלה אריינגעפאהרען קיין... לעטיטשעוו.

III.

לעטיטשעוו, וואו איך בין איצט אריינגעפאהרען, איז איינס פון די פיעלע שטאדטלעך פון דעם יוגא-זאפאדני קראי, וואס זענען אנגעפילט מיט יודען. לעטיטשעוו איז א קליין שטאדטיל, נאר יודעלעך געפינען זיך דארט ברוך השם אזוי פיעל ווי אין א גרויסער שטאדט. עס איז נאר א וואונדער ווי אזוי זיי פאמעשטשען זיך אלע דארט; ווער ווייסט נישט אז יעדער יוד, אפילו דער ארימסטער, וואהנט נישט אויף דער גאס, צו אויפן פעלד ווי א ציגיינער. יעדער יוד מוז האבען א שטוב, א היים וואו דעם קאפ אנידערצולעגען. אלע וואהנען אין שטאדט, נאר ווי אזוי?...

דאס גאנצע שטאדטיל איז גרויס ווי א געניץ: שטעלט אייך פאר א גרויסען קיילעכיגען פלאץ (פלאשטשאד), ארום און ארום שטיבלעך, אט דאס איז די גאנצע שטאדט! אין איין זייט פון דעם פלאץ ציהען זיך אפילו עטליכע שמאלע ענגע גאסלעך, נאר זיי ווערען נישט גערעכענט אין דעם כלל פון די שטאדט-גאסלעך, חאטש זיי האבען זייערע נאמען: דאס „שול געסיל" — וואו מעגעהט דאווענען, דאס „תלמוד-תורה געסיל" — וואו דביי בארוויסע, נאקיטע, הונגעריגע קינדער געהען צום מלמד לערנען; דער מלמד האט אין דעם געסיל זיין אייגען שטיביל; ווייטער איז דא דאס „חברה קדישא געסיל", ווייל דורך דעם געסיל פיהרט מען די מתים אויפן בית עולם; דאס „באד געסיל", ווייל אלע ווייבער געהן פאר נאכט און די חסידים אין דער פריה דורך דעם געסיל אין מקוה אריין.

איצט קענט איהר שוין פארשטעהען פארוואס די געסלעך געהערען גאר נישט צו די שטאדט געסלעך, ווייל ווען דארט זאל גיט שטעהן די באד, וואלט גאר קיין „באד געסיל" נישט געווען, ווען דא זאל דער מלמד נישט האבען א שטיבעל אויף היהנערשע פיסלעך, וואלט קיין „תלמוד תורה געסיל" נישט געווען א. ז. וו. און די גאנצע שטאט לעטיטשעוו וואלט נאר באשטאנען פון דעם גרויסען פלאץ מיט די שטיבלעך וואס נעמען איהם ארום.

אט די אלע שטיבלעך האבען נאר אפנים אז מענשען וואהנען אין זיי פון איין שבת צום אנדערן, ווייל א גאנצע וואך ווערט פון זיי קלייטען, קלייטלעך; דא פארקויפט מען פאטשיילים מיט ציץ, דא בענדלעך, פאדים און נאדלען, דא בלעכענע קווארטען מיט טשאניקים, דארט מולטערם, פעסלעך, לאפיטים, רויטהע און ווייסע לעהם, סמאלע, דיאגאט (העגעכץ), טעפלעך און נאך אזויגע נוצליכע סחורות. פונקט

אין מיין פלאן שטעהט דאס איינציגע געמויערטע הויז, דאס [illegible] א לאנגער גרויסער שטאק, וואו עס שטעלען זיך אב אלע קריסטען וואס קומען אויפן יריד, אין די ווענד פון דעם לאנגען הויז זענען ווידער דא לעבער מיט שאפקעלעך — זיי רופען עס אן „קלייטען“, אבער אזוי פיעל אז עס איז פשוט נישט מעגליך איבער צו צעהלען, אין זיי פארקויפט מען אויך די סחורות וואס איך האב פריהער אויסגערעכענט.

איך מוז אייך זאגען דעם אמת, אז מיך האבען שטענדיג די קליינע שטעדטלעך אינטערעסירט מעהר פון אלע גרויסע שטאדט, אזוי אז איך האב בעשלאסען צו בלייבען א פאר טאג אנקוקען דאס קליינע שטעדטיל. יא, שוין פון לאנג אינטערעסירען מיך די קליינע יודישע שטעדטליך מיט די איינגעהויקערטע קליינע שטיבלעך און לעבער, מיט די קויטיגע פערדרארטע יודען, פארסעבערטע, פארדריפעטע ווייבער... די שטאדטלעך זענען די „טשערטא“ וואו עס וואהנט דאס יודישע פאלק... אונזער יודישע מאסע! וויפיעל איז דא אזוינע שטאדטלעך וואס מיר קענען אפילו זייערע נעמען נישט? ווער שמועסט נאך פון דעם לעבען וואס די אומגליקליכע מענשען פיהרען דארט?

איידער עס זענען ביי יודען געווען גאזעטען, האט מען פון דעם יודישען לעבען גאר קיין חשבון נישט אבגעגעבען, מעהאט נאר געוואוסט אבדרוקען אלע יאהר פאר יודען נייע ש״ס מיט מוסר ספרים, און די יודישע מאסע האט בעדארפט זיצען אין די בתי מדרשים און לערנען, דערמיט האט מען דאס יודישע פאלק אין גאנצען פארזארגט, און פאר די ווייבער איז געווען דער „צאינה וראינה“ מיט „מנורת המאור“, „קב הישר“ און נאך אזעלכע ספרים, תחנות און בבא-מעשות, מיט נסים פון די גוטע יודען. ערשט זייט מיר האבען אונזערע גאזעטען האט מען אנגעהויבען שרייבען פון יודען נייעס, אבער פון וועלכע יודען שרייבט מען? פון ראטהשילדען, מאנטעפיארען און פון אנדערע רייכע יודען פון גרויסע שטאדט, מעשרייבט אפילו פון אנדערע גרויסע מענשען: פון ביסמארק, גלאדסטאן, פון דעם טערק, דעם אראבער און פון וועמען איהר ווילט, אפילו ווי אזוי מע מאכט שווארצע טינט און וואס מע דארף איינעמען אז מע האט קדחת, אבער פון דער יודישער מאסע — געפינט איהר זעהר זעלטען עפעס אין די גאזעטען, מע פארגעסט גאר אן זיי, מע וויל גאר נישט וויסען אז דריי מיליאן פון די פיער מיליאן רוסישע יודען לעבען אין די קליינע שטאדטלעך, דאס זענען די יודישע דארפער, דא ליגט אונזער נאראדנאסט!

מיין בעל עגלה האט מיך, ווי דער שטייגער איז, פארפיהרט אויף א אכסניא.

איך מוז פריהער בעמערקען אז האטש אין א אכסניא אין א קליין שטעדטיל קאסט דעם פאסאזשיר אויך גענוג געלד, ווי אין דער גרויסער שטאדט אין האטעל אדער אין א גאסטיניצא, אבער דא איז נישט איינגעפיהרט ווי אין א האטעל, וואס

דארט דארפט איהר גאר ניט שאפען ובפרט נאך שרייען פאר אייער געלד, אומעטום זענען דא גלאקלעך, איהר דארפט נאר א קלינג טהון, יאווען זיך פון אלע זייטען דיענער, קעלנערס און ווער איהר ווילט נאר, אבי א גילדען; אבער אין די קליין שטעטעלדיגע סטאנציעס וועט איהר אייך אפילו פאר אכט גילדען פאר א שעה נישט דערשרייען אויף א סאמאוואר. און ערשט דערנאך וועט זיך אויסלאזען אז ענטוועדער דאס וואסער האט נישט געזאטען, אדער ער וועט טשאדען און עס וועט אייך אויספאלען באקאם, איידער איהר וועט דערלעבען אויסצוטרינקען א גלאז טהעע.

דאס איינציגע איז געווען מיט מיר. געוועהנליך אז מע קומט מיעד פון א וועג וויל מען טהעע; א האלבע שעה האב איך געשריען: משרת! (אזוי רופט מען דארט דעם בעדיענער פון דער אכסניא), נאר קיינער האט זיך נישט אנגערופען. איך האב אנגעהויבען שרייען: בעל-בית-טע! עס העלפט אלץ נישט. וואס האב איך געזאלט טהוען? בין איך אליין געגאנגען זוכען איינעם פון די צוויי און בין מסתמא פונקט אריינגעקראכען אין קיך אריין. עס האט מיר שוין זעהר באנג געטהון וואס איך בין אריין אין דעם גיהנם, נאר עס איז שוין געווען פארפאלען, צוריק געהן האט שוין נישט געפאסט.

איך האב אנגערופען דעם ארט וואו איך בין אריינגעקומען „גיהנם", און זאג נאך אמאל עס איז געווען איין אמת'ר גיהנם! די גאנצע קיך וואס איז גרויס ווי מע זאגט — פיער שפאן, דערפון פארנעמט דריי קוואדראטני ארשין דער קאך-און באק-אויבען, חוץ דעם שטעהט דארט: א טאפטשאן, א בעטיל וואו צוויי קינדער שלאפען, הייגט פאליצים מיט טעפלעך, לאדישקים, א פאס מיט וואסער, א צובער, צוויי מולטערס, א לאקשענברעט, קאטשערעס מיט לאפאטים און אזוי אבגעברענטע שטעקינס, אלערליי קלימקעלעך, דאס אלץ איז אנגעשטעלט אויף דער ערד און ביי די וואנד, אפילו די סטעליע (פאטאלאק) איז נישט געווען ליידיג, דארט האבען געהאנגען א זיפ, א פענדיל, א בעקען, פארברענטע טראפקעס, קינדערשע געוואשענע העמדלעך צום טריקענען... אז איך האב נאר איבערגעטרעטען די שוועל פון דער קיך, האב איך מיך אזוי פאפאדיט, אז איך האב מיך מעהר נישט געקאנט ריהרען ניט אהין און ניט אהער. אין קיך איז געווען א געשריי מיט קולות וואס מע האט זיכער געהערט אין זיבעטען הימעל און קיינער האט גאר נישט באמערקט אז א פרעמדער איז אריינגעקומען; און דאס איז גאר קיין וואונדער נישט, איך אליין האב אויך קיינעם נישט געזעהן, איך האב נאר געהערט קולות, וויינען, שרייען, קוויטשען; ביז מיינע אויגען האבען זיך צוגעוואוינט צו דעם פינסטערן געדיכטען שיין איז פארגאנגען א צייט, דערנאך האב איך ערשט דערזעהן דעם פריפעטשעק, פאר איהם איז געשטאנען א יודענע פון א יאהר זעכס און דרייסיג און האט געקאכט אנבייסען. אויף איין האנד האט געהאלטען א זייגענדיג קינד ביי דער ברוסט, און אין דער אנדערער — א שטעקן

מיט װעלכען זי האט געריקט די טעפלעך באלד אהער באלד אהין. באלד איז זי געלאפען צו איין זייט קיך, באלד צו דער אנדערער, אדער צום טאפטשאן, — מיט איין װארט אומעטום איז זי געװען פול און האט קיין מינוט נישט גערוהט, נאר די דריי קינדערלעך װאס זענען דא געװען האבען זי אפט געשטערט אין איהר ארבייט, די קינדער האבען געװיינט, געשריגען, דאס האט פערלאנגט איינס, דאס עפעס אנדערש, דאס קליינע קינד ביי דער ברוסט האט מסתמא אויך נישט געשװיגען, עס איז געװען א גאנצער קאנצערט.

נאך אלאנגער צייט האט מיך ענדליך די יודענע באמערקט און האט זיך צושריגען אויף די קינדער:

„שטיללער! לאס איך הערען װאס דער אורח רעדט!"

די קינדער האבען זיך דערשראקען און אויפגעהערט צו װיינען און האבען זיך באהאלטען אונטער דער מוטערס פארטוך און צװישען די פאלדען פון איהר קלייד.

איך האב פארשטאנען אז דאס איז די בעל־בית־טע און האב זי געבעטען א סאמאװאר. דא האבען זיך ערשט אנגעהויבען נייע קולות. די בעל־בית׳טע האט זיך צושריגען:

— אדונער האט מיך דערשלאגען! דער אורח װיל א סאמאװאר און איהם האט דער רוח אװעקטראגען! װאו איז ער ערגיץ? ער זאל אזוי כח האבען צו לעבען װי איך האב כח נאר צו שרייען „משרת!"... אצרה אין זיין פנים, ער האט אפשר היינט נישט געפרעסען?" זי האט אנגעהויבען שרייען מיט א שרעקליך קול: משרת! שטעל אויף פאר דעם אורח א סאמאװאר!"

אזוי האט זי אװעק געשריגען א שטיקעל צייט און אין מיטען געשריי אלע מאהל מיך געבעטען זיטצען, חאטש פלאץ װי צו זיטצען האט זיך אין קיך נית געפינען.

איך האב געזעהן אז פון איהר שרייען װעט גאר נישט װערען און עס איז א מעשה אהן א סוף, האב איך געזאגט:

— זייטשע מוחל, בעל־בית־טע, פון אייער שרייען װעל איך קיין טהע נישט טרינקען. זי האט אװעק געלעגט די אינסטרומענטען פון דעם אויבען און האט זיך אונטערגעשפארט מיט דער האנד אויף דעם פריפעטשעק.

— איהר זענט אװדאי געװעקט ליבער יוד, פון מיין שרייען װעט גאר נישט װערען, אזוי שריי איך מיך אן א גאנצען טאג אומזיסט, אזוי װערט מען פארשװארצט אז מען בעל־בית־טע, אלע טאג װערט מיר די גאל צוזעצט פון יעדער זאך און אז איך טהוא אליין, פאלט עס מיר אוים באקאס. אלץ אויף מיינע הענד, פון קליין ביז גרויס, אין קינדערלעך, דא דער מאנן, דא דארף מען קאכען מיטטאג, דא קומט א קונה

אין קלייט אריין, דא איין אורח, מוז מען איהם אויך בעדיענען. צו וואס דען האלט איין אכסניא? איהר זעהט דאך אליין ווי אזוי מען קען זיך פארלאזען אויף די משרתים, און אז איך וועל נישט אבהיטען די אורחים וועלען זיי צו מיר מעהר נישט פארפאהרען.

אין אנהייב איז מיר דאס גאר נישט אנגענעהם געוועזן. איך בין געווען מיעד פון דעם וועג, האב געוואללט טרינקען טהעע און מוז גאר פלוצים אויסהערען ווי די בעל-בית'טע רעדט זיך אויס דאס הארץ; דערנאך אבער האבען מיך איהרע רייד אנגעהויבען אינטערעסירען.

— נא האלט דיענסטען אדער אלייטישען משרת, האב איך איהר איין עצה געגעבען, וועט איהר נישט דארפען אזוי הארעוועןאון זיך אומזיסט אויסעסען דאס הארץ און שרייען; פאר א בעל-בית'טע איז גענוג די שטובארבייט מיט די קינדערלעך וואס פערלאנגען מען זאל זיי שטענדיג אבהיטען.

— איהר זאגט איך זאל האלטען דיענסטען מיט אלייטישען משרת? איהר זענט אוודאי גערעכט, ליעבער יוד, איך וואלט עס געוויס געטהון, וועלכע בעל-בית'טע וויל דאס דען נישט? נאר טראגט מיר דען דארויף? איך דאנק גאט אז איך מיט מיין מאנן און די קינדערלעך לעבען אב די וואך...

— פון דעסטוועגען האלט איהר דאך א משרת, פאר דעם געלד קענט איהר האלטען א משרת וואס זאל אייך זיין נוצליך...

— פארשטעהט זיך אז די אכסניא זאל טראגען אויף צו צאהלען וואלט איך מיר ניט בעדארפט אברייסען דאס געזונד שרייענדיג.

— איך פארשטעה אייך נישט, פאר וואס-זשע דיענט ער ביי אייך? פאר עולם הבא?

— ניין, ליעבער יוד, פאר עולם הבא טהוט היינט קיינער ניט קיין האנד אין קאלט וואסער אריין, דאס דערצעהלט מען פון אמאליגע יאהרען, ווען מיין באבע עליה השלום האט נאך געהאלטען די אכסניא, זי...

געוויס האט זי זיך געוואלט אריינלאזען אין א שמועס פון די אמאליגע יאהרען, אדער פון איהר באבען, נאר צו מיין גרויס גליק האט א טעפיל אנגעהויבען זיעדען, זי האט עס מיט דעם שטעקיל ארויסגערוקט, איך האב דערווייל באנוצט די געלעגענהייט און אנגעהויבען ווידער מיין פריהריגען שמועס:

— פאר וואס-זשע דען איז ער ביי אייך, אז קיין געלד צאהלט איהר איהם ניט?

— ווערדליג איך זעה, ר' קרוב, זענט איהר ביי אונז אין שטעדטיל דאס ערשטע מאל, דערפאר וועל איך אייך דערצעהלען, אז דא איז נישט אזוי ווי אין דער גרויסער שטאדט, וואו איין אכסניא איז טאקי איין אכסניא און אורחים פאהרען אריין און ארויס, דא טרעפט זיך איין אורח איין מאל אין אכט טאג, און ניט יעדער אורח גיט צו לייזען פאר א סאמאוואר...

— אויב אזוי וואס טויג אייך נאך האלטען איין אכסניא?

זִי הָאט מִיךְ אָנְגֶעקוּקְט גְלַייךְ וִוי אִיךְ וָואלְט אִיהְר פָארְגֶעלֶעגְט אַמְשׁוּגֶענֶע שְׁאֵלָה, וִוי גְלַייךְ זִי הָארְט דִי שְׁאֵלָה צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל.

— אִיךְ פַארְשְׁטֶעה אַייךְ נִיט, מַיין לִיעבֶּער יוּד, וָואס הֵייסְט אִיךְ זָאל נִיט הַאלְטֶען דִי אַבְסַנְיָא. וואוּ־זְשֶׁע וֶועל אִיךְ נֶעמֶען צוּ לֶעבֶּען מִיט מַיין מַאנְן אוּנ קִינְדֶערְלֶעךְ?

— וָואס הֵייסְט וואוּ? אִיהְר הָאט דַאכְט זִיךְ גֶעזָאגְט אַז אִיהְר הָאט אַקְלֵייט אוֹיךְ? אוּנ ווִידֶער פַארְדִינְגְט מֶען דִי אַבְסַנְיָא שְׁכֵנִים, וֶועט עֶס אוֹיךְ מֶעהְר טְרָאגֶען וִוי פוּן דִי אוֹרְחִים, אוּנ אִיהְר וֶועט פַארְשְׁפָּארֶען הָאבֶּען קְלָאפָּאט. דָאס אַלֵיין הָאט אוֹיךְ אַוָוערְטְה, אִיהְר וֶועט הָאבֶּען מֶעהְר צַייט זִיךְ אָבְצוּגֶעבֶּען אִין קְלֵייט אוּנ אִין שְׁטוּב.

אַנְשְׁטַאט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן הָאט זִי גֶעגֶעבֶּען אַבִּיטֶערְן זִיפְץ פוּן דֶעם טִיעפֶען הַארְצֶען אוּנ טְהְרֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ אִיהְר גֶעלָאזְט פוּן דִי אוֹיגֶען, חָאטְשׁ מֶען הָאט נִיט גֶעקָאנְט בַּאמֶערְקֶען אַז זִי ווֵיינְט, נָאר אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶעהְן.

נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען:

— דָאס אִיז טַאקֵי דָאס אוּמְגְלִיק וָואס יֶעדֶער מֵיינְט אַז דֶער יוּד שַׁארְט גֶעלְד מִיט לָאפָּאטִים. אוּנ פַאר וָואס זָאל מֶען נִיט מֵיינֶען? אַט אִיהְר אַלֵיין ווָאונְדֶערְט זִיךְ, אִיהְר זֶעהְט אַז אִיךְ הָאבּ אֵיין אַבְסַנְיָא, אַקְלֵייט, מַיין מַאנְן הַאנְדֶעלְט נָאךְ אִין מַארְק צוּ בִּיסְלֶעךְ הֵיינְט פַאר וָואס זָאלֶען מִיר נִיט שַׁארֶען מִיט לָאפָּאטִים, אָדֶער וֶוענִיגְסְטֶענְס פַארְדִיעגֶען אוֹיף בְּרוֹיט? אוּנ אַז דִי אַבְסַנְיָא אִיז נִיט אַזוֹי גוּט, רַאטְהֶעט אִיהְר מִיךְ אִיךְ זָאל זִי פַארְדִינְגֶען שְׁכֵנִים, אִיהְר מֵיינְט אַפָּנִים אַז אִין אַקְלֵיין שְׁטֶעדְטִיל פִיהְרְט זִיךְ וִוי אִין אַגְרוֹיסֶער שְׁטָאדְט, נֵיין! פְרֶעגְט פְרִיהֶער צוּ עֶס וֶועט זִיךְ גָאר גֶעפִינֶען אַשָׁכֵן עֶר זָאל בַּיי מִיר נֶעמֶען אִיךְ זָאל אִיהְם אֲפִילוּ אַרַיין לָאזֶען אוּמְזִיסְט? אַז עֶס קוּמְט וִוינְטֶער מוּז אִיךְ פַארְשְׁלָאגֶען דִי גַאנְצֶע אַבְסַנְיָא, וָוארוּם הֵייצֶען טְרָאגְט נִיט, סַיידֶען עֶס קוּמְט אַמָאל אֵיין אוֹרֵחַ אוּנ ווִיל עֶס זָאל אִיהְם זַיין וַוארְם הֵייצְט מֶען אוּנְטֶער.

— אָבֶּער נִיט אַללֶע הָאבֶּען אֵייגֶענֶע שְׁטִיבֶּער, עֶס זֶענֶען מִסְתָּמָא דָא אַזוֹינֶע אוֹיךְ וָואס דִינְגֶען דִירוֹת?

— יָא, עֶס אִיז דָא, נָאר אוּמְשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט, אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ שׁוֹין אֲפִילוּ אַשָׁכֵן, וָואס קֶען מֶען הָאבֶּען פוּן אִיהְם? אַזוֹינֶע שְׁכֵנִים וָואס זָאלֶען דִינְגֶען צְוֵויי דְרַיי שְׁטִיבְּלֶעךְ, ווִיפִיעל עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין מַיין אַבְסַנְיָא, אִיז טַאקֵי זֶעלְטֶען. אַיוּד אַשָׁכֵן וָואס הָאט אַוַוייבּ מִיט צְוֵויי דְרַיי קִינְדֶערְלֶעךְ דִינְגְט אַקְלֵיינֶעס אַלְקֶער, אוּנ אוֹיף אֵיין אַלְקֶער אִיז שׁוֹין בַּיי אוּנְז אַפְּרַייז פוּפְצֶעהְן צְוַואנְצִיג רוּבֶּעל אַיָאהְר מִיט דֶעם בַּעַל־הַבַּיִת'ס הֵייצֶען דֶעם אוֹיבֶען אוּנ דִי רוּבֶע, חוּץ וַואסֶער; אִיהְר וֶועט בְּוַדַאי פְרֶעגֶען: וִוי אַזוֹי קֶען גָאר זַיין, אַז אַרוּבֶע מִיט אֵיין אוֹיבֶען פַארְהֵייצֶען קָאסְט אֲפִילוּ אִין אַקְלֵיין שְׁטֶעדְטִיל טֵהייעֶרֶער פוּן צְוַואנְצִיג רוּבֶּעל? מוּז אִיךְ אַייךְ זָאגֶען, אַז דִי אַלְקֶערְס זֶענֶען טַאקֵי אַזוֹי גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען אַז דִי הַאלְבֶּע רוּבֶע גֶעהְט אַרַיין צוּם בַּעַל בַּיִת אִין שְׁטוּב אוּנ דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט צוּם שָׁכֵן אִין אַלְקֶער, אַזוֹי אַז וֶוען מֶען הֵייצְט דִי רוּבֶע אִיז וַוארְם בַּיים בַּעַל בַּיִת אוּנ פוּן אֵיין אוֹיבֶן אִיז גָאר קֵיין רֶעדֶע נִיט, ווִיפִיעל שְׁכֵנִים עֶס זָאלֶען ווָאהְנֶען בַּיי אַבַּעַל בַּיִת, קָאכְט מֶען אַלֶץ בַּיי אֵיין אוֹיבֶען. אָבֶּער פַארְדִינְגֶען מַיין אַבְסַנְיָא, וֶוען עֶס זָאל זִיךְ

אפילו געפינען א בעלן, קען איך העכסטענס נעמען דרייסיג רובעל א יאהר און צוויי־רובעס פארהייצען וועט מיך אליין קאסטען פיערציג קערבלעך

איך האב געזעהן אז מיין בעל־בית'טע איז גערעכט.

— נא און די קלייט? מסתמא לייזט איהר דאך, ווייל ווען ניט וואלט איהר זי ניט געהאלטען?

— חא, חא, חא, האט זי זיך צולאכט. נאר ווי איך האב געזעהן איז דאס געווען א געלעכטער פון צרות, אזא געלעכטער רייסט דאס הארץ און עס איז פיעל גרינגער צו הערען וויינען איידער אזא לאכען. — „אומשטיינס געזאגט מיין קלייט, מיין קראם, מיינע שונאים מיט אייערע שונאים זאלען דאס פארמאגען וואס מיין קראם טרעפט אן און וואס איך לייז אוואך"... האט זי מיר געענטפערט.

* * *

איך בין מעהר נישט אים שטאנד געווען אויסצוהערען די יודענע דערצעהלען פון איהרע פרנסות — און בין אוועקגעגאנגען. אין האלדז איז מיר געווען אזוי ווי עס שטיקט מיך עפעס, דאס הארץ אזוי שווער אז איך האב באלד געמוזט אוועקגעהן צו דער בריק, דאס איז דאס איינציגע שטיקעל ארט וואו די לופט איז א ביסעל ריינער און פרישער, דא שפאצירען אללע שבת נאך דעם שלאף אללע לעטיטשעווער יונגע לייט, אייגענטליך נישט אללע, נאר די וואס רעדען זיך איין אז זיי געהערען צו דער היינטיגער וועלט.

איצטער אין דער וואכען בין איך געווען דער איינציגער וואס האט שפאצירט אויף דעם לעטיטשעווער „בולוואר". איך בין דערפון געווען זעהר צופריעדען, ווייל איך האב טאקע געוואונשט צו זיין אליין מיט זיך... עס האט מיר אבער נישט געהאלפען, די בעל־בית'טע מיט איהר משרת, וואס וויל אויך נישט דיענען פאר עולם הבא, זענען מיר געקראכען אין אין קאפף אריין.

— סטייטש, האב איך מיך געפרעגט. א יוד וואס האט איין אייגענע שטוב, איין איינ־פארהויז, א קלייט, דער מאן האנדעלט צו ביסלעך אין מארק, און נאך די אללע פרנסות האט מען קוים פון וואס צו לעבען, און אומשטיינס געזאגט וואס פאר א לעבען: עס טראגט זיי אפילו נישט צו האלטען א דיענסט און צו צאהלען א משרת? ווי אזוי־זשע לעבען די איבריגע יודען, וואס האבען נישט קיין אייגען הויז מיט איין אייגענער קלייט? אמת אויף יודען איז קיין שאלה נישט פון וואנען זיי לעבען, יעדער ווייסט אז דער יוד לעבט פון דעם ווינד, ער טהוט זיך א דרעה אהין און אהער — און לעבט יאקאש; דאס איז נאר געזאגט, מיט ווייב און קינדער קען מען נישט לעבען פון דעם ווינד אליין, אויף צו לעבען מוז מען האבען עפעס א קוועלע, פון וואנען מען זאל ציהען פרנסה; פון וואנען זשע לעבט א יוד? אז דאס קלייטיל טראגט נישט, די אכסניא טראגט נישט, די איינציגע זאך וואס א יוד קען האבען זיין אייגענס — א הויז אין שטעדטיל — טראגט אפילו נישט צו

פַּאַיְיְנְען ?... פוּן וָואס צַוְוייטֶע מֶענְשֶׁען נִיט קֵיין יוֹרֶען לֶעבֶּען גֶעוֶועהְנְלִיךְ, זֶעהְן מִיר: דֶער אִיז אַ זֶעמְלֶיעדִיעלֶיעץ (אַקֶערְבּוֹיֶער), דֶער אַ רַאבָּאטְשִׁי, דֶער אַ דִינֶער אוּנ דֶעסְט־גְלַייבֶּען. דֶער יוּד אִיז צוּם מֵייסְטֶען אַ קְרֶעמֶער, אַ סוֹחֵר, אַ לוּפְט־פַארְדִינֶער אוּנ ווייסְט אַלֵיין קֵיין מָאל נִישְׁט פוּן וָואס עֶר לֶעבְּט, פוּן וֶועלְכֶער קְוֶועלֶע עֶר צִיהט זַיין פַּרְנָסָה, עֶר ווייסְט נָאר אַז וֶוען זַיין ווייבּ פְרֶעגְט אִיהם: וואוּ וֶועלֶען מִיר נֶעמֶען אוֹיף שַׁבָּת? אוֹיף בְּרוֹיט אִין דֶער וָואכֶען? עֶנְטְפֶערְט עֶר: גָאטט וֶועט אוּנְז בַּאשֶׁערֶען, גָאטט וֶועט אוּנְז צוּשִׁיקֶען. שְׁטֶענְדִיג ווארְט דֶער יוּד אוֹיף אַ נֵס, זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף נִסִּים, נָאר קֶען מֶען זָאגֶען אַז וֶוען מֶע רֶעכֶענְט נָאר אוֹיף נִסִּים הֵייסְט גֶעלֶעבְּט? אַ נֵס טְרֶעפְט זִיךְ זֶעלְטֶען אוּנ לֶעבֶּען דַארְף מֶען אַלֶע טָאג, אַלֶע מִינוּט! בִּיטֶער, זֶעהר בִּיטֶער אִיז אַזַא לֶעבֶּען!

אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט אַקוּרַאט צוּ אִיךְ הָאבּ דֶעם לֶעטִיטְשֶׁעוֶוער בּוּלְוואר טְרוֹיעֶרִיג גֶעמַאכְט, צוּ עֶר מִיךְ, נָאר דָאס גֶעדֶענְק אִיךְ, אַז אִיךְ בִּין פוּן דָארְטֶען זֶעהר טְרוֹיעֶרִיג אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

נִיט אוּמְזִיסְט זָאגְט מֶען אַ שְׁפְּרִיכְווָארְט: „דֶער מָארְגֶען אִיז קְלִיגֶער פוּן דֶעם אָבֶענְד“, וָואס אִיךְ הָאבּ נֶעכְטֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט אִיז מִיר הַיינְט פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארֶען.

גַאנְץ פְּרִיה, אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט אוֹיסְפֶּעיֶעט צוּ עֶפֶענֶען דִי אוֹיגֶען, הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי טְהִיר פוּן מַיין שְׁטִיבִּיל אוּנ עֶס אִיז אַרַיין אֵיינֶער מִיט אַ סַאמָאוואר, עֶר הָאט אִיהם אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפֶן טִישׁ אוּנ אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. דָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַזוֹי גִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקָאנְט בַּאמֶערְקֶען וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען: דִי בַּעַל־בַּיִת־טֶע אָדֶער דֶער מְשָׁרֵת.

דָאס זֶעהֶען אוּנ זְשׁוּמֶען פוּן דֶעם סַאמָאוואר הָאט מִיךְ נִישְׁט נָאר אִין גַאנְצֶען אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דֶעם שְׁלָאף, נָאר אוֹיךְ פְרֶעהְלִיכֶער גֶעמַאכְט. אִיךְ בִּין אַבִּיסֶל לֶעבֶּעדִיגֶער פוּן דֶעם בֶּעט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. עֶס אִיז גָאר קֵיין ווּאוּנְדֶער נִישְׁט, עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקֵייט! עֶס אִיז גְרִינְג צוּ זָאגֶען: אִיךְ זֶעה פַאר מִיר אִין דֶעם לֶעטִיטְשֶׁעוֶוער „הָאטֶעל“ אַ זִידֶענְדִיגֶען סַאמָאוואר, אוּנ הָאבּ אֲפִילוּ קֵיין אֵיינְצִיג מָאל נִישְׁט בַּאדַארְפְט אַ גֶעשְׁרֵיי טְהוּן מֶע זָאל אִיהם בְּרֶענְגֶען. גְלֵייבְּט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעמֶעגְט פְרֵייעֶן, אַזַא גְלִיק פַאר אֵיין אוֹרֵחַ טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטִיל זֶעלְטֶען.

אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען הַאלְבּ אָנְגֶעטְהוּן, הָאט זִיךְ ווידֶער גֶעעֶפֶענְט דִי טְהִיר, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעהְן וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען; דָאס אִיז גֶעוֶוען: צְוֵויי גְרוֹיסֶע לַאנְגֶע שְׁטִיוֶועל וָואס הָאבֶּען מִיט אַ מְשׁוּנֶה קוֹל גֶעסְקְרִיפֶּעט, נִישְׁט נָאר מִיט דִי פָּאדֶעשְׁוֶועס, נָאר אֲפִילוּ מִיט דִי חָאלֶיעוֶועס. דִי צְוֵויי שְׁטִיוֶועל זֶענֶען גְלַייךְ צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּם טִישׁ, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אַז פוּן זֵיי הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט צְוֵויי פִּיס אוּנ אַ בִּיסֶעל הֶעכֶער אַ פָּאר גְרָאבֶּע פַארשְׁמִירְטֶע שְׁווַארְצֶע הֶענְד, אוֹיךְ אוֹיף דִי אַקְסֶלֶען אַ טַלִּית קָטָן מִיט אַ קָאפּ מִיט הָאר אוּנ אַ בָּארְד מִיט אַזַא גְרוֹיס

היטעל, אז מע האט קוים דעם קאפ ארויסגעזעהן. דאס איז געווען דער משרת, וועלכער האט געבראכט א גלאז מיט א טשייניק.

— נאט אייך א גלאז, ר׳ יוד, אונ טרינקט טהעע. האט ער ארויסגעלאזט אזויגע גראבע, געדיכטע ווערטער, אז עס האט זיך מיר אויסגעוויזען ווי גלייך מע האט עפעס הילכיגעס ארויפגעווארפען אויף דעם טיש. אלליין איז ער געבליבען שטעהן, גלייך ווי מע האט זייגע צוויי שטיוועל אריינגעגראבען עטליכע ארשין אין דער ערד.

— איהר זענט דא א משרת? האב איך געפרעגט.

— יא, ר׳ יוד, איך בין דא א משרת, האט ער אויסגעשאסען ווי פון א הארמאט (קאנאנע) אונ אבגעסאפעט ווי גלייך ער האט געטהון די שווערסטע ארבייט.

— וואו זשע זענט איהר נעכטען געווען? אייער בעל בית׳טע האט אויף אייך נעכטען געשריגען.

— זי האט געשריגען, ר׳ יוד, נא האט זי געזאלט שרייען! פון וואנען האב איך געקאנט וויסען, ר׳ יוד, אז איין אורח איז געקומען? פאר וואס האט זי מיך נישט געשיקט רופען אז איין אורח איז געקומען, ווי תמיד? אט בין איך איצט געקומען, געזעהן אז איין אורח איז דא, בין איך אויך דא!

איך וועל אייך מודה זיין, ליעבע לעזער, אז איך האב נישט געפונען קיין ווארטער צו ענטפערן, עס האט זיך מיר אויסגעוויזען אז ער האט רעכט, אונ באמת פון וואנען האט ער געזאלט וויסען אז איין אורח איז געקומען? פאר וואס האט מען איהם נישט געשיקט רופען? איז ער דען א נביא?

ער האט מיר ווייטער דערצעהלט אז ער איז א משרת אין צוויי אכסניות, דא עסט ער אין דער פריה אונ דארט ביי נאכט, ווי עס קומט איין אורח שיקט מען איהם רופען ער זאל באדיענען, זייגע בעלי בתים צאהלען איהם נישט, ער האט נאר דאס וואס די אורחים לאזען איהם איבער איין אדיעודני, דערפון לעבט ער מיט זיין ווייב אונ קינדער.

צווישען יודען האט אזא פארזעהעניש אויך א ווייב!

ער האט זיך פאר מיר באקלאגט אז רחטשע די שמש׳טע האט איהם פארשטערט זיין גאנץ לעבען פון תמיד אן. ווען ער איז נאך געווען א בחור איז איהם גוט געגאנ־גען, האט איהם רחטשע נישט געלאזט לעבען: סטייטש א יוד טאר נישט זיצען אהן א ווייב, פלעגט זי מיט איהם טאג ווי נאכט טענין, ביז ער האט רחטשען נישט גע־קאנט אבזאגען אונ האט געמוזט התונה האבען, דערנאך זענען אוועקגעגאנגען עטליכע יאהר אונ ער האט קיין קינדער נישט געהאט, האט איהם רחטשע ווייטער נישט געלאזט לעבען: סטייטש ווי קען א יוד זיצען מיט א ווייב אהן קינדער? האט ער צו ליעב ראחטשען געמוזט געטען דאס ווייב אונ גענומען איין אנדער ווייב אונ זי מאכט גלייך דאס יודענטהום אללע יאהר מיט א נייעם יודען.

אַט די פְרוּמֶע יוּדֶענֶע, רַחְמָנִישֶׁע די שֵׁמַשִׁ׳טֶע, וָואס צְווינגט יוּדֶען צוּ מִצְוֹת און לָאזְט דָאס יוּדֶענְטהוּם נִישְׁט פַאלֶען, פַארְדִיעֶנְט גֶעווִיס אִיהר נָאמֶען זָאל בְּלַייבֶּען לְזִכָּרוֹן צְווִישֶׁען יוּדֶען!

IV.

מַיין בַּעַל־בַּיִתְטֶעס קְלֵייט אִיז גֶעוֶוען ווִי אַלֶע יוּדִישֶׁע קְלֵייטֶען, טַאקֶע בַּיי אִיהר אִין שְׁטוּב, ד. ה. אוֹיף דֶער גַאס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסגֶעשְׁלָאגֶען אַ פִיעֶרעֶקְקֶעבְּדִיג לָאךְ מִיט אַ לָאדֶען אָהן אַ פֶענְסְטֶער, אִין דֶעם לָאךְ אִיז גֶעלֶעגֶען דִי גַאנְצֶע קְרָאם, לָאפַּאטֶעס, קַאטְשֶׁערֶעס, מִילְטֶערְס, בַּיינֶעוֶועלֶעךְ, לִיכְט, גַאז, צוּקֶער, שְׁוַוארְצֶע רָאזְשִׁינְקֶעס, גֶעלָאשֶׁענֶע קוֹילֶען, גְרוֹיעֶר לֶעהם, בְּלֶעכֶענֶע טְשַׁיינִיקֶעס מִיט גְלֶעזֶערְנֶע פְלֶעשֶׁער און פְלֶעשֶׁלֶעךְ, צִיבֶּעקִים, א. ז. וו., מִיט אֵיין וָוארְט—וָואס אִיהר ווִילְט. נָאר דִי גַאנְצֶע קְלֵייט מִיט דִי טוֹיזֶענְדֶער מִינִים סְחוֹרוֹת הָאט גֶעקָאנְט בַּאטְרֶעפֶען הֶעכְסְטֶענְס פִינְף און צְוַואנְצִיג רוּבֶּל.

הַיינְט אִיז מַיין בַּעַל־בַּיִתְטֶע גֶעזֶעסֶען פוּן פְרִיה מָארְגֶען אָן אִין קְלֵייט, ווַייל הַיינְט אִיז גֶעוֶוען פְרַייטָאג—דֶער לֶעצְטְשֶׁעוֶוער קְלֵיינֶער מַארְקְטָאג. דִי חַלָה אוֹיף שַׁבָּת הָאט זִי נָאךְ אָפְּגֶעבַּאקֶען פַאר טָאג, דֶעם טְשָׁאלִינְט אוֹיךְ אָנְגֶעגְרֵייט אַז זִי זָאל אִיהם קֶענֶען בַּיי צַייטֶען פַארְרוּקֶען.

ווֶען אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער קְלֵייט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפֶען זִיצֶען דִי בַּעַל־בַּיִתְטֶע, טַאקֶע ווַייטֶער מִיט אַלֶע קִינְדֶערְלֶעךְ בַּיים פָאדֶעלִיק, מִיט דֶעם אֵייגֶענֶען גֶעשְׁרֵיי ווִי גֶעכְטֶען. זַייעֶר גֶעשְׁרֵיי הָאט גָאר נִישְׁט גֶעשַׁאדֶעט דֶעם מִסְחָר, ווַייל פוּן דִי קוֹנִים אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ גְרֶעסֶער גֶעשְׁרֵיי, אֵיין קוֹל הָאט דָאס אַנְדֶערֶע אִיבֶּערגֶעשְׁרִיגֶען.

דִי קוֹנִים—דָארְפִישֶׁע בּוֹיעֶרְס מִיט זַייעֶרֶע ווַייבֶּער, הָאבֶּען אַלֶע מָאל נַיי בַּאלֶע־גֶערְט דִי קְלֵייט, גֶעדוּנְגֶען, גֶענוּדֶעט, גֶעשָׁאלְטֶען, גֶערוּפֶען „זְשִׁידִי״, פַאר וָואס מֶע ווִילל נִישְׁט נֶעמֶען בַּיי זֵיי דִי פְּרֵייזֶען וָואס זֵיי גִיבֶּען, הוּנְדֶערְט מָאל זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהרְט און ווִידֶער גֶעשְׁרִיגֶען און גֶעזוּדֶעלְט און צוּם עֶנְדֶע גֶעקוֹיפְט און גֶעוָוארְפֶען דָאס גֶעלְד אִין פָּנִים אַרַיין.

דִי קְרֶעמֶערְקֶע, מַיין בַּעַל־בַּיִתְטֶע, אִיז זִיךְ גֶעזֶעסֶען אָנְגֶעשְׁפַּארְט, זִי הָאט רוּהִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט יֶעדֶען קוֹנֶה, ווִי גְלַייךְ דִי וָואס הָאבֶּען זִי גֶעשָׁאלְטֶען, גֶעזוּדֶעלְט, הָאבֶּען גָאר זִי נִישְׁט גֶעמֵיינְט. אַ קְלֵיינֶער מַארְק־טָאג עֶנְדִיגְט זִיךְ פְרִיה, הַיינְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט אַרוּם צְוֵויי, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז זִי נָאךְ גֶעזֶעסֶען, טָאמֶער וֶועט זִיךְ נָאךְ עֶמִיצֶער פַארְשְׁפֶּעטִיגֶען אוֹיף דֶעם יָרִיד.

— דִי אַלֶע קְלָלוֹת און גֶעזוּדֶעלֶעכֵיי ווִידֶער אִיהר לַייט עֶפֶּעס אַארֶען אַייךְ גָאר נִישְׁט?

— וָואס זָאל מֶען טהוּן און וָואס זָאל מִיךְ אַארֶען? מִיר זֶענֶען שׁוֹין דֶערצוּ גֶעוָואהנְט,

אַ בויער וועט אַנדערש נישט געבען צו לייזען ביז ער וועט נישט אָנשעלטען. אַרויס־לאָזען קולות, אָבצודינגען אַ גראָשען, אָבנודען די נשמה, אַז עס גלוסט זיך נאָר צו חלישען. אַז מע זאָל זיך וועלען צוהאָרען צו זייערע קולות, וואָלט מען עס טאַקע נישט געקאָנט אויסהאַלטען.

— דינגען זיך דינגט זיך יעדער, נאָר קען דען דאָס איינגע נישט געשעהן אָהן געשרייען?

— אוי ניין, אַנדערש וועט דער בויער נישט קויפען; נאָך מעהר, ווען ער דער־עסט זיך שוין גאָר דעם קרעמער, מוז מען איהם צוריק אָבשעלטען און אַוועקטרייבען פון דער קלייט, אַבי זייער פּטור צו ווערען, ערשט דעמאָלט וועט ער פון אייער קלייט נישט אָבטרעטען, איהר וועט איהם שוין מיט קיין שטעקענס נישט פערטרייבען, ער וועט נאָך אַמאָל צעהן אַוועק־געהן און צוריק קומען, נאָר ער וועט אייך שוין געבען צו לייזען. דאָס ליגט שוין אין דעם בויערס כאַראַקטער, ער באַליידיגט זיך נישט ווען איהר שילט און זידעלט איהם, ער וועט אויסשיטען אויף אייך אַגאַנצען גיהנם מיט קללות, אפשר וועט ער אָבנודען אַ גראָשען. היינט קענט איהר אייך שוין פאָרשטעלען ווי שווער עס איז פאַר דעם קרעמער ביז מע פאַרדיענט ביי די לייט אַ גראָשען.

— וואו איז אייער מאַן? פאַר וואָס העלפט ער אייך נישט, אין צווייען אַרבייטען אין קלייט וואָלט דאָך געווען גרינגער?

— ער געהט אויך נישט אַרום ליידיג, ער האָרעוועט נאָך צעהן מאָל מעהר פון מיר. קען איך מיך דען פאַרלאָזען מיט דער פּרנסה אויף דעם קלייטיל, ווי איהר קוקט עס אָן, צו אויף דער אַכסניא, אומשטיינס געזאָגט? ער האָט פאַר זיך גענוג, אַ גאַנצע וואָך פאָהרט ער אַרום און וואַלגערט זיך אויף די ירידים אויך מיט דער איינענער סחורה, און נאָר פון איין שבת צום אַנדערן זעה איך איהם...

— און פון אַללע אייערע האָראַוואַניעס בראַגט אייך נישט צו לעבען?

— ניין, מיין ליעבער יוד, עס טראָגט נישט! איהר האָט דאָך געזעהן וויפיעל צייט מע מוז פאַרליערען, וויפיעל דאָס האַרץ זיך אָברעדען ביז מע לייזט אַ גילדען, און וואָס פאַרדיען איך אָן דעם גילדען? און אַז גאָט העלפט שוין נאָר אַ גוטען יריד, קוקט מען זיך אַרום נאָך דעם יריד, דערזעהט מען אַז עס פעהלען אַ סך מינים סחורות — מע האָט זיי פשוט צוגעגנביט, אָדער איינער וואָס האָט עטליכע שעה גע־נודעט און געדונגען זיך, איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער סחורה און מע האָט פאַרגעסען ביי איהם געלד צו נעמען. אין דעם געשאַפט קען זיך אַלץ טרעפען, מע האָט פאָרט נישט מעהר ווי צוויי אויגען מיט צוויי הענד. משרתים צו האַלטען, זיי זאָלען היטען, טראָגט די גאַנצע קראָם נישט, אויפען יריד אָדער אין אַ מאַרק־טאָג האַלט איך געבען זיך די קינדער, זיי זאָלען האַטש אַכטונג געבען, נאָר אַ קינד בלייבט אַ קינד, בלויזים פאַרשפּיעלט ער זיך אָדער ער פאַרטראַכט זיך. אַט דאָס זענען אונזערע אַללע פאַר־דיענסטען אפילו פון דעם גוטען יריד! אַיין גראָשען דערלעבט נישט דעם אַנדערען,

מיין ליעבער יוד, אזוי איז פון אללע הארנאוואגנעס וואס איך מיט מיין מאגן הארוועווען טאג ווי נאכט! עס טראגט קוים אויף ברויט אין שטוב אריין.

— איך קען פארט נישט פארשטעהען, איך זעה שטענדיג אויף די ירידים אדער אין א מארק־טאג, אללע קלייטען באלעגערט מיט קונים אז מען קען זיך קוים דורכ־שטופען, דאכט זיך אז פון אזוי פיעל קונים מוז מען לייזען א סך...

זי האט מיך נישט געלאזט אויסרעדען:

— מיך וואונדערט אויף אייך, מיין ליעבער יוד, מילא א מוזשיק קען מען קיין מאל נישט אריינשלאגען אין קאפ, ער זאל פארשטעהן ווי אזוי און פון וואס א יוד לעבט, איהם דוייזט זיך שטענדיג אויס אז דער יוד שארט געלד מיט לאפאטעס נאר דערפון וואס ער קומט אין שטאדט אריין און גיט דעם יודען צו לייזען; אבער איהר זענט דאך א יוד, ווי קומט עס אז איהר זאלט נישט דעם אמת וויסען? נאר איך פארשטעה אז איהר זענט נישט קיין קליין שטאדטישער יוד, דערפאר וואונדערט איהר זיך אויף אללעס. ביי אייך אין די גרויסע שטאדט זענט איהר געוואהנט צו זעהען אקוגה ווי ער געהט אריין אין קלייט געבען צו לייזען אהן געשריי און אהן געפילדער, אפילו במעט אהן דינגען זיך, אזוי אז וואס מעהר קונים מען זעהט ביים קרעמער, לייזט ער מסתמא מעהר. ביי אונז אין די קליינע שטאדטלעך איז אבער גאר אנדערש, מיר לייזען נאר פון איין מארקטאג צום אנדערן, עס פאהרען זיך אן אסך בויערן, יעדער גיט צו לייזען נאר אין איין קלייט, נאר דינגען זיך, שעלטען און זידלען־מוז ער אללע קלייטען, ער פעהלט נישט אויס איינע, נישט נאר איין מאל, נאר אמאהל פופצעהן מוז ער געהען פון איין קלייט אין דער אנדערער אויף איינצוהאנדלען סחורה פאר פופצעהן קאפ'. וואס דען האט דער בויער צו טהון אין שטאדט אין אמארק־טאג? זייגע סחורות וואס ער ברענגט מיט: האלץ, שטרוי, היי, קארן, קארטאפלעס, גרינוואדג, עופות וכדומה, פארקויפט ער גאר גרינג און גיך, ער דארף פאר זייגע סחורות נישט נאכיאגען די קונים, זיך אבערעדען דאס הארץ ווי דער יוד, איהם טראגט מען דאס געלד אקעגען, און ער שילט נאך דערפאר דעם יודען, דאריבער האט ער צייט אגאנצען טאג זיך ארומצודרעהען צווישען די קלייטען, אנדולען די קרעמערס דעם מוח. פון די אללע קונים לאזט זיך אפט אויס אז מען לייזט ביי איינעם אדער צוויי.

— פון דעסטוועגען ציהט איהר דאך פארט אייער פרנסה טאקע פון די בויערן, וואס קומען צוויי מאל אין שטאדט אריין?

— אומשטיינס געזאגט די פרנסה! וואו אהין קריכט אריין דאס געלד וואס מען לייזט ביי זיי, אז נים טאקע צו זיי אליין? האלץ, קרויט, קארטאפלים, שטרוי, מוז דער יוד קויפען טאקע ביי די בויערן, זיי לייזען ביי אונז אסך גרינגער ווי מיר ביי זיי; מיר גיבען זיי אוועק דעם לעצטען גראשען און עס בלייבט אונז גאר נישט אויף צו לעבען, מיר מוזען פאר אלעס איהם צאהלען מזומן געלד, ווערענד ער קויפט פאר מזומן געלד גאר קלייניקייטען: נאדלען, פאדים, זאלץ; אללע נעטהיגע זאכען האט ער זיין אייגענס.

— וואו וָשע נעמט איהר אבער פארט צום לעבען? איהר לעבט דאך מיט אייער מאנן אונ קינדער?

— אלץ היסט ביי יודען געלעבט! וואס פאר אלעבען איז דאס ר׳ קרוב: איין טאג אין דער וואך איז ביי אונז יריד אונ צוויי מאל מארק־טאג. די דריי טאג פארגעסט מען אפילו אן עסען אונ מען קאבט נישט קיין מיטטאג, מען איז פון די קונים — צו האט מען יא געליוט, צו נישט — אזוי פארמוטשעט, דער קאפ ווערט אזוי דערשלאגען, אז מען פאלט אויף דער נאכט אנידער אויף דעם בעט ווי אדערהרגיטער מיט אשטיקעל טרוקען ברויט אין מויל. דערמיט האט מען אבגעלעבט דעם טאג. אין די טאג וואס איז נישט קיין יריד קאך איך יא מיטטאג, נאר אלץ הייסט מיטטאג! אומשטיינס געזאגט, וואס קאסט מיין מיטטאג? אז קיין פלייש קומט נישט אריין אין מיין הויז אגאנצע וואך, אונ אפילו איך זאל שוין יא מיר וועלען פארגינען אמאל פלייש, וויפיעל קען איוד קויפען פלייש אויף א מיטטאג? אפונט! אין אפונט פלייש געפינט זיך אהאלב פונט ביינער, איז נאר נישט כדאי, ווארום וועמען פריהער געבען? ביי דעם יודען וואס קען זיך אמאל פארגינען אויסצוגעבען אגילדען, מאכט עס נישט אויס, לאז מען האטש זעהן ביי זיין טיש אביין, אבער ביי אוינע יודען וואס דער גילדען איז ביי זיי טהייער אונ זיי האבען איהם נישט צו דער צייט, איז פיעל גלייכער, אידער ביינער בעסער גאר נישט. אזוי, מיין ליעבער יוד, לעבט מען אב די גאנצע וואך. אדאנק גאט וואס מען דארף נאך נישט צאהלען דירה געלד אונ קלייט געלד. וואס טהוט דער יוד וואס דארף נאך צאהלען פאר די זאכען? מיינט איהר אפשר אז ער שטארבט? ניין, קיינער שטארבט ברוך השם ביי יודען נישט פאר הונגער, מען לעבט; מיין כשרת וואס האט אווייב מיט קינדער, לעבט אויך. נאר וואס פאר אלעבען? מען מוטשעט זיך אב דאס ביסעל יאהרען!...

V.

עס איז שוין געוועזען פיער דער זייגער, דער מארק איז כמעט געווארען פוסט נאר מיין בעל־בית׳טע איז נאך אלץ געזעסען, איך בין אויך נישט אוועק־געגאנגען פון דער קלייט. וואס האב איך געהאט צו טהון ערב שבת אין לעטיטשעוו? אזוי שפעט אוועקצופאהרען איז גאר נישט געווען צו טראכטען. מיין בעל־בית׳טע האט דערווייל פון ערגעץ ארויסגעשלעפט אגאנץ קלומעקיל אונ פון דארט ארויסגענומען געוואשען גראט, העמדער אונ העמדלעך, זאקען א. ד. ג. אונ האט אנגעהויבען פארריכטען, דא געלעגט אלאטקעלע, דא צוגענעהט אקנעפיל.

— אומזיסט זאגט מען ביי יודען, האט זי ווייטער אנגעהויבען רעדען, אז א שלימזלניצע קומט שטענדיג אויס צו פארריכטען דעם מאנס העמד אויף שבת נאר אב

פרייטאג. ווען האט אקרעמערין צייט זיך אבצוגעבען מיט אזויגע זאכען אז נישט פרייטאג נאך דעם מארק? די וועשערין האט נאך אייערנעכטען געבראכט די וועש, איך האב אבער קיין צייט נישט געהאט זי צו פארריכטען און געמוזט אבלעגען פון איין טאג צום אנדערן ביז עס איז געווארען פרייטאג, אויף שבת קען מען שוין נישט אבלעגען, קומט שטענדיג אויס פרייטאג צו פארריכטען און צו פארמארעזשען.

מיך האט נאר איין זאך געוואונדערט: קען זי דען די ארבייט נישט מאכען איצטער אין שטוב, וואס זיצט זי ווייטער אין קלייט, אז דער מארק האט זיך שוין געענדיגט? איך האב זי אפילו געוואללט וועגען דעם פרעגען, נאר איך האב ניט געוואלט זי שטערען פון איהר ארבייט. באלד אבער איז מיר דאס פארענטפערט געווארען.

צו דער קלייט איז צוגעגאנגען איוד, ער האט אריינגעשטעקט דעם קאפ אין לאדען אריין און געזאגט: „גאט העלף!" זי האט באלד אוועקגעווארפען איהר געניה און זיך גענומען צום בייטעל.

— איהר זענט, רבי, געקומען נאך דעם צווייער (דרייסיג קאפ.), איך האב אייך נאך נעכטען געוואללט שיקען מיט דעם קינד, נאר... נאר איהר ווייסט דאך שוין וואויל אז איך גיב פרייטאג נאך דעם מארק.

ער האט גענומען דאס געלד, געזאגט „אגוטען שבת" און איז אוועקגעגאנגען.

איך האב פארשטאנען אז דאס איז דער מלמד, און די דרייסיג קאפ.—ווענין שכר לימוד.

קוים איז דער מלמד אוועקגעגאנגען, איז צוגעקומען איוד מיט צוויי ווייבער, אללע דריי האבען אריינגעשטעקט די קאפ אין לאדען אריין, אז איך האב געמוזט מיין קאפ ארויסנעמען.

— אייער מאנן האט מיר נאך פאר אכט-טאגען שבת געזאגט, האט זיך אנגערופען דער יוד, אז איך זאל צוגעהן פרייטאג נאך דעם מארק צו דער קלייט, וועט איהר באצאהלען פאר דעם נדר, ער האט מנדר געווען שני מאל ח"י מיט אחצי פונט נרות.

זי האט איהם אבגעוואויגען אהאלב פונט ליכט און געגעבען זעקס און דרייסיג גראשען, ער האט איהר געזאגט „אגוטען שבת", זי האט איהם געענטווערט: „אגוט יאהר" און ער איז אוועקגעגאנגען.

— גיט מיר אנדבה, האט געזאגט די ערשטע יודענע.

זי האט איהר געגעבען אגראשען, די יודענע האט איהר אנגעוואונשען אלדעם גוטס און זי האט געענטווערט: „גם אתם".

די צווייטע יודענע האט גאר נישט געזאגט, נאר מיין בעל-ביתטע האט גענומען אזעקסער-ליכט (אליכט פאר זעקס גראשען) און איהר געגעבען. די יודענע האט דאס ליכט אריינגעלעגט אין אקעסטיל וואס זי האט מיט זיך געטראגען און איז

אוועקגעגאנגען אויך מיט א „גוטען שבת“, די בעל־אכסניא׳טע האט איהר נאך געשריגען:

— רחטשע! איהר זאלט מיר לעבען און געזונד זיין, רחטשע! פארגעסט למען השם ניט צו שטעלען דאס ליכט געבען מיין שטאדט אקעגען מיין שטאנדער אז עס זאל נישט שמעלצען אויף מיין סידור ווי פאראכטאגען שבת...

צו רחטשע האט געהערט וואס זי האט איהר נאכגעשריגען, ווייס איך נישט נאר דאס ווייס איך, אז דאס איז געווען רחטשע די שמשטע, וואס האט דעם משרת פארשטערט זיין לעבען מיט דעם וואס זי האט געוואלט איהם געוואהנען צו יודישקייט..

עס זענין נאך דורכגעלאפען פאר דעם קלייט עטליכע יודען מיט אלערליי פושקעס וואו עס איז אויף שטיקלעך פאפיר געשטאנען אויפגעשריבען: „תלמוד תורה“ „חברה גמילות חסדים“ „חברה הכנסת כלה“ א פושקע פאר דער „מקוה“, פאר „הזכרות נשמות“ און נאך און נאך אסך פושקעס און קליינע פושקעלעך.

מייז בעל־אכסניא׳טע האט אומעטום עפים אריינגעווארפען: דא צעהן גראשען, דא זעקס, דא צוויי, און דא איין גראשען. די פושקעס זענין זיך היילענדיג אוועק געגאנגען מיט א „גוטען שבת“, א „גוטען תמיד“ און זי האט יעדען געענטווערט: „א גוט יאהר“.

צולעצט איז צוגעגאנגען איוד מיט נאך אידיל, איינער איז געגאנגען פריהער און האט געטראגען מיט זיך זיין בייבעל און דאס אנדערע יודיל וואס איז נאכגעגאנגען, האט געטראגען א גרויסען זאק.

— לויף גיך אין קיך, האט די בעל־אכסניא׳טע געזאגט צום עלטסטען קינד, אז זי האט די צוויי יודען דערזעהן, — דארט אויף דער פאליצע אן דער זייט, באזונדער געבען דער זיפ, ליגט א בולקע (אקוליטש)...

דאס קינד איז אוועקגעלאפען און האט אפילו נישט אויסגעהערט וואס די מוטער האט ווייטער גערעדט, אפנים ער האט שוין געוואוסט נאך וואס די מוטער שיקט איהם. דאס קינד האט באלד געבראכט די בולקע, אוועקגעגעבען דעם קליינעם יודען, ער האט עס אריין געווארפען אין זאק אריין, דער גרויסער יוד האט געזאגט א „גוטען שבת“ און ביידע זענין אוועקגעגאנגען.

* *

מיין זייגער האט שוין געהאלטען פינף, אין דער מינוט האב איך דערזעהן ווי צו דער אכסניא פארט צו א גרויסע פוהר מיט אזוי פיעל משא, אז מען האט בעדארפט פארדרייטען דעם קאפ צו זעהען ביז ארויף. דארט איז געווען אנגעלעגט וואס איהר ווילט: לאפאטים, קאטשערים, קליינע נייע פעסעלעך, קלימעקלעך, קעסטלעך, עטליכע אפגעשנידענע קיהעגע פעל און נאך קלימקעס — נאר אויבען אויף די סחורות

אִיז אַייךְ עֶפֶּעס גֶעלֶעגֶען אָדֶער גֶעזֶעסֶען עֶפֶּעס וִוי אַ קְלוֹמֶעק, נָאר וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען הָאבּ אִיךְ בְּאֵין אוֹפֶן נִישְׁט גֶעקָאנְט בֶּעמֶערְקֶען.

— דֶער טַאטֶע פָּאהְרְט! הָאט דִי בַּעַל־אַכְסַנְיָא'טֶע גֶעגֶעבֶּען אַ גֶעשְׁרֵיי צוּ דִי קִינְדֶער.

דָא הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער קְלוֹמֶעק וָואס לִיגְט פוּן אוֹיבֶּען אִיז מֵיין בַּעַל־בַּיִת — מֵיין בַּעַל אַכְסַנְיָא, עֶר אִיז אִיצְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת פוּן דִי יְרִידִים.

— נָא, גֶעה גִיבֶּער, הָאט זִי וַוייטֶער גֶעזָאגְט צוּם גְרֶעסֶערְן קִינְד, אוּנ לֶעג אַנִידֶער בַּיים טַאטֶען אוֹיפֶן בֶּעט אַ פַארְרִיכְט הֶעמְד...

דָאס קִינְד הָאט גֶענוּמֶען דָאס הֶעמְד אוּנ אִיז אַוֶועקְגֶעלָאפֶען, דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער זֶענֶען זִיךְ וִוי דִי פֵייגֶעלֶעךְ צוּפְלוֹיגֶען „זֶעהְן וִוי דֶער טַאטֶע פָאהְרְט". זֵיי הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען, גֶעצַאפֶּעלְט צוּם טַאטֶען וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט פוּן זֵיי — אִין דֶער הוֹיךְ...

— אוֹי טַאטֶע! אוֹי טַאטֶענְיָא! לִיעבֶּער טַאטֶענְיָא, נֶעם אוּנְז אַרוֹיף, לָאס מִיר זִיךְ דוּרְכְפָאהְרֶען...

עֶר הָאט צוּ זֵיי אַרָאבְּגֶעשְׁרִיגֶען אוּנ גֶעלַאכְט: בַּאלְד קִינְדֶערְלֶעךְ, בַּאלְד, אִיךְ וֶועל אַרָאבְּנֶעמֶען דִי סְחוֹרָה וֶועט אִיהר זִיךְ דוּרְכְפָאהְרֶען, גֶעהְט אַוֶועק פוּן דֶעם וֶועג, מֶע זָאל אַייךְ חַס וְשָׁלוֹם נִיט אִיבֶּערְפָאהְרֶען.

דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען אַוֶועקְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אָן דֶער זַייט מִיט אַ גֶעקְוִויטְשֶׁעכֵיי, אַ גֶעשְׁפְּרִינְגֶעכֵיי אוּנ מִיט אַ שִׂמְחָה!

דֶער וָואגֶען אִיז אַרֵיינְגֶעפָאהְרֶען אִין טְהוֹיֶער אַרֵיין, דִי קִינְדֶער נָאךְ אִיהם. דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא הָאט זִיךְ גֶעמוּהְט צוּלֶעגֶען אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער פוּהר, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְטְשֶׁעפֶּען אָן דֶעם בַּאלְקֶען פוּן דֶעם טְהוֹיֶער.

דִי בַּעַל אַכְסַנְיָא'טֶע אִיז וַוייטֶער גֶעזֶעסֶען אוֹיף אִיהר אָרְט אוּנ פַארְרִיכְט דָאס גְרָאט, אוּנ אַמָאל פוּפְּצֶעהְן אִיבֶּער גֶעחַזְרְט: עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד שַׁבָּת אוּנ אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹי פִיעל אַרְבַּייט! זִי הָאט אַזוֹי פִיעל גֶעאַיילְט אַז זִי הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זִי גֶעפְרֶעגְט.

אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אִיז פוּן דֶעם טְהוֹיֶער מִיט גְרוֹיס גֶעפִילְדֶער אַרוֹיסְגֶעפָאהְרֶען דִי לֵיידִיגֶע פוּהר, אִין אִיהר זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אַלֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דִי פוּהר אִיז מִיט זֵיי גֶעפָאהְרֶען עֶטְלִיכֶע שְׁפַּאן אוּנ אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ דֶער טְהִיר, דָאס קוֹל פוּן דִי קִינְדֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּיז צוּם הִימֶעל. דִי קִינְדֶער הָאבֶּען גֶעשְׁטִיפְּט, אֵיינְס הָאט גֶעחַאפְּט דִי ווֶוֹזְשְׁקִים, אֵיינְס דִי בַּייטְשׁ; נָאר אַז דֶער בּוֹיֶער פוּן דֶער פוּהר, וָואס הָאט בִּיז אִיצְט גֶעצֶעהְלְט זַיין שְׂכַר עֲגָלָה, הָאט צוּגֶענוּמֶען בַּיים מְשָׁרֵת דִי בַּייטְשׁ, זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרָאבְּגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען שְׁטִילֶער.

פְּלוּצִים וִוי פוּן אַ גְרוֹיסֶען שְׁטוּרְמְווִינְד הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעעֶפֶענְט דִי טְהִיר פוּן שְׁטוּבּ אוּנ פַאר מִיר אִיז עֶפֶּעס דוּרְכְגֶעפְלוֹיגֶען גִיךְ וִוי אַ בְּלִיץ, אִיךְ הָאבּ קוֹים צֵייט גֶעהַאט צוּ בַּאמֶערְקֶען, אַ בָּארְד, צְוֵויי לַאנְגֶע פֵּאוֹת, צְוֵויי לַאנְגֶע פָּאלִים אוּנ אַ צְווָוארְפֶען ווַייס הֶעמְד.

איך האב מיך אזוי ווי דערשראקען, ווייל פון דער באָרד און פּאות און די לאנגע פּאלים און דאס צוואַרפּענע העמד איז געווארען ארום מיר ווי עפּעס א ווינד.

— וואס איז דאס דורכגעפלויגען? האב איך געפרעגט.

— וואס הייסט וואס? דאס איז דאך מיין מאנן זאל לעבען, ער איז געלאָפען אין באד אריין לכבוד שבת. האט זי מיר געענטפערט מיט גרויס גדלות.

איך האב נאכגעקוקט אן דער זייט וואו אהין ער איז אוועק און איהם געוואלט אנקוקען. איך האב אבער נאר געקאנט זעהן ווי ער פליהט אלע מאל ווייטער און ווייטער איבער דעם גרויסען קאלעבדיגען מארק פּלאץ ביז ער איז אריין אין „באד גאסיל", דא האבען איהם מיינע אויגען אין גאנצען פארלארען.

מיין בעל־אכסניאטע איז ווייטער געזעסען ביי דער ארבייט און עס איז געווען ווידער שטילל. אזוי איז אוועקגעגאנגען אפשר א שעה, איך בין געשטאנען פארטראכט. פּלוצים האט עפּעס אונטער מיינע פליגעלס געגעבען אזא גרויסען געשריי, אז איך בין פאר שרעק פארטומעלט געווארין, איך האב נישט געקאנט הערען וואס מע שרייעט, עס האט זיך מיר אויסגעוויזען אז עפּעס רעוועט; נאך מעהר האב איך מיך דערשראקען אז איך האב דערזעהן ווי נאך דעם געשריי הייבט מען אן צו לויפען אויף דער גאס, און עפּעס ווי צו ראטיווען און מע פארמאכט די קלייטען. איך האב גערעכענט אז עס איז געוויס ערגיץ אויסגעבראכען א שרפה און האב שוין אויך געוואלט אנהייבען לויפען, דערוויל האב איך דערהערט דאס אייגענע קול שרייען:

— אין שול אריין! אין שול אר—ר—ר—יין!!!

— אוי, מע רופט שוין אין שול אריין און איך האב נאך קיין ליכט נישט געבענשט! האט זיך מיין בעל־ביתטע אויפגעחאפּט ווי איין אבגעבריהטע, זי האט גיך אוועקגעווארפען איהר ארבייט, צוזאממענגענומען וואס זי האט נאר געקאנט, פארמאכט די קלייט און אריין אין שטוב.

— פארמאך גיכער די קלייט... עס איז שוין שפּעט, עס איז שוין שבת... איז צוריק פון דער באד דורכגעלאפען דער פריהריגער בלין מיט א נאסער באָרד און פּאות, מיט א קוטיג העמד אין דער רעכטער האנד און מיט א נאס בעזעמיל אין דער לינקער. דאס פּנים רויטה ווי א בוראק און מיט עטליכע גרינע האלבע אבגעשמיעסענע בלאטעלעך אויף דעם שטערן. ער איז אזוי גיך אריינגעלאפען אין שטוב. אז ער האט אפילו קיין צייט ניט געהאט אויף מיר, זיין אורח, א קוק צו טהון.

איך האב איצטער באטראכט דאס נפש וואס האט אנגעמאכט אזא סומאטאכע אין דער שטאדט לעטיטשעוו מיט זיין שרייען: „געהט אין שול אר—ר—ר—יין". דאס איז געווען א טרעגער פון מעהל, ער האט געהאט אזא פּנים און אזא קאסטיום ווי דער משרת פון דער אכסניא, חוץ דעם איז ער געגאנגען ארומגעבונדען מיט גראָב שטריק. פאר זיין שרייען „אין שול אריין" באקומט ער פון קהל אכט גולדען א חדש און שמחת תורה איין עליה אומזיסט. חוץ דעם נאך עטליכע אזוינע אבשניצלעך פון יודישקייט.

„ער איז איצט געשטאנען אין מיטען מארק, דעם קאפ פארריסען און מיט אזא גדלות, טאקי ווי א גובערנאטאר. און פאר וואס זאל ער זיך נישט איבערנעמען, אז אויף זיין געשריי פאלגט א גאנצע שטאדט מיט מענשען און הייבען אן צו לויפען, אוועק צו ווארפען אלע ארבייט, פארמאכען די קלייטען און אנהייבען גאר איין אנדער לעבען? דאכט זיך אז יעדער גובערנאטאר וואלט זיך געוואונשען אז זיין קול זאל אזוי ווירקען אויף דער גובערניע, ווי דעם טרעגערס קול אין לעטיטשעוו פרייטאג פאר נאכט!

דער מארק־פלאץ איז אלע מאל געווארען פוסטער און ליידיגער, אין איניגע פענסטער האט מען שוין באמערקט אנגעצונדענע לעכטלעך... איניגע מאנספארשוינען זענען געלאפען אין שול אריין. איך בין אריינגעגאנגען אין מיין שטיבל אין דער אכסניא.

ווי איהר זעהט בין איך געבליבען אין לעטיטשעוו אויף שבת.

א קורצע צייט שפעטער איז אריינגעקומען צו מיר די בעל־בית'טע און האט מיך געפרעגט צו איך וויל מע זאל מיר אריינברענגען עסען, צו וויל איך געהן צום טיש עסען לכבוד שבת. איך האב געזאגט אז איך וועל אריינקומען „צום טיש“.

ווען איך בין אריינגעקומען, האט דער בעל־בית נאר וואס אויסגעטהון דאס אייבערשטע מלבוש, געזאגט יעדען „א גוט שבת“, מיר געגעבען „שלום“ און אנגע־הויבען זאגען „שלום עליכם“.

קוקענדיג איצטער אויף דער שטוב, אויף דעם טיש, אויף דעם בעל־הבית, אויף דער בעל־הבית'טע מיט די קינדער, האב איך מיך דערמאנט אן זייערע פרנסות, אן זייער לעבען די גאנצע וואך און בין איבערראשט געווארען! עס איז גאר נישט די בעל בית'טע, גאר נישט די אייגענע קינדער וואס איך האב פריהער געזעהן, גאר נישט דער בעל בית וואס איך האב פאר צוויי שעה געזעהן ליגען ווי א קליצעק אויף דעם וואגען, און דערנאך פליהען ווי א פליץ אין באד אריין! עס זענען גאר אנדערע מענשען, טאקי אזוי ווי מענשען דארפען זיין!

היינט די שטוב אליין, וואו אין דער וואכען איז גאר נישט מעגליך געווען אריינ־צוקומען — האט איצט אויך באקומען גאר איין אנדער פנים! עס איז פשוט א פארגעניגען אנצוקוקען, אין איטלעכען ווינקעלע ריין, ציכטיג, ליכטיג. נאך מעהר פארגעניגען האט מיר געמאכט דעם בעל בית ארומגעהן איבער דער שטוב און זינגען „שלום עליכם“, דא האט ער אנגענומען א קינד ביים בעקיל, דעם ביים הענטיל. דעם האט ער א קיש געטהון אין קעפיל און איז ווייטער געגאנגען אהין און אהער און געזונגען.

מיין בעל אכסניא האט געזאגט דעם „שלום עליכם“ דעם „רבון כל העולמים“ מיט דעם „אשת חיל“ מיט אזא הארץ, מיט אזא געפיהל, אזוי אנגענעהם און זיס מיט

צווא טרויעריגען קול, אז עס האט געקאנט רירען אפילו א שטיין, מיין בעל ביתטע האט גאר אנגעקוואלען און האט פון איהר מאגן קיין אונג נישט אראבגעלאזט.

נאך דעם „שלום עליכם" האט דער בעל בית געמאכט קידוש איבער היימישע ראזינקע-וויין מיט גרויס התלהבות און האט געגעבען צו טרינקען ברכה דער ווייב מיט די קינדער. באלד איז מען זיך געגאנגען וואשען און געזעצט צום טיש, דער בעל בית האט „המוציא" געמאכט איבער צוויי חלות.

ביים טיש האט דער בעל בית זעהר געלויבט די פיש און נאך מעהר זיין ווייב, וועלכע קען אזוי גוט קאכען. די פיש האבען טאקע באמת געהאט טעם גן עדן. די יוך מיט לאקשען, דאס פלייש און דער צימעס האבען מיר אויך זעהר גוט געשמעקט און צווישען יעדען געריכטס האט דער בעל בית געזונגען זמירות. מיט אזא קול און אזעלכע שאנע נגונים, מחיה נפשות חלעבין. מע האט אזוי ערנסט געבענשט און געגאנגען צייטליך שלאפען. —

אין דער פריה איז מען געגאנגען אין שול דאווענען. דארט איז מיין בעל בית געשטאנען אויבען אן און האט געקריגען א פאניבריהשע עליה. אהיים קומענדיג האט מען קידוש געמאכט, פארביסען מיט לעקיך און אייערקיכליך, געגעסען דעם טשאלינט זיך אויסגעשלאפען, מנחה געדאווינט, שלש סעודות געגעסען און אין דער נאכט אריין מעריב געדאווינט און הבדלה געמאכט.

אזוי האב איך פארבראכט א גאנצען שבת זעהר גוט, די בעל-ביתטע האט מיר אמאל צוואנציג געזאגט: טאקי נאר אין דעם געבענשטען טאג שבת לעבען מיר, דער איינציגער טאג שטארקט אונז מיר זאלען קענען איבערטראגען אלע צרות א גאנצע וואך. ווען עס זאל נישט זיין דער ליעבער שבת, וויים איך נישט ווי אזוי איך וואלט געלעבט...

שבת צונאכטס האב איך געבעטען מע זאל מיר געבען א חשבון וואס עס קומט פון מיר אין דער אכסניא; מע האט מיר געבראכט א חשבון וואו עס איז געווען אלץ אויסגערעכינט וואס עס קומט פאר דער שטוב, סאמאווארען, עסען א. ד. ג.

— נא און פאר שבת עסען וואס קומט איין? האב איך געפרעגט, אז איך האב געזעהן דער שבת איז נים דא אין חשבון.

— חס ושלום! האט זי זיך געגעבען א חאפ, ביי א אורח וואס עסט שבת ביי מיין טיש נעם איך קיין געצאהלט. פארקעהרט מיין מאנן דאנקט גאטט ווען ער בעשערט איהם איין אורח אויף שבת.

איך האב זיך געפרובט זי צוצורעדען זי זאל נעמען געצאהלט פאר שבת, נאר עס האט נישט געהאלפען מיין פיעל רעדען און שפארען זיך וועגען דעם.

— קיין עולם הבא פארקויף איך נישט, האט זי געענטפערט.

איך האב געמוזט אוועקפאהרען פון לעטיטשעוו א גענוגענער אורח אויף שבת.

VI.

דיא אלטע לייט וואס הערען גאר ניט אויף צו לויבען „דיא אלטע וועלט" זאגען אז ניט נאר דיא היינטיגע וועלט איז קיין וועלט ניט, אונ דיא היינטוועלטיגע מענשען זענען קיין מענשען ניט, נאר אפילו דיא היינטוועלטיגע פאנאדע איז גאר קיין פאנאדע ניט, דאס הייסט: ווינטער איז ניט ווינטער אונ זומער איז ניט זומער.

— אמאליגע יאהרען, דערצעהלען זייא, איז זומער געוועזען ווארים, דיא פאגאדע שאן טאקי וויא „זומער לעב" אונ אז מען האט באדארפט פאהרען אין וועג האט מען געמעגט מיט זיכערהייט ארויספאהרען אין איין קאפאטע אונ פארפאהרען מיט איהר אפילו קיין בראד, אונ עס האט זיך חו"ש גאר נישט געטראפען, ווארום זומער איז טאקע געוועזען זומער; ווינטער אז מען האט באדארפט פאהרען אין וועג האט מען געמעגט מיטנעמען א גרויסען שמוישענעם טולופ (פעלץ) מיט גרויסע וואלענע זאקען, גרויסע פוטערנע הענדשקעס מיט א גראבען גרינעם וואלענעם שאל, אונ ווער שמועסט אז מען איז נאך געוועזען קלוג אונ מען האט ניט פארגעסען מיטצונעמען דיא וואטאווע הויזען, האט מען געמעגט אויספאהרען דיא גאנצע וועלט אונ עס האט זיך חס ושלום גאר נישט געטראפען, ווארום אמאליגע יאהרען איז ווינטער טאקע געוועזען ווינטער, עס איז געוועזען פרעסט, א סך שנעע אונ דער שליטוועגס איז געשטאנען פון סוכות ביז פסח, אזוי אז יודען סוחרים פלעגען זיך אוועקלאזען פון דער היים מיט דיא בעלי־עגלה'שע לאנגע שליטענס, אפילו קיין פאלטאווע אויפען יריד, אונ זייא זענען געקומען טאקע מיט דיא שליטענס ברוך השם בשלום אהיים צו זייערע ווייבער אונ קינדער, אונ האבען פארדיענט א סך געלד. היינטיגע יאהרען אומשטיינסט געזאגט אז א יוד א סוחר פאהרט ארויס קיין טערנעווקע אויפען יריד, אין גאנצען צוואנציג ווערסט פון דער היים, פאהרט ער ארויס אין דער פריה מיט א שליטען אונ קומט אויף דער נאכט צוריק אהיים מיט רעדער; פאר וואס איז דאס אזוי? — ווארום היינטיגע וועלט, זאגען דיא אלטע לייט, איז קיין וועלט ניט, היינטיגע מענשען זענען קיין מענשען ניט, דארום איז דער ווינטער קיין ווינטער ניט! אט דאכט זיך געהט א שנעע, א שעה שפעטער האסט דוא דיר א רעגען, נאך שפעטער מיט א שעה א פראסט אונ אויף מארגען האסט דוא דיר גאר א בלאטע מיט א וושעלעדע אז פערד קען מען אנפויען אין דיא גאסען, אט האסט דוא דיר ווינטער! ראש חודש שבט! נא קענען דען אין היינטיגע יזיסטע יאהרען מיט זייערע פאגאדעס יודען סוחרים פארדיענען געלד?

אזא מין „היינט וועלטיגע פאגאדע" האט מיך פארטריבען אונ פארווארפען אין א יודישער שטאדט שוין עטליכע וואכען אונ עס איז ניט מעגליך פון איהר ארויס צוקריכען . . . איך בין דאכט זיך ארויסגעפאהרען זומערדיג, גאר אויפען וועג, אין דער יודישער שטאדט האט דיא פאגאדע אזוי אנגעהויבען צו שפיעלען, אז עס איז ניט ארויסצוקריכען ניט מיט קיין שליטען אונ ניט מיט קיין רעדער, אונ דיא בעלי־עגלות הייסען זיך סיי וויא סיי אבגילטען, אז עס איז גאר ניט פאר מיין בייטעל —

אט האסט דוא דיר „א וועג", קען מען דען אין היינטיגע וויסטע יאהרען מיט היינטיגע וויסטע פאגאדעס עפעס פארדיענען געלד? האב איך זיך דערמאנט וואס דיא אלטע סוחרים זאגען אונ זיך גאר מישב געוועזען אנגעהויבען זיך ווארעמען ביי דעם אויווען אין מיין שטיבעל פון דער אכסניא. וואס דען האב איך געוואלט טהון?

ליגענדיג אזוי נעבען דעם אויווען אונ קוקענדיג דורך דעם פענסטער אויף דער וויסטער פאגאדע, האט זיך מיר אויסגעוויזען אז דיא גאנצע וועלט מוז איצט זיצען נעבען דעם אויווען אונ זיך ווארעמען, ווארום וואס האט מען צו טהון אויף דער גאס אין אזא פאגאדע? סיידען פוסטע־פאסניקע וואס האבען ליעב צו קנעטען דיא בלאטע, אונ אויך איך — וואס אינטערעסיער זיך מיט דעם יודישען לעבען אפילו אין דער בלאטע.

נאר אז איך בין פון מיין שטיבעל ארויסגעקראכען אויף דער גאס, האב איך געזעהען וויא דיא וועלט איז דיא אייגענע וואס פריהער: מען פאהרט, מען לויפט, מען געהט אהער אונ אהין; נעבען דיא קלייטען, מאגאזינעס, קראמען, שטעלען אונ שאפעקעלעך זיצען אלערליי קרעמער, אונ פארקויפער; דיא מארקיזצערינס זענען אויך דא, דיא מיט פוילע עפעלעך, דיא מיט ווייסע לעהם, דיא מיט א צובער דיאהאט (ענגיכץ) אונ דארט מיט פלעקלעך, שפילקעס, נאדלען, פאדעם; דא רעדט מען, דארט טענהט מען אונ דא שרייט מען. מיט איין ווארט עס קאכט זיך אומעטום וואו איהר ווערט נאר א קוק טהון. —

ווען איך זאל זיין א קריסט אונ זאל קענען דאס יודישע לעבען נאר פון לייענען ביכער אונ פון אזעלכע צייטונגען וויא דיא „נאוואיע ווערעמיא", אזוי וויא אייניגע קריסטען קענען דיא יודען מיט זעהר לעבען, אונ איך זאל מיך פאפארען אין א יודישער שטאדט וואו איך געפין זיך איצט אונ צוזעהן וויא עס זידט, וויא עס קאכט אין דיא יודישע גאססען — אויף דעם יודישען מארק, וואלט איך געזאגט: אט זעה איך איצט וויא עס איז טאקע אמת וואס דיא צייטונגען שרייען וועגען יודען; קוקט נאר צו וואס עס טהוט זיך דא: יעדער לויפט, יעדער געהט, יעדער איז פארנומען, עס קאכט, עס זידט אין יעדען ווינקעלע, מען זשויבט געלד! וואס הארעוועט זיי אזוי דא אללע מיט דיא שטעקלעך אין דיא הענד? אונ דערמיט פארדיענען זייא געלד! וואס טהוט אבער אונזער נאראד — דיא מושיקים? זייא ליגען אויף דיא פעלדער הארעוועןן מיט דעם ביטערען שוויים איהרער זייא פארדיענען דעם גראשען, אונ דער יוד? — וויא גרינג פארדיענט ער! אט לויפט ער זיך מיט דעם שטעקעל, דא רעדט ער אביסעל, דארט טענה'ט ער, ביז ער נארט אימעצען אב, אונ מיט אזא אופן זשויבט ער גרינג געלד.

נאר איך בין דאך ניט קיין קריסט וואס איך זאל קענען יודען מיט זייער לעבען פון צייטונגען אונ פון ביכער, איך בין זיך אויך א יוד... דארום קען איך יודען א ב זיים אז יודען קענען לויפען, פליהען, רעדען, טענה'ן, זיין פארטראגען, קיין צייט ניט

האבען אהאלב ווארט צו רעדען אז איהר זאלט טאקע באמת מיינען אז מיט זיין צייט זשויבט ער געלד פון אללע זייטען, נאר באמת לאזט זיך שטענדיג אוים, אז נאך זיין גאנץ פליהעניש, פארטראגענקייט זאל ער קיין צוברעכענע קאפיקע ניט פארדינען — אונ ער ווייסט אליין וועהר גוט אז ער האט גאר ניט וואס צו פליהען, ער דרעהט זיך נאר ארום אומזיסט אין גאס אונ וואלט געמעגט גאר זיצען אין שטוב, אז ער וועט אין גאס גאר ניט אנווערען, נאר אי וואס האבען זיי איצטער צו טהון אין גאס? וואס פליהען זיי, וואס רוישען זיי, וואס זשומען זיי? — די פרנסה — די וויסטע פרנסה האט זיי אללע ארויסגעטריבען אויף דער גאס! — דעם גביר אויף זיין פאיעטאן, דעם מיטלען בעל הבית מיט זיין שטאקען אין דער האנד, דעם מעקלער מיט זיין פראבע ווייץ, דעם שדכן מיט זיין שדכנות ביכעל, דעם וואכענגעבער (פראצענטניק) מיט זיין „וואכענצעטעל“, דעם וואסער־פיהרער מיט זיין טעלעגע, דעם טרעגער מיט זיין שטריק אונ מיך מיט מיין מוזען שרייבען... אוי די פרנסה — די וויסטע פרנסה!...

VII.

עס איז פארט ביי מיר געבליבען א גרויסע פראגע: מילא דער וואכענגעבער, דער שדכן, דער וואדאוואז, דער טרעגער אונ איך, איז קיין פראגע ניט וואס מיר טהוען אויף דער גאס — עס קען זיך שאן מאכען, אז דער וואכענגעבער זאל אבנעמען דעם רובל פאר דער וואך מיט פראצענט, דער שדכן זאל אויספיהרען א שידוך, דער וואדאוואז מיט זיין טעלעגע אונ דער טרעגער מיט זיין שטריק, זאל אויך פארדיענען פינף קאפ' אונ מיר קען זיך מאכען איך זאל האבען פון וואס צו שרייבען; — נאר ווי אזוי פארדיענען די אללע בעלי בתים, בעל־ביתליך מיט די שטעקלעך אין די האנד, וואס דער רוב פון זיי פארפוללען די יודישע שטאדט, די יודישע מארקען, די יודישע גאסען, די יודישע וועלט?... דאס פארשטעה איך קיין מאהל ניט! אונ עס בלייבט ביי מיר א שטענדיגע פראגע: פון וואס למשל לעבען זיי, מיט וואס למשל פארדיענען זיי אויף פרנסה, זיך אונ דער פאמיליע?

איך הער, איך זעה שטענדיג, אללע טאג, אויף יעדען טריט, טויזענדער יודען וואס מען רופט זיי ביי אונז בעלי בתים, בעל ביתליך, אדער ווי דער רעמעסלענ־קלאס רופט זיי אן „פראסטאקיס“, וואס האבען ווייבער מיט אסך קינדער אונ קינדערלעך אונ דערביי קיין שום בעשעפטיגונג. זיי זענען ניט קיין בעלי מלאכות, ניט קיין שאנקערס, ניט קיין קרעמערס, ניט קיין גנבים אונ האנדלען ניט מיט קיין גנבות אונ בעטען אויך ניט קיין נדבות — געהען ניט ארום איבער די הייזער; אונ וויפיעל מאל איך האב שוין אויף מיין לעבען ניט געפרעגט:

— פון וואס לעבט אזא יוד? איין מענש דארף האבען, ובפרט נאך א פאמיליע כּילא לאז זיין ער לעבט מיט זיין פאמיליע גאנץ געמיין, נאר אויף געמיין לעבען דארף מען אויך עפּעס האבען, קיין צוויי גראשען געפינט מען אויך ניט אויף דער גאס, וואו זשע נעמט ער די צוויי גראשען?

דארויף בעקום איך שטענדיג פון יעדען דעם אייגענעם ענטווער:

— איך ווייס? מסתמא לעבט ער. גאט פארלאזט ניט אידען וואס האט א ווייב מיט קינדער, מסתמא באשערט איהם גאט, קיין יוד ברוך השם שטארבט ניט פאר הונגער! אט זעהט איהר זיך גאטס נסים ווי ער לעבט מיט ווייב און מיט קינדער און זעהט זשע — ער געהט אויך ברוך השם ניט ארום אויף דער גאס שאנדליך, שטענדיג מיט א גאנצער קאפּאטע (סורדעט) מיט א שאן שטאקעל און פארגעהט זיך מיט לייט און הייסט „בעל בית“ און גאט פארלאזט איהם ברוך השם ניט! האבען דען אללע יודען גרייטע פרנסות, ווי שענקען, קלייטען, אדער געלד אויף פּראצענט? זענען דען אללע יודען בעלי מלאכות? דער יוד אויף וועלכען איהר פרעגט, איז ניט איינער בּיי גאט, און גאט פארלאזט זיי ניט, אויף דארויף איז מען זיך יודען, אדרבא ווי זאגט איהר פון וואס לעבען אזוינע יודען?...

אט אזא ענטווער בעקום איך שטענדיג אויף מיין „שטענדיגער פראגע“, און חוץ וואס ער פארענטווערט מיר ניט, שטעלט ער מיך אנידער מיט זיין פראגע: „אדרבא ווי מיינט איהר, פון וואס דען לעבען אזוינע יודען“? און חלעבען אז איך ווייס אויך קיין מאל ניט דארויף צו ענטווערען.

מילא יענעם יודען אארט גאר ווייניג, וואס איך ווייס איהם ניט צו פארענטווערן זיין פראגע. בּיי איהם זענען רעכט אזוינע תירוצים ווי „גאט פארלאזט ניט קיין יודען“, „א יוד שטארבט ברוך השם ניט פון הונגער“; „ער איז ניט איין יוד אזוינער אויף דער וועלט“; „ווער קען וויסען גאטס נסים“, „גאט באשערט“; און ווידער וואס איז דאס גאר זיין געשעפט? „מסתמא אז יענער לעבט, האט ער פון וואנען צו לעבען און וועמעס דאגה איז דאס צו קלערען ווי אזוי יענער לעבט? ער זאל ניט האבען, וואלט ער ניט געלעבט און אז ער לעבט מסתמא האט ער „יא“ און נאך אזוינע תירוצים מיט כללים געפינט ער אבּי בארוהיגען זיין נפשיל.

איך אבער גלויב ניט אין אזוינע זאכען און קען מיט אזוינע תירוצים און כללים ניט בארוהיגען מיין נפשיל — איך גלויב אז גאט זאגט אויך: „איך בין טאקע גאט און באשער און טהו גרויסע נסים, נאר מיט פרנסה מיט ברויט דארפסט דו זיך אויף מיינע נסים ניט פארלאזען, נאר אויף זיך אליין; צו פרנסה האבען מוז מען זיין „עפּעס“, אדער א בעל מלאכה, א שענקער, א קרעמער, א טראגער, צו איך ווייס ניט וואס, אבּי עפּעס האבען אין דער האנד א בעשעפטיגונג פון וואנען מען זאל ציהען די פרנסה, דערנאך בין איך פון דיינעטוועגען מענשעלע, דער אייביגער גאט, איך באשער

דיר, איך טְהוּ דִיר גְרוֹיסֶע נְכָּים אוּנ נָאךְ אַ״יְנֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ, גְוִיסְט, קֶע טְהוּן פַאר אַמֶענְשֶׁענְס וֶועגֶען״.

אִיךְ גְלוֹיב אַז מֶען פַארְדִיעֶנְט נִיט קֵיין צְוַויי גְרָאשֶׁען, אָדֶער אַז מֶען בֶּעט זֵיי עֶרְגֶעץ נִיט אוֹיס, הָאט מֶען נִיט, מֶען גֶעפִינְט זֵיי נִיט אוֹיף דֶער גַאס אוּנ פוּן דֶעם הִימֶעל פַאלֶען זֵיי אַוַדַאי נִיט אַרָאבּ. —

— גֶעוַואלְד, גֶעוַואלְד, פוּן וַואנֶען וֶועט לֶעבֶּען דִי יוּדֶען? — אַזוֹינֶע יוּדֶען?

אַזוֹי פַארְטְרַאכְטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיף מַיין „שְׁטֶענְדִיגֶער פְרַאגֶע" וָואס אִיךְ קֶען מִיר אוֹיף אִיהר קֵיין תִירוּץ נִיט גֶעפִינֶען, הָאבּ אִיךְ דֶערְזֶעהֶען צְוִוישֶׁען גָאךְ אַסַךְ אַזוֹינֶע יוּדֶען, אֵיין יוּדֶען מִיט אַשְׁטֶעקֶעל אִין דֶער הַאנְד, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען גִיךְ, פַארְטְרָאגֶען וִוי אֵיינֶער וָואס אֵיילְט זִיךְ אוּנ הָאט קֵיין צַייט נִיט. עֶר אִיז אָבְּגֶעלָאפֶען אַגַאס, פְּלוּצִים הָאט עֶר זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט, אוּנְטֶערְגֶעשְׁפַּארְט מִיט דֶעם שְׁטֶאקִיל דִי בָּארְד, אַקוּק גֶעטְהוּן אוֹיף אַלֶע פִיעֶר זַייטֶען, אוֹיךְ אוֹיפֶ'ן הִימֶעל אוּנ אוֹיף דֶער עֶרְד, גֶעשְׁטַאנֶען אַבִּיסִיל אוּנ ווייטֶער אַוֶועק, גִיךְ אַיילֶענְדִיג. דֶער יוּד הָאט מִיךְ נָאךְ מֶעהר פַארְאִינְטֶערֶעסִירְט; ווָאוּהִין פְלִיהְט עֶר? וָואס אַיילְט עֶר זִיךְ? עֶר הָאט זִיךְ ווייטֶער אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט, ווִידֶערְהָאלְט דָאס אֵיינֶענֶע וָואס בַּיים עֶרְשְׁטֶען מָאהְל, נָאר דָא הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִיט גֶעקוּקְט וָואס עֶר טְהוּט, אִיךְ הָאבּ אִיהְם בַּאטְרַאכְט פוּן קָאפּ בִּיז דִי פִיס: עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען גֶעקְלֵיידֶעט נִיט רַייךְ, אָבֶּער אוֹיךְ נִיט אָרֶעם, מִיט אַרַיינֶעם גַאנְצֶען טוּלוּפּ, (פֶעלְץ), חָאטְשׁ דֶער קָאלְנֶער אוּנ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁלַאק פוּן טוּלוּפּ הָאבֶּען אוֹיסְגֶעווִיזֶען אַבִּיסֶעלֶע אַלְטְלִיךְ, נָאר וֶועדְלִיג אִין דֶער וָואכֶען—פָארְט בַּעֲלֵי בַּתִּי'שׁ, פַיין, דָאס הִיטֶעל אוֹיפֶ'ן קָאפּ אָבְּגֶעבֶּערְשְׁט אוּנ מִיט אַנַייעֶם דַאשִׁיק, דִי לַאנְגֶע בָּארְד אוּנ פֵּאוֹת שֵׁאן גְלַייךְ גֶעוַואקְסֶען אוּנ פַארְקֶעמְט, נָאר דָאס פָּנִים אוּנ דִי אוֹיגֶען... אַךְ דִי אוֹיגֶען! זַיי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע מוֹסְרִים פוּן דֶעם מֶענְשֶׁענְס הַארְץ—אַמֶענְשׁ קֶען לַאכֶען, טַאנְצֶען, פְרֵיילִיךְ זִיךְ מַאכֶען, דֶערְמָאלְט וֶוען דָאס הַארְץ וַויינְט אוּנ אִיז פַארְבִּיטֶערְט, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מָאגֶען אִיז לֵיידִיג, נָאר דִי אוֹיגֶען לַאכֶען קֵיין מָאל נִיט וֶוען דָאס הַארְץ ווֵיינְט. דָאס אֵייגֶענֶע הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אִין דֶעם יוּדֶענְס אוֹיגֶען. וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעקוּקְט אִין זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבּ אִיךְ דֶערְזֶעהְן אַלֶעס: עֶר וָואלְט גֶעמֶעגְט גֶעהְן אָנְגֶעטְהוּן גַאנְץ רַייךְ, הָאבֶּען זַיינֶע אוֹיגֶען אִיהְם אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען, וִוי דֶערְהַרְגִיט, דֶערְשְׁלָאגֶען עֶר אִיז, פַארְבִּיטֶערְט, פַארְשְׁמַאכְט, פַארְזָארְגְט, פַארְקְלָאגְט, פַארְווֵיינְט, פַארְמוּטְשֶׁעט, זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען צוּ פִיעל גֶעבְּלִישְׁטְשֶׁעט אוּנ זַיין פָּנִים אִיז צוּ פִיעל אַיינְגֶעפַאלֶען.

מַיין יוּד אִיז אָבְּגֶעלָאפֶען דִי דְרִיטֶע גַאס, דָא זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען עֶטְלִיכֶע יוּדֶען. צוּ זֶענֶען דִי עֶטְלִיכֶע יוּדֶען סוֹחֲרִים, אָדֶער זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אַזוֹינֶע יוּדֶען וִוי מַיין יוּד, ווֵייס אִיךְ נִיט, נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט ווִי זֵיי רֶעדֶען: פוּן מִסְחָר, פוּן ווַייץ, פוּן פֶעל, פוּן

אַלְעַרְלֵיי פְּרַייזְעֶן סחוֹרָה, דֶער הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי אוּנ דֶער אַזוֹי, מַיין יוּד הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אוּנ גֶעדְרוּנְגֶען פַאַרְקֶעהְרְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּ דֶעם רֶעדֶעל יוּדֶען גֶעהַנְטֶער צוּגֶערוּקְט אוּנ ... אוּנ אִין אַקְלֵיינֶער צַייט הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִיט מַיין יוּדֶען זֶעהְר גוּט בַּאֶקֶענְט. אַזוֹי גוּט אַז אַוֶועקְגֶעהֶענְדִיג פוּן דֶעם רֶעדֶעל יוּדֶען הָאבֶּען מִיר זִיךְ אַזוֹי צוּגֶערֶעדְט אַז מִיר הָאבֶּען זִיךְ פָּשׁוּט גֶעשֶׁעפְּעֶנְט דִי הֶערְצֶער וִוי אַלְטֶע גוּטֶע פְרַיינְד.

אִיהְר וֶועט זֶעהר גֶערֶעכְט זַיין וֶוען אִיהְר וֶועט מִיר בַּאֶמֶערְקֶען: קֶען דָאס זַיין, אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ אַז אִין אֵיין שָׁעָה צַייט זָאלֶען צְוֵויי גָאר פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען וֶוערְין אַזוֹי בַּאַקָאנְט, אַזוֹינֶע גוּטֶע פְרַיינְד?

אוּנ אִיךְ קֶען אַייךְ דֶערוֹיף עֶנְטְפֶערֶען: דָאס קֶען נִיט זַיין, דָאס קֶען זִיךְ נִיט טְרֶעפֶען בַּיי קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע, נָאר צְוִוישֶׁען יוּדֶען קֶען זִיךְ דָאס יָא טְרֶעפֶען אוּנ מִיר זֶעהֶען עֶס צְוִוישֶׁען אוּנְז גַאנְץ אָפְּט—יָא טַאקֶע נָאר בַּיי יוּדֶען! —קֵיינֶער אִיז נִיט אַזוֹי אִים שְׁטַאנְד זִיךְ גִיךְ צוּ בַּאֶקֶענֶען, גִיךְ צוּ וֶוערֶען דִי בֶּעסְטֶע גֶעטְרַייעֶ פְרַיינְד, אֲפִילוּ אִין אַצַייט פוּן אֵיין שָׁעָה, וִוי יוּדֶען. דָאס אִיז אַלְץ אַ דַאנְק דֶעם טְהַייעֶרֶען „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם“ וָואס אִיז אַיינְגֶעפִיהְרְט בַּיי יוּדֶען פוּן תָּמִיד אָן. — אַזַא טְהַייעֶרֶער מִנְהָג וִוי „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם“ אִיז גָאר בַּיי אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער נִישְׁט אַיינְגֶעפִיהְרְט גֶעוָוארֶען. אִין דֶעם „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם“ לִיגְט דֶער יוּדִישֶׁער חַאַרַאקְטֶער, דִי פְרַיינְדְשַׁאפְט מִיט דֶער לִיעבְּשַׁאפְט וָואס אֵיין יוּד דַארְף הָאבֶּען צוּם אַנְדֶערֶען יוּדֶען.

בַּיי יוּדֶען אִיז אַיינְגֶעפִיהְרְט וֶוען צְוֵוי פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען בַּאגֶעגֶענֶען זִיךְ, זַיי מֶעגֶען טַאקֶע זַיין גָאר פְרֶעמְדֶע, צְוִוישֶׁען זִיךְ קֵיין שׁוּם גֶעשֶׁעפְטֶען, קֵיין שׁוּם שַׁייכוּת נִיט הָאבֶּען, אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערֶען מֶעג זַיין פַארְשִׁיעֶדֶען אִין חַאַרַאקְטֶער, אִין דֶער לַאגֶע— אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִים אִיז דָאךְ אַמִצְוָה זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן צוּ גֶעבֶּען דִי הֶענְד אוּנ זָאגֶען „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם“ —פְרֶעגֶען „וָואס מַאכְט מֶען“ א. ד. ג.

אַ יוּדִישׁ קִינְד אַז עֶס וַואקְסְט אוּנְטֶער, מֶען לֶערְנְט אִיהְם שׁוֹין בְּרָכוֹת זָאגֶען, לֶערְנְט מֶען אִיהְם אוֹיךְ, אַז וֶוען אַפְרֶעמְדֶער מֶענְשׁ קוּמְט אַרַיין זָאל עֶר אִיהְם גֶעבֶּען „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם“, וָוארוּם דָאס הֵייסְט—זָאגֶען זַיי אִיהְם— „דֶרֶךְ אֶרֶץ“.

וֶועמֶען פוּן אוּנְז אִיז נִיט בַּאקָאנְט דֶער „יוּדִישֶׁער שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם“? — אִיהְר מֶעגְט גֶעהֶען גֶעקְלֵיידֶעט וִוי אַנְגֶעבּוֹירֶענֶער פְרַאנְצוֹיז, זִיךְ גָאלֶען דִי בָּארְד וִוי אֵיין אֱמֶת׳עֶר קְרִיסְט אַז אִין אַייעֶר פָּנִים זָאל מֶען נִיט דֶערְקֶענֶען קֵיין יוּדִישֶׁען אָדֶער, אִיהְר מֶעגְט זַיין אַ וָואוִינֶע דָאקְטָאר, טְרָאגֶען עֶפָּאלֶעטֶען, נָאר פְרִיפְט פַארְפָאהְרֶען אִין אַיוּדִישֶׁער אַכְסַנְיָא; כָּל זְמַן דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא וֶועט מֵיינֶען אַז אִיהְר זֶענְט טַאקֶע אַקְרִיסְט וֶועט עֶר אַרָאבְּחַאפֶּען פַאר אַייךְ דָאס הִיטֶעל, אוּנ בֵּייגֶען זִיךְ אִין דְרֵייעֶן מִיט שְׁרֶעקֶענִישׁ אוּנ צִיטֶערְנִישׁ פוּנְקְט וִוי אִין פַאנְשְׁטְשִׁיזְנֶע צַייט דֶער חְלָאפּ—דֶער מוּזְשִׁיק פַאר דֶעם פָּאלְיַאק; נָאר קוֹים דֶערְהֶערְט עֶר פוּן אַייךְ אַיוּדִישׁ וָוארְט, צוּ אִיהְר זָאגְט אִיהְם אַז אִיהְר זֶענְט אַיוּד, זָאלְט אִיהְר זֶעהֶען

ווי דער איינענער יוד ווערט נאר איין אנדערער מענש — איהר וועט פאר אייך שוין ניט זעהען שטעהן דעם פריהערדיגען חלאפ — איודעלע מיט אדערשראקען בלייך פנים, ער ווערט אונטערגעוואקסען מיט עבליבע ווערשקעס. דורך אייער וואָרט אז איהר זענט „איוד" — זיין ברודער, באקומט ער פלוצים אפראהליך פנים; מיט שטארקייט און גרויסקייט לעגט ער פריינדליך אריין זיין שווארצע פארהארעוועטע ברייטע האנד אין אייער ווייס איירָאפּאאיש האנדטעל... ער זעהט שוין מעהר ניט אין אייך אפריץ, ווי ער האט פריהער געמיינט אויף אייך, ער זעהט איצט פאר זיך זיין אייגענעם ברודער, איהר מעגט זיין ווער איהר ווילט, אבי איהר טראגט נאר דעם נאמען „יוד", ווייסט ער זעהר גוט און פיהלט אז איהר ווייסט דעם ביטערן טעם פון יודישע צרות גלייך מיט איהם, זיין הארץ ווערט איצטער ברייטער ווי לאנגער פאר פרייד וואס ער האט אין אייך דערקענט איודען און דערלאנגט אייך דעם יודישען „שלום עליכם" און זאגט אייך: „שלום עליכם ברודער, וואס מאכט איוד, ווי אזוי געהט עס יודען אויף דער וועלט?"...

איך האב אין מיין לעבען ניט געהערט אז א קריסט זאל פרעגען דעם אנדערן קריסטען וויא אזוי געהט עס, וויא אזוי לעבען דיא קריסטען מיט זייערע ברידער; אפילו ווען ער באגעגענט זיך מיט זיין בעסטען גוטען פריינד פרעגט ער איהם נאר אויף זיין ווייב און קינדער און מעהר ניט. — איך האב אבער נאך ניט געזעהן אז ווען א יוד באגעגענט זיך מיט זיין גוטען פריינד, ווען ער פרעגט אויף זיין ווייב און קינדער זאל ער דערנאך אויך ניט פרעגען וואס טהוען זיינע ברידער, דאס הייסט וויא אזוי געהט עס יודען.

און עס איז גאר קיין וואונדער ניט וואס עס איז אזוי איינגעפיהרט געווארען ביי יודען — דיא יודישע בלוטיגע געשיכטע, דאס יודישע שווארצע ביטער געמוטשעט לעבען, דיא יודישע צרות, האבען אזוי איינגעוואהנט דעם יודען דערצו; דער יוד לעבט שטענדיג אין שרעק, אין צרות, אין דאגות, ער איז קיין מאל ניט פארזיכערט פאר דעם צווייטען טאג, ער וואונדערט זיך שטענדיג אליין — וויא אזוי לעבט ער, דארום ווען ער באגעגענט נאר פרעגט ער שטענדיג וויא אזוי לעבען דיא אנדערע יודען, וויא אזוי געהט עס זייא, וואס מאכען זייא, דארום האט זיך אין יודישען חאראקטער איינגעווארצעלט דער מנהג, אז ער באגעגענט א פרעמדען מוז ער איהם געבען „שלום עליכם", אויספרעגען איבער יעדער זאך וויא עס געהט איהם, וויא עס לעבט זיך, וויא גלייך ער איז שוין מיט איהם לאנגע יאהרען באקענט און זייא זענען צווישען זיך גוטע ברידער.

פון קינדהייט אן געוואהנט מען דעם יודען אז קיין פרעמדער יוד איז גאר ניט פאר-האנדען, אללע יודען קעהרען זיך אן קרובים, פעטערס א. ד. ג.

היינט קען שוין דאס יודישע קינד, וואס וואקסט נאך דעם אוים א גרויסער יוד, קוקען אויף יודען וויא אויף פרעמדע?

דיא היינטוועלטיגע יודען האבען שוין אפילו ארויסגעשטופט פון דער מאדע דעם „יודישען שלום עליכם", צוזאמען מיט נאך א סך יודישע איינפיהרונגען, וועלכע זיי רופען

אן אלטוידיש, קליינשטאדטעלדיג; זייא לאבען כמעט פון דעם „שלום עליכם" — סטייטש ואגען זייא, וואס קעהר זיך אן מיט מיר דער פרעמדער ער זאל מיר אדער איך איהם טיטשען און דריקען דיא האנד? וואס פאר א מחותן איז ער מיט מיר? — ביי זייא איז איינגעפיהרט אז מען דארף זיך כאין אופן ניט ווישטען מיט דעם אנדערן כל זמן עס האט זיך פריהער ניט געפונען איינער וואס קען זייא ביידען און זאל זייא פארשטעלען און באקענען מיט א געוויסער פארמאלנאסט: איך האב דיא עהרע א. ז. וו.

אבער וואס פאר נוצען און פארגניגען ברענגט אפט דעם מענשען דער יודישער „שלום עליכם", און וואס פאר א זארג, כמעט דיא גרעסטע נויטה ברענגט דעם מענשען וואס געפינט זיך צווישען היינטוועלטיגע יודען וואס מען וויל גאר ניט וויסען פון דעם יודישען „שלום עליכם".

שטעלט אייך פאר אזא געשיכטע מיט אזוינע צופאלען וואס טרעפען זיך אפט מיט א סך מענשען:

איוד ווערט פארוואלפען פון זיין היים אין א פרעמדער שטאדט אהן א גראשען, עלענד ווי א שטיין, ער בלאנקעט זיך ארום אין די פרעמדע גאסען און זוכט פון אללע זייטען עפעס א מיטעל צום לעבען ער זאל קענען בלייבען וואהנען אין דער שטאדט אדער חאטש דערוויל האבען אויף א שטיקעל ברויט, און געפינט ניט דאס און ניט יענץ, נאך מעהר, ער האט דעם גאנצען טאג אפילו מיט קיינעם קיין האלב ווארט ניט פאר וועמען אויסצורעדען זיין ביטער הארץ, קיינער פרעגט איהם גאר ניט, עס געהט קיינעם ניט אן. — דא נאטירליך דערמאנט ער זיך אן זיין וייטער היים, זיינע בעקאנטע און גוטע פריינד וואס ער האט אין דער היים, ער פארגעסט שוין איצטער אן דעם וואס ער האט זיך ארומגעבלאנקעט א גאנצען טאג אומזיסט, ער פארגעסט שוין גאר אז ער האט ניט וואס צו עסען און איז הונגעריג, ער טראכט נאר וועגען דעם: אך וואו נעם איך חאטש איצט א בעקאנטען, א גוטען פריינד, איך זאל חאטש קענען פאר איהם אויסרעדען מיין ביטער הארץ, מיינע צרות, וואלט מיר א ביסעל געווארען גרינגער"...

דער עלענדער יוד וואלט איצטער פאר „אויסרעדען זיך דאס הארץ" איינגעגעבען צעהן יאהר לעבען... נאר אט געהט ער אין קלויז. אדער אין גאס, וואו עס שטעהט א רעדעל יודען, די יודען דערזעהן דעם פרעמדען יודען און דריקען איהם אללע גלייך די האנד, געמיינע לייט, בעלי בתים און גבירים, אללע גלייך געבען איהם דעם פריינדליכען „שלום עליכם" און פרעגען איהם „פון וואנען איז א יוד, מה שמכם?"

ביים פרעמדען עלענדען יודען זענען די עטליכע ווערטער א טרייסט פאר זיין פארביטערט הארץ, ער קוקט זיך ארום און זעהט אז ער איז שוין ניט אזוי עלענד, און ווי עס פיהרט זיך ביי יודען — מיט דעם „שלום עליכם" ענדיגט זיך נאך ניט, מע פרעגט איהם: ווי אזוי עס געהט איהם, וואס איז זיין פרנסה, מיט וואס פארנעמט ער זיך א. ז. וו. און מאמער פארשטעהט מען אן זיינע רייד אז ער איז הונגעריג, געפינט

זיך באלד א יוד וואס אהן שום צערעמאניעס, בעט איהם צו זיך אהיים, זעצט איהם ביים טיש אויבען אן גלייך מיט איהם. ער הייסט דעם ווייב דערלאנגען וואס עס איז נאר דא אין שטוב און גיט אכטונג דער פרעמדער יוד זאל ווערען זאט; טאמער איז דער פרעמדער יוד איין ארעמאן ד. ה. ער טראגט צוריסענע קליידער, רעדט ער מיט איהם ביים טיש פון תורה, און אז ער געהט אוועק ווייסען דאס ווייב און קינדער אז ביי זיי האט היינט געגעסען איין „אורח". נאר טאמער איז דער פרעמדער יוד אזא מין ארעמאן וואס טראגט דווקא גאנצע קליידער נאר ער געפינט זיך אין א שלעכטער לאגע, דורך וועלכע ער האט איצט געמוזט אנקומען צו א פרעמדען טיש, מיט אזא מין ארעמאן רעדט דער בעל בית ביים טיש ניט פון קיין תורה נאר פון וועלטזאכען, ווי מיט א מוחרישען יודען, און אז ער געהט אוועק ווייסט דאס ווייב אז ביי איהר טיש האט היינט געגעסען דעם מאנס „א בעקאנטער סוחר" און ביי די קינדער הייסט דער סוחר א „פעטער"...

זעהן מיר דאס ביי די היינטוועלטיגע יודען? ביי זיי קען זיך ארומדרעהען א פרעמדער יוד חדשים לאנג, און טאמער האט ער ניט געהאט דאס גליק צו האבען א בעקאנטען וואס זאל איהם פארשטעלען מיט אלע מאדנע צערעמאניעס, מעג ער פשוט שטארבען פאר א שטיקעל ברויט, אויסגעהן פאר הונגער אין גאס, וועט איהם קיינער ניט פרעגען ווער און וואס און ווען; פרובט זשע אנהויבען צו רעדען אומבעקאנטערהייט (ניט פארגעשטעלט), וועט ער אייך ענטפערן איין ווארט איבער א צעהנטען, אדער גאר ניט. ער וועט נאך קוקען אויף אייך מיט שפעטישע אויגען ווי אויף א „יאלד" וואס ווייסט ניט ווי אזוי מע פיהרט זיך אין דער היינטיגער וועלט צווישען מענשען...

זאגט וואס איהר ווילט, נאר מיט דעם „יודישען שלום עליכם" האט קיין יוד זיך ניט וואס צו שעמען! דער „שלום עליכם" איז איינער פון די עטליכע טהייערע מנהגים וואס נאר טאקע יודען פארמאגען זיי. אין דעם „שלום עליכם" געפינען זיך א סך גוטע זאכען. ווער ווייסט? עס קען זעהר זיין אז דעם „שלום עליכם" האבען מיר יודען א סך צו דאנקען וואס אין די צוויי טויזענד יאהר זינט מיר זענען צושפרייט געווארען צווישען אלערלייא פרעמדע פעלקער, זענען מיר ניט פארפאלען און ניט פאר פרעמדט געווארען און יודען זענען געבליבען עד היום הזה כאיש אחד...

דארום איז אויך קיין וואונדער ניט וואס צוויי פרעמדע יודען (איך מיט דעם וואס איך בין איהם נאכגעגאנגען) האבען זיך אין א שעה אזוי גוט באקאנט און איך האב אנגעהויבען אפט אריין געהן צו איהם אין שטוב. ווי פארוואונדערט בין איך געווארען ווען איך בין געקומען דאס ערשטע מאל, און האב געזעהן ווי ער געהט אנגעטהון בעל-בתיש, ד. ה. מיט גאנצע קליידער און זיין שטוב איז אזוי ארעם... עפעס א קאנורע, א קליין שטיבעל מיט א גרויסער קאך, דאס ווייב מיט די קינדער אבגעריסען אבגעשליסען און אויסגעזעהן ווי גלייך זיי האבען שוין דריי טאג ניט געגעסען.

און ער געהט אנגעטהון גאנץ, פארקעמט? האב איך זיך אליין געפרעגט — נאך מיט א שאן שטעקעל אין דער האנד, פארט בעל-בתיש, און זיין ווייב און קינדער געהן ווי שלעפערס און טראגען קוים א גאנץ העמד אויף זיך. וואס הייסט דאס? איז דען מעגליך ער זאל זיין אזא עגאאיסט אז ער האט נאר ליעב זיך, אז עס ארט איהם ניט ווי זיין אייגען ווייב און קינדער געהן אזוי שאנדליך, זאל עס זיין אז עס טראגט איהם ניט? ווען ער איז טאקע אזא גרויסער ארעמאן, וואס-זשע געהט ער אזוי פיין געקליידעט?

איך האב זיך לאנג ניט געקענט איינהאלטען און צווישען צוויי אויגען האב איך איהם דאס געפרעגט. — פרעגט מיך גאר ניט, האט ער מיר ניט ווילענדיג געענטפערט מיט זעהר א טרויעריגער פארזארגטער מינע — איך וואלט אייך מוחל געוועזען די בעל בתישע קליידער, מיט דעם שאנעם שטאקעל מיט דער גאנצער גאס וואס איך שפאן ארום טאג טאגליך אומזיסט און אומנישט. איך האב עפעס דערפון? — איך גיים נאר אומזיסט די שטיוועל, וואס זיי קאסטען מיך פיעל בלוט איידער איך האב זיי געמאכט און קום נאר אהיים מיט פארדראס אויף דער גאנצער וועלט, אויף ווייב און קינדער און אויף זיך אליין...

— גלויבט מיר, ליעבער יוד, האט ער ווייטער געזאגט, נאכדעם וואס ער האט אביסעל געטראכט — איך וואלט ליעבער שטענדיג געזעסען אין שטוב — אין דער פינס-טערער קאנורע, אבגעריסען אבגעשליסען גלייך מיט מיין ווייב און קינדער, איידער אנקוקען די וויסטע גאס — די וועלט... נאר מיין ווייב און קינדער לאזען אפילו ניט אין דער פינסטערער קאנורע רוהען... זיי טרייבען מיך ארוס...

— אבער פון דעסטוועגען איז אייך פיעל בעסער פון אייערע קינדער, פון אייער ווייב, זיי ליגען אין דעם לאך, אין דער פינסטער, זיי זעהן פאר זיך קיין מאל נישט די ליכטיגע וועלט, זיי געהן אפילו נישט אויף א שעה ארוס אויף דער גאס צו פאר-געסען אויף א קליינער צייט זייער ביטערע לאגע, אבער איהר, איהר זעהט פארט פאר אייך די ליכטיגע וועלט, איהר געהט אוועק פון דער היים — פארגעסט איהר האטש אויף עטליכע שעה די צרות, דאס ארימקייט, די נויטה...

— אוי, ליעבער יוד, האט ער מיר געענטפערט, פרעגט מיך בעסער גאר נישט, ווייל איהר וועט מיך גאר נישט פארשטעהן ווען איך וועל אייך דערצעהלען. אלץ קען א מענש אויסלערנען, ווען ער וויל גאר און זשאלעוועט נישט קיין מיה, ער קען אפילו אויסלערנען דעם הימעל מיט די שטערען, ווי אזוי זיי געהן און דרעהען זיך, נאר צו וויסען וואס עס הייסט ארימקייט, נויטה — העלפט נישט קיין שום לערנען, נאר דער וואס האט אליין איבערגעטראגען ארימקייט און נויטה, דער קען פאר-שטעהן וואס דאס איז, און דערצו איז נאך דא אלערליי ארימקייטען, אלערליי נויטהען, און נישט ביי יעדען איז עס גלייך. אט וואונדערט איהר זיך און פרעגט מיך איבער אזויגע זאכען וואס ביי מיר קומען זיי פאר גאנץ נאטירליך, איהר זאגט אז מיר איז בעסער פון

מַיין פַאמִילְיֶע, אִיךְ זֶעה פַאר מִיר דִי גַאס. דִי וֶועלְט, אוּנ פַארגֶעס אוֹיף עֶטְלִיכֶע שָׁעָה מַיינֶע צָרוֹת, אִיהר הָאט אָבֶער אַ גְרוֹיסֶען טָעוֹת וֶוען אִיהר מַיינְט אַזוֹי. אֶמֶת טַאקִי, דִי לִיעבֶּע זוּנְן מִיט דֶעם לִיכְטִיגֶען הִימֶעל קוּקֶען אוֹיף דֶעם רַייכֶען אוּנ אוֹיף דֶעם אָרֶעמַאנְן, אוֹיף דֶעם גְלִיקְלִיכֶען אוּנ דֶעם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען גָאר גְלַייךְ, נָאר פַאר וָואס פְרֶעגְט אִיהר נִישְׁט וִוי אַזוֹי דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶער אָרִימַאנְן קוּקְט אוֹיף דֶער לִיעבֶּער זוּנְן אוּנ אוֹיף דֶעם שֶׁאנֶעם הִימֶעל? עֶר וָואלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעפִיהלְט גְלִיקְלִיךְ וֶוען עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאהַאלְטֶען אִין אַ פִינְסְטֶער לָאךְ, וואוּ מֶע זֶעהט קַיין מָאל נִישְׁט דִי זוּנְן אוּנ קַיין לֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְשֶׁען, וַוייל דִי גַאנְצֶע שֶׁאנֶע נַאטוּר: דִי זוּנְן, דִי לְבָנָה, דִי וֶועלְדֶער, דִי בְּלוּמֶען, פוּן וֶועלְכֶע דֶער רַייכֶער, דֶער גְלִיקְלִיכֶער קְוֶועלְט גָאר אָן, רַייצֶען נָאר דֶעם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען אָרִימַאנְן, עֶר בַּאטְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג אַז זַיי זֶענֶען בַּאשַׁאפֶען אִיהם אוֹיף לְהַכְעִיס, גְלַייךְ וִוי דִי שֶׁאנֶע דִירוֹת מִיט דִי טְהַייעֶרֶע מֶעבֶּעלְס, פַייעֶרְדִיגֶע פֶערְד מִיט קַארֶעטִים, גוּטֶע אָנְבַּייסֶענְס מִיט שֶׁאנֶע מַלְבּוּשִׁים א. ד. ג., צוּ וֶועלְכֶע דֶער אָרִימַאנְן קֶען נִישְׁט קוּמֶען, רַייצֶען אִיהם; נָא, גֶעהט עֶפִּים דִי נַאטוּר מִיט אִיהר שְׁמֵייכְלֶען דֶעם אָרִימַאנְן אִין קָאפּ אַרַיין? אוֹי, מַיין לִיעבֶּער יוּד, אֵייבִּיג, אֵייבִּיג וָואלְט אִיךְ גֶעזֶעסֶען אִין מַיין פִינְסְטֶערֶער לָאךְ, חָאטְשׁ נָאר דֶערְפַאר אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְקוּקֶען דִי וֶועלְט מִיט אִיהר גַאנְץ לִיכְטִיגְקֵייט...

אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּיי דֶעם יוּדֶען פָארְט נִישְׁט גֶעקָאנְט דֶערְפְרֶעגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט.

VIII.

עֶטְלִיכֶע טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז מִיר וַוייטֶער אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין בַּיי אִיהם אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעטְרָאפֶען צוּ הוֹיז, עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעטַעֲנִיט מִיט זַיין וַוייבּ.

— הַיינְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהְן אִין גַאס, הָאט עֶר אִיהר גֶעזָאגְט, וַוייל וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ אַרוּמְדְרֶעהֶען פּוּסְטֶע פַּאס, נָאר אַהֵיים קוּמֶען מִיט פֶּערְדְרוּס אוּנ וָואלְלֶען אוֹיסְלָאזֶען אוֹיף אֵיין אַנְדֶערן מַיין הַארְץ, אוּמְזִיסְט זַיין אִין כַּעַס אוּנ מִיךְ טְשֶׁעפֶּען צוּ דִיר אוּנ צוּ דִי קִינְדֶער..

— יָא, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט, וָואס וֶועט זַיין פוּן דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זִיצֶען אִין שְׁטוּבּ? דָא וֶועסְט דוּ גָאר נִישְׁט אוֹיסְזִיצֶען, פוּן זִיצֶען אִין שְׁטוּבּ וֶועלֶען מִיר קַיין מִיטָאג נִישְׁט קָאכֶען...

— וָואס זָשֶׁע וֶועל אִיךְ טְהוּן אִין גַאס אַז קַיין גֶעשֶׁעפְטֶען הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, סַיידֶען דוּ ווִילְסְט אִיךְ זָאל אוּמְזִיסְט רַייסֶען שְׁטִיוֶועל, וֶועלְכֶע זֶענֶען מִיר גֶענוּג בִּיטֶער אָנְגֶעקוּמֶען.

— גֶעה, רַייס אוּמְזִיסְט דִי שְׁטִיוֶועל, אַבִּי זִיץ נִישְׁט בַּיי טָאג אִין דֶער הֵיים... זַיי גְלַייךְ מִיט אַלֶע יוּדֶען, בִּיזְט דֶען נִישְׁט אַזאַ מֶענְשׁ וִוי זַיי? וָואס זָשֶׁע זֶענֶען מִיר

אומגליקליכער פון אלע? מיר האבען א גאטט גלייך מיט זיי, איך פיהל מיך נאר
נישט אזוי זינדיג אז גאטט זאל מיך אזוי שטראפען.
זי האט אנגעהויבען וויינען, אהן ווארטער. ווי א פערשולדיגטער האט ער זיך
באלד אנגעטהון און איז אוועקגעגאנגען.
— א דאנק גאטט, האט זי געזאגט נאך זיין אוועקגעהן, וואס ער האט חאטש
א גאנץ מלבוש און קען ארויסגעהן אויף דער גאס און זיך ווייזען צווישען מענשען.
אזוי — וואס וואלט איך געטהון? אט דארף היינט דער וואכענגעבער קומען נאך דעם
קערביל, אין קלייטיל דארף מען שוין אויך אבגעבען... וואס וואלט איך געטהון ער
זאל חס ושלום ניט האבען מיט וואס ארויסצוגעהן אויף דער גאס?
אין די בייד האב איך שוין פארשטאנען פאר וואס ער געהט אזוי בעל-בתיש
אנגעטהון.
— מיט וואס פארנעמט זיך אייער מאן? האב איך זי פלוצים געפרעגט
זי האט מיך איינינע מינוט פארוואונדערט אנגעקוקט, ווי איך קום נאר צו אזא
פראגע, דערנאך האט זי מיר געענטפערט:
— איך וויים? איך זאל אזוי מיט אייך און מיט אלע אונזערע גוטע פריינד ניט
וויסען פון קיין באז ווי איך וויים ניט.
— ער ברענגט דאך אבער יא אמאל אהיים א קערביל אויף דער הוצאה פון
דער שטוב?
— וואס דען? אז גאטט העלפט ברענגט ער. פון וואס דען לעבען מיר! אי וואו
נעמט ער דאס קערביל, וואו פארדיענט ער עס? דארויף איז ער דאך א מאנסביל —
א יוד פון ווייב און קינדער, און פון וואס פארדיענען אלע יודען?
ווי איהר זעהט, האט זי מיר געענטפערט דעם איינענעם פוסטען תירוץ וואס
אלע ענטפערן מיר ווען איך פרעג זיי „פון וואס אזוינע יודען לעבען?"

〰〰〰

אבענד-צייט איז ער געקומען אהיים, ער האט ביז ארויפגעווארפען פון זיך דעם
טולופ, באז אוועקגעשטעלט דעם שטאקען און באז ארויסגענומען עפעס געלד און איהר
געגעבען. עטליכע מינוט האט ער געשוויגען און אויף קיינעם ניט געקוקט, דערנאך
האט ער אנגעהויבען זיך טשעפען צום ווייב און צו די קינדער.
אויף דעם ווייב האט ער אויסגעזוכט פון אונטער דער ערד אלטע חטאים,
למשל: פאר דריי יאהרען איז ביי איהם געווען צו גאסט זיינס א קרובה, האט זיין ווייב
זי נישט שאן אויפגענומען; צוריק מיט עטליכע חדשים האט ער געזאגט מע זאל
קויפען א פאר שיך ביי טרייטיל שוסטער און זי האט געקויפט ביי פייטלין; פאר פיער
יאהרען, אז ער האט נאך געהאט עטליכע קערבלעך, האט ער געוואלט ווערען א
שענקער, האט זי געדרונגען ער זאל גאר ווערען א קרעמער, ביז ער האט דערלעגט

דעם לעצטען גראשען. אזויגע טענות האט ער אנגעהויבען און אין אלעמען בעשולדיגט דאס ווייב.

זיינע קינדער האט ער אויך ניט געשוויגען. און געזוכט אויף זיי אלטע און נייע חטאים, נאר מיט זיי האט ער גאר קיין טענות נישט געמאכט. דעם האט ער געגעבען א פאטש פארוואס ער איז געשטאנען ביים עק טיש, דעם א זעץ פארוואס ער האט אנגעריהרט דאס גלאז, דעם האט ער געזידעלט, ווייל עס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז ער ווילל וויינען.

„דער יוד איז גאר משוגע געווארען, האב איך זיך געטראכט, וואס האט ער צו זיין אומגליקליך ווייב און קינדער? וואס טשעפעט ער זיך צו אלטע חטאים?"

דאס ווייב און די קינדער האבען זיך אויף זיין בעזערן אפילו נישט אומגעקוקט, ווי גלייך מע מיינט גאר נישט זיי. ער איז אבער טאקי דערפאר נאך מעהר בעז געווארען און האט העכער געשריגען ביז ער האט אנגעהויבען רייסען אויף זיך די האר און שפרינגען, דערנאך איז ער אלע מאל שטילער און שטילער געווארען, צום סוף האט ער עטליכע מינוט שטיל געוויינט, אהן ווערטער.

איך האב בעמערקט ווי צוויי גרויסע קאלעכיגע טרערען האבען זיך אראב-געקאטשעט פון זיינע באקען, ער האט זיי אבגעווישט. קיינער זאל נישט זעהן, ער האט געוויינט מיט דעם הארצען, נישט מיט די אויגען...

— איהר האט היינט געגעסען אנבייסען? האט ער פלוצים געפרעגט דאס ווייב; און מיט טריישאפט האט ער אנגעהויבען צו קוקען אויף זיינע קינדער.

— איך האב געבארגט אין קלייטעל ביז מארגען, האט זיך זיין ווייב אנגערופען, און דו האסט געגעסען?

— פאר מיר זארג זיך נישט... האט ער געענטפערט.

~~~~~~~~

— איהר האט מיך אנגעקוקט ווי א משוגענעם? האט ער מיר שפעטער געזאגט, אומזיסט האט איהר אזוי געמיינט. ביי יודען רופט מען אזא משוגעת מיט די ווערטער: „אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט"; „א נישט-גוטער איז איהם איבערגעגאנגען"; „עמיצער האט איהם געקערט היים אב באדען, איז ער געקומען אהיים אויסלאזען דאס הארץ" א. ד. ג., איהר מיינט אפשר עס איז נישט אמת? דאס ווייסט נאר דער ארעמאנן, זיין מזל איז אזוי פינסטער אז אפילו ווען גאטט העלפט, ער קריגט שוין דאס קערבעל און דאס ווייב און קינדער באגעגענען עס מיט שמחה, קען ער אויך פון דער גליקליכער מינוט קיין הנאה נישט האבען, גראד דעמאלט מוז ער זיך קריעגען מיט דעם ווייב און שלאגען די קינדער אומזיסט און אומנישט, און דערנאך עסט ער זיך אליין אב דאס הארץ פאר ווייטהיג. וואס האב איך געהאט צו פלאגען די
~~~~~~~~

אומגליקליכע װעלכע ליידען בײ מיר הונגער און קעלט און ... די װיסטע נויטה? נאר עס איז שוין אזוי, דעם ארעמאנס קע... איהם א מאל צו, איז שוין אזא מין קערביל — א קבצניש קער... װאס עס הייסט א קבצניש קערביל? אט װעל איך אייך װײזען, האט ער װײטער געזאגט: ...װי איך בין איין ארעמאן, געהט בײ מיר אװעק גענוג געלד, אפילו א לעפעל װאסער קאסט געלד ובפרט נאך ברויט, און איך מוז דורך דער װאך אהיים ברענגען עטליכע רובל, חאטש די נשמה צו דערהאלטען. נאר װאו נעם איך די דרײ פיער רובל װאס געהען בײ מיר אװעק ... װאך? איך לײהע און בארג, בארג און לײהע, דאס איז מײן פרנסה...

— ... הט אייך? בין איך איהם אריינגעפאלען אין די רייד, װער ... ויל ...ן װי איהר זענט?

...י איהר װײסט, װייסט קיינער נישט אז איך בין, אוודאי האלט ...אר קיין גביר, קיין הונדערטער לײהט מען מיר נישט, נאר א קערביל, ...עה און מוטשע מיך גוט אן, געפין איך אזױנעם װאס לײהט מיר.

— נא, לײהען קען אייך יענער איין מאל, איהר האט דען אבצוגעבען?

— װאס דען מײנט איהר? איך גיב טאקי אב, איך לײה בײ דעם און גיב ...יענעם, איך דעק אב איין לאך און פארשטעק דערמיט דעם אנדערן, דאס איז ... פרנסה. אט הײנט, למשל, נאכדעם װאט איך בין מיך אנגעגאנגען און האב מיך ... געמוטשיט, האב איך בײ אײנעם געליגען דרײ רובל, צװײ האב איך אבגעגעבען ... מענשען, בײ װעלכע איך האב פאר עטליכע טאג געליגען, כדי איך זאל טאקי מא... קענגען װײטער בײ זײ לײהען, און איין קערביל האב איך געבראכט דעם װײב.

— איך פארשטעה אייך נישט, אבער סוף כל סוף מיט װאס קען זיך דאס אויסלא...

— װער טראכט הײנטיגע ביטערע יאהרען פון א סוף? מע זאל װאללען בעטראכטען דעם סוף װי איהר זאגט, װאלט מען גאר נישט בעדארפט עסען און טרינקען, נאר עס קלעמט דאס הארץ, מוז מען עסען און מע טראכט גאר נישט אויף שפעטער. איך פארשטעה זעהר גוט אז דער סוף דערפון מוז זײן זויער און ביטער, אזא מין קערביל איז טאקי א געמוטשעט קערביל, אז מע קר...ט עס און מע באטראכט עס, װערט אזוי נישט גוט, אז מע לויפט אהיים אויסלאזען דאס ביטערע הארץ צום װײב און די קינדער. דער זינדיגער מענש איז שוין אזוי געשאפען, אז װען עס איז איהם פרעהליך אויפן הארצען, װאלט ער גערן געזעהען די גאנצע װעלט זאל מיט איהם טאנצען און זײן פרעהליך, נאר טאמער איז ער טרויעריג און פארביטערט דארף די גאנצע װעלט אויך זײן טרויעריג. נאר אזוי װי א מענש קען די גאנצע װעלט נישט צװינגען מיט איהם מיטצוװײנען, פארדערט ער דאס פון זײן אײגען קלײן װעלטעל — פון זײן פאמיליע. עס פארשטעהט זיך אז דער מענש בעמערקט גאר נישט אז דערמיט איז

ער איין עגזאַמינירט. נאר עס איז שוין אזוי, דער אומגליקליכער ארימאן ווייסט גאר נישט פון קיין אנדער לעבען: ענטוועדער די פאמיליע געוויינט איהם און שרייט אז זי איז הונגעריג, ער זאל געבען אויף עסען, אדער אז עס איז שוין יא דא דאס קערביל אויף עסען לאזט ער אוים צו זיי זיין ביטערע הארץ.

„אויב געטשעפעט הייסט אויך געלעבט – לעבט מיין יוד אויך, האב איך אין זיך געטראכט ארויסגעהענדיג פון זיין שטוב, און בין ווייטער ווייטער וזרכגעגאנגען די גאס, און האב ווייטער געזעהען ווי יודען לויפען אהין און אהער, יעדער האט קיין צייט נישט, יעדער איילט זיך, ווי גלייך ער קעהרט איבער וועלטען און – מע שעפט גאלד!

IX.

ענדליך בין איך ב"ה פון לעטיטשעוו ארויס געפאהרען מיט דער אקס ביז דער סטאנציע דראזשנא (יוגא זאפאדנע באהן) און נאך דריי מעת לעת רייזע בין איך געקומען קיין פעטערבורג, – אנייע וועלט, אנייעס לעבען, נייע מענשען, נייע אויפפירונגען און נייע האפענונגען! דא צווישען די נייע מענשען און נייע אויפפירונגען האב איך אפגעלעבט עטליכע גוטע און שלעכטע נאר זעהר אינטערעסאנטע יאהרען. ניט מיט איין איינציג ווארט וועל איך איצט די עטליכע יאהר דא דערמאנען, הגם איך וועל מיינע פעטער-בורגער יאהרען אין מיין גאנץ לעבען ניט פארגעסען, נאר אויף אאנדער צייט ווען גאט וועט נאר לאזען לעבען און געבען קרעפטען וועל איך דערפון רעדען. און איצט נאך אזא לאנגער צייט זיטצענדיג אויף איין ארט פאהר איך ווייטער אבער ניט קיין פעטערבורג נאר שוין פון פעטערבורג, איך פאהר און דערמאן זיך איצט אין די מינוטען ווען איך בין צוריק מיט יאהרען אריין געפאהרען אין דער זעלבע גרויסער שטאדט און וואס פאר אגרוים פערגעניגען האב איך דאמאלט געהאט דערפון ווייל וואס ווייטער זעהט מען אלץ עפים שאנערס, בעסערס, לעבעדיגערס, פרעהליכערס; וואס ווייטער אשריט צו דער גרויסער שטאדט באגעגענט איהר נייעס וואס מען זעהט עס ניט אין קיין קלענערער שטאדט, מען קוקט אויף אללעם, מען וואונדערט זיך און מען האט גרוים פערגעניגען.

איך איצטער ארויספאהרענדיג פון דער זעלבער גרויסער שטאדט איז פונקט פאר-קעהרט: אין גאנצען אין אצייט פון פינף מינוט זיצענדיג אין וואגאן און קוקענדיג דורך דעם פענסטער פארלירט מען ניך דאס בעסטע און שענסטע; אט זעהט מען שאנע מויערן, גרויסע מאגאזינען, שאנע וויוועסקים, שאנע גאסען, שאנע קארעטעס, אוים-געפוצטע מענשען, אללעס לעבט פאר די אויגען, אמעטום איז פרעהליך – מיט צוויי מינוט שפעטער פארלירט מען דאס אללעס אז עס הויבען זיך אן נייע קארטינעס: זאוואדען, פאבריקען מיט לאנגע קוימענס; נאך א מינוט – נייע קארטינעס: נידריגע

הייזער, קינא פענסטער, איינגעהויקערטע שטיבעלעך פון אָרעמע בויערן, וואָס וואַלגערן אין עק שטאָדט; נאָך אַמינוט פאַרלירט מען שוין דאָס אויך!

אין גאַנצען פינף מינוט אַז איך בין אַרויסגעפאָהרען פון פעטערסבורג און שוין אַזוי פיעל פאַרלוירען אויף לאַנג, אויף אַצייט, ווער ווייסט אויף וויפיעל, דאַכט זיך אויף אַחודש און טאָמער אויף שטענדיג; ווער ווייסט צו מען וועט מיר גאָר נאָך אַמאָל אַריינלאָזען אין דער שאָנסטער שטאָדט פון גאַנץ רוסלאַנד; האָטש איך פיהל מיך דאָ בעשרענקט, נאָר מען איז פאָרט עטליכע יאָהר געוואָהנט געוואָרען צו דעם גרט, עס טהוט באַנג, נאָר...

נאָר נייע בילדער נייע געדאַנקען: קיין איינגעהויקערטע שטיבלעך איז שוין אויך ניט דאָ! עס פליהען שטיקער ערד און שטיקער הימעל, עס שפרינגען בערג, וועלדער, סטאָלבעס פון טעלעגראַפען, ווערסטען, בודקעס און בריקלעך פון דער פעטערבורג-וואַרשאַווער אייזענבאַהן.

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַשעה און נאָך אַשעה ביז עס איז נאַכט געוואָרען. די געזונדע אָבענד-לופט פון דעם געבענשטען חודש מאי האָט זעהר גוט געווירקט אויף די גרויסשטאָדטיגע סטאָליטשנע פאַסאַזשירען; דער רעש, דער געפילדער פון דער גרויסער שטאָדט איז אַרויס, מען האָט זיך געפיהלט ווי גרינגער, דער קאָפ איז רוהיגער געוואָרען, יעדער האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען נאָהנטער צו דער נאַטור. אַסך פאַסאַזשירען האָבען שוין אַוועקגעוואָרפען די פענסטער און אָנגעהויבען זיך אַרומקוקען וואָס טהוט זיך אין וואַגאָן, יעדער איז זיך געזעסען אויף זיין אָרט שטיל, רוהיג, איינינגע האָבען אַפילו געהאַט געגוג אָרט זיך אויסצורוהען, און ווי דער שטייגער איז צווישען פאַסאַזשירען, אָהן שום באַקאַנטשאַפט האָט מען גלייך אָנגעהויבען צווישען זיך איבערדען פון אַזוינע זאַכען ווי גלייך מען איז אַלטע בעקאַנטע, מען געהערט צו איין קלאַסע, צו איין רעליגיע, אַבי ניט קיין יוד!... אַפילו אין וואַגאָן איז אַיוד אויך איין אויסנאַהמע. נאָר די פעטערבורגער פאַסאַזשירען האָבען אין מיר ניט דערקענט אַז איך בין אַיוד... ניט דערפאַר וואָס איך האָב חס ושלום קיין יודיש פנים ניט, פונקט פאַרקעהרט, נאָך מיין געזיכט און נאָך מעהר אין מיינע אויגען דערקענט מען מיך ברוך השם באַלד אַז איך בין געבליבען אַ גאַנץ אַיוד. איהר זאָלט ניט קענען מיינען אַז איך באַריהם זיך דאָ פאַר אייך דערמיט, קען איך אייך שטעלען עדות די קיעווער, חאַרקאָווער און מאָסקאָווער איזוואָשטשיקים אַז איך זאָג חס ושלום ניט קיין ליגענד. ווען איך בין געוועזען אין די דריי שטאָדט און בין געגאַנגען אויף דער גאַס, האָבען מיר די איזוואָשטשיקים הונדערט מאָל נאָכגעשריען:

— עי! זאַ פּאַלטיניק פּריאַמאָ איק נאַשפּאַדינאַ בראָדסקאַמו אוו דוואָרעץ!

— נאַ! דעסאַט קאָפּעעק יעדאַ ווישאַקאָראַדיי באַראָנאַ גינצבורגאַ אוו פּעטערבורג

א. ז. וו. און ז. וו.

און אַז דִי קִיעֶווֶער, חַארְקָאוֶער, מָאסְקְוֶוער זֶענֶען מְבִינִים אויף אַיוּדֶען קֶען אִיךְ אַייךְ גֶעהֶן שְׁוֶוערֶען. פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער אָבֶּער זֶענֶען גָאר קַיין מְבִינִים נִיט אויף אַיוּדֶען; און ווירְקְלִיךְ זַיי דֶערְקֶענֶען אַיוּדֶען נָאר דֶענְצְמָאל וֶוען עֶר טְרָאגְט לַאנְגֶע פֵּאוֹת, אַנַארְטֶעל מִיט שִׁיךְ און זָאקֶען, מִיט אַיין אַיינְגֶעהוֹיקֶערְטֶען רוּקֶען, ווייל דָאס רוֹב פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער הָאבֶּען אויף זַייעֶר גַאנְץ לֶעבֶּען נִיט גֶעזֶעהֶן קַיין אָרִיגִינֶעלֶען יוּדֶען, זַיי קֶענֶען יוּדֶען פוּן דֶעם טֶעאַטֶער, וואו מֶען שְׁטֶעלְט פָאר יוּדִישֶׁע טִיפֶּען. זֶעהְט אִיהְר — פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער גֶעבּוֹירֶענֶע יוּדֶען דֶערְקֶענֶען זַיי בַּאלְד, נָאר דִי פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער גֶעבּוֹירֶענֶע יוּדֶען זֶענֶען גָאר אַנְדֶערֶע טִיפֶּען, זַייעֶר גַאנְג, זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, זַייעֶר גַאנְץ לֶעבֶּען אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ ווִי בַּיי יוּדֶען פוּן יוּדִישֶׁע אָרְטֶער.

אִיךְ בִּין אָבֶּער אַיוּד פוּן יוּדֶענְלַאנְד, דָאס הֵייסְט פוּן קִיעֶווֶער גוּבֶּערְנִיֶע, קְלֵיידֶער טְרָאג אִיךְ נִיט קַיין יוּדִישֶׁע, קַיין פֵּאוֹת אויך נִיט, אַנַארְטִיל מִיט שִׁיךְ און זָאקֶען אַוַדַאי נִיט, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען מַיינֶע אוֹיגֶען אִיז ב״ה גֶענוּג מֶען זָאל אִין מִיר דֶערְקֶענֶען אַז אִיךְ בִּין אַיוּד. נָאר דִי פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער זֶענֶען אָבֶּער אויף אַיוּדֶען קַיין מְבִינִים נִיט, דַארוּם הָאבֶּען אָפְט דִי פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער אִיזְווָאשְׁטְשִׁיקִים אויף מִיר אַטָעוּת און מַיינֶען אַז אִיךְ בִּין אַיין אַרְמִיַאנִין, אַגְרֶעק, מִיט אַיין וָוארְט אַ „וָואסְטָאטְשְׁנִי טְשֶׁעלָאוֶועק״ און מֶען שְׁרַייעֶט מִיר נִיט נָאךְ „יַאנְקֶעל״ אָדֶער „אִיצְקֶע״.

אִין מַיין פָּנִים און אִין מַיינֶע אוֹיגֶען הָאט מֶען מִיךְ אִין וַואגָאן אויך דֶערְקֶענְט אַז אִיךְ בִּין אַיין אַרְמִיַאנִין, אַגְרֶעק, אַ „וָואסְטָאטְשְׁנִי טְשֶׁעלָאוֶועק״ נָאר נִיט קַיין יוּד, אַ סִימָן אַז בַּאלְד הָאט אַיינֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען זִיךְ פַאר מִיר זְשַׁאלֶעוֶוען אָנְוַוייזֶענְדִיג אויף צְוֵויי יוּדֶען מִיט לַאנְגֶע קַאפָּאטֶעס וָואס זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אִין אַווִינְקֶעל:

— זֶעהְט, אוּמֶעטוּם וַואקְסֶען זַיי אוֹיס, אוּמֶעטוּם קְרִיכֶען זַיי.

— וֶוער? הָאב אִיךְ גֶעפְרֶעגְט.

— אָט דִי יוּדֶען, אָט זֶענֶען זַיי דָא אויך דָא, זַיי הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין גֶעמַאכְט אַבַּאזוּנְדֶערֶע יוּדִישֶׁע „טְשֶׁערְטַא״ אִין וַואגָאן, אַבַּאזוּנְדֶער קָהָל און רֶעדֶען שׁוֹין פוּן זַייעֶרֶע יוּדִישֶׁע שַׁאבֶּער־מַאבֶּערְס.

אִין דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער הָאב אִיךְ בַּאלְד דֶערְקֶענְט, אַז אִיךְ הָאב דָא צוּ טְהוּן מִיט אַפֶּעטֶערְבּוּרְגֶער גֶעבּוֹירֶענֶעם קְרִיסְט, וָואס עֶר הָאט אִין זַיין לֶעבֶּען נִיט גֶעזֶעהֶן קַיין יוּדֶען, אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר אַזוֹי גְלַייךְ נִיט אָנְגֶעפַאלֶען אויף יוּדֶען, וָוארוּם דִי לַייטִישֶׁע קְרִיסְטֶען וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ אויך גֶעפוּנֶען אִין וַואגָאן וֶועגֶען יוּדֶען גֶערֶעדְט ווִי פוּן מֶענְשֶׁען, אָהְן כַּעַס, ווייל זַיי הָאבֶּען אַמָאהְל גֶעוָואהְנְט צְווִישֶׁען יוּדִין און זַיי גוּט גֶעקֶענְט.

— מִיר רוּסֶען הָאבֶּען לִיעבּ אַלֶע נַאצְיֶעס פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט דֶער זֶעלְבֶּער קְרִיסְט ווייטֶער גֶערֶעדְט מִיט כַּעַס, נָאר אָט דִי רוּסִישֶׁע יוּדֶען אִיז נִיט אִיבֶּערְצוּטְרָאגֶען.

— זָאגְט נִיט „מִיר רוּסֶען״ זָאגְט „אִיךְ רוּסֶע״, הָאבֶּען אַיינִיגֶע קְרִיסְטֶען בַּאמֶערְקְט.

— פֿאר וואס זענט איהר אין כּעס אויף יודען? הא קריסט.

— וואס הייסט פֿאר וואס? ווער האט דען ליעב יודען? ווי אזוי קען מען זיי ליעב האבען? ווער קען זיי ניט אז זיי זענען מאשעניקים, שׂאבער מאכערס א. ד. ג.? ער האט אויסגערעכענט אלאנג צעטיל פונקט ווי אין אפערעדאוואיא סטאטיא אין „נאוואיע ווערעמיא“.

— פון וואנען ווייסט איהר אז יודען זענען אזוי שעדליך? איהר קענט דען יודען? איהר האט געלעבט צווישען יודען?

— מען דארף גאר ניט קענען יודען, אלע ווייסען וואס פֿאר אשעדליכע נאציע יודען זענען.

איך האב געזעהן אז איך האב דא ניט מיט וועמען צו רעדען ווייטער, האב איך זעהר געוואלט אויפהערען דאס געשפרעך, נאר ער האט געווארט פון מיר איך זאל אויך עפעס זאגען; און אום עס זאל ווערען איין ענדע האב איך איהם געזאגט:

— איך וועל געהען שווערען אז איהר שרייבט ניט אויס קיין אנדערע צייטונג גאר „נאוואיע ווערעמיא“, אנדערש וואלט איהר מיט אזא כּעס ניט גערעדט וועגען יודען.

— זענט איהר אפשר איוד? האט ער אנגעהויבען מיך חושד צו זיין

— יא, איך בין איוד.

— און איך האב געמיינט אז איהר זענט איין ארמיאנין, איהר זענט גאר ניט פֿאחאזשע (ענליך) אויף די יודען וואס זיצען דארטען אין ווינקעל...

איין יוד פון ווינקעל האט באמערקט ווי מען רעדט עפּעס דא פון יודען, וויל ער האט געזעהן ווי דער קריסט האט געוויזען אויף זיי מיט די פינגער, איז ער צוגעגאנגען און האט זיך אנגעשפארט מיט דעם עלענבויגען אויף אונזער בענקעל, ווי איינער וואס וויל עפּעס הערען.

— וועמען זוכט איהר? האב איך געפרעגט דעם יודען און געוואלט ער זאל אוועקגעהן, כּדי עס זאל ווייטער ניט ווערען קיין שמועס מיט דעם קריסטען פון יודען. דער יוד אבער האט באלד אין מיר דערקענט אז איך בין קיין ארמיאנין, האט ער אנגעהויבען גלייך אויף יודיש רעדען מיט אלע יודישע פאסטעמקעלעך, מאכען מיט די האנד, מיט די פּלייצים.

— איך זוך קיינעם ניט, גאר ניט, גלאט אזוי, איך זעה ווי איוד זיצט פון פעטערבורג בין איך מיר צוגעגאנגען, איך זעה ווי איהר רעדט וויל איך הערען.

— פון וואנען ווייסט איהר אז איך בין אפעטערבורגער?

— אפשר זענט איהר ניט פון פעטערבורג, אפשר זענט איהר פון איין אנדער שטאדט, נאר איהר פֿאהרט זיך פון פעטערבורג, איך פֿאהר זיך מיט אייך פון דער ער אנציע אן, אויף דעם פעטערבורגער וואגזאל האבען מיר זיך ביידע גלייך

גֶענוּמֶען בִּילֶעטֶען, אִיךְ הָאבּ אַייךְ אַלֵיין גֶעזֶעהֶען, מִיךְ ווּאוּנְדֶערְט וָואס אִיהְר הָאט פַארְגֶעסֶען, נָאר נִישְׁט קַשְׁיָא נִיט, עֶס מַאכְט זִיךְ, מֶען דֶערְזֶעהְט אַמָאל נִיט; נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען ווִי אַ יוּד זִיצְט פוּן פֶּעטֶערְבּוּרְג, בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען עֶפִּיס הֶערֶען, וָואס מַאכְט עֶס אַייךְ אוֹיס, טָאמֶער ווִילְט אִיהְר נִיט, טָאמֶער רֶעדְט אִיהְר מִיט דֶעם אָדוֹן אַ סוֹד, קֶען אִיךְ מִיר אַוֶועקְגֶעהְן, אִיךְ בִּין אַ יוּד וָואס אִיךְ הָאבּ פַיינְד יֶענֶעם צוּ דֶערְקוֹטְשֶׁען, מֵהֵיכָא תֵּיתֵי, יָא — יָא, נִיט — נִיט...

— וָואס זְשֶׁע ווִילְט אִיהְר הֶערֶען פוּן מִיר?

— אִיךְ ווֵייס? גְלַאט אַזוֹי, ווִי זָאגְט מֶען אַ יוּד פָאהְרְט פוּן פֶּעטֶערְבּוּרְג זָאל עֶר חָאטְשׁ אַהֵיים מִיטְבְּרֶענְגֶען נַייֶעס, ווִי אַזוֹי דֶערְצֶעהְלְט מֶען נִיט עֶפִּיס קֵיין נַייֶעס?

— וָואס זְשֶׁע פַאר אַ נַייֶעס ווִילְט אִיהְר בְּרֶענְגֶען? הָאבּ אִיךְ אִיהְם אַלֵיין נִיט פַארְשְׁטַאנֶען.

— אִיךְ ווֵייס? נַייֶעס פוּן יוּדֶען, וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפִּיס מִיט יוּדֶען? וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפִּיס מִיט יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת אוֹיף יוּדֶען? וָואס וֶועט זַיין מִיט יוּדֶען? וָואס זָאגְט מֶען דָארְט אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג אוֹיף יוּדֶען? מַאלֶע וָואס מֶען קֶען הֶערֶען אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג, פוּן דָארְטֶען גֶעהֶען זִיךְ אַלֶע נַייֶעסֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, פוּן דָארְטֶען גֶעהֶען זִיךְ אַלֶע צַייטוּנְגֶען אוּנ דֶער „מֵלִיץ" מִיט דֶעם „וָואסְחָאד" אוֹיךְ.

— אִיךְ פַארְשְׁטֶעה אַייךְ נִיט, לִיעבֶּער יוּד, הָאבּ אִיךְ עֶנְדְלִיךְ גֶעזָאגְט, וָואס ווִילְט אִיהְר אֵייגֶענְטְלִיךְ פוּן מִיר? אִיהְר פָאהְרְט דָאךְ דַאכְט זִיךְ אוֹיךְ פוּן פֶּעטֶערְבּוּרְג, וָואס זְשֶׁע פְרֶעגְט אִיהְר בַּיי מִיר?

— אוּמְשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט וָואס קֶען אִיךְ ווִיסֶען אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ פָאהְר שׁוֹין פוּן פֶּעטֶערְבּוּרְג? אִיךְ בִּין אַ יוּד פוּן זָאק, פוּן ווַייבּ אוּנ קִינְדֶערְלֶעךְ, ווָאוּ אִיז מִיר גֶעלֶעגֶען אִין קָאפּ זִיךְ צוּ דֶערְפְרֶעגֶען? ווָאוּ הָאבּ אִיךְ צַייט גֶעהַאט?

— וָואס הֵייסְט אִיהְר זֶענְט אַ יוּד פוּן זָאק?

— אִיךְ הַאנְדֶעל מִיט זָאק, פַארְשְׁטֶעהְט אִיהְר מִיךְ, מִיט זָאק הַאנְדֶעל אִיךְ.

— אַזְשׁ קֵיין פֶּעטֶערְבּוּרְג הָאט אִיהְר בֶּעדַארְפְט פָאהְרֶען נָאךְ זָאק?

— פַאר וָואס נִיט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַיין שְׁטָאדְט, פוּן אוּנְז אִיז אֲפִילוּ ווַייטְלֶעךְ קֵיין פֶּעטֶערְבּוּרְג? מֶען קֶען אֲפִילוּ גֶעהְנְטֶער קְרִיגֶען זָאק, נָאר מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג אִיז דִי סְחוֹרָה ווָאלְוֶועל, ווַייל אַהִין פָאהְרֶען ווֵינְצִיג יוּדֶען, מֶען לָאזְט אַהִין קֵיין יוּדֶען נִיט אַרַיין, אִיז נִיט דָא וֶוער עֶס זָאל קוֹיפֶען, עֶס אִיז הַאלְבּ אוּמְזִיסְט דַאכְט זִיךְ, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶועזֶען אוּנ בִּין גֶעפָאהְרֶען, וָואס הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּ שְׁרֶעקֶען פַאר פֶּעטֶערְבּוּרְג? דִי גְרוֹיסֶע גְבִירִים פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, פָאלְיַאקָאוו אוּנ

גינצבורג וואס דרעהען זיך היינט ארום מיט די מיניסטארען אין די פאלאצען ווי מיר ביי זיך אין בית המדרש, זענען דען ניט געוועזען אזויגע יודען ווי מיר? זיי זענען אויך געפאהרען גלייך מיט מיר קויפען זאק אונ זעהט ווי זיי זענען רייך געווארען, ווארום א יוד דארף זיך ניט שרעקען אפילו פאר פעטערבורג אויך ניט, אי זיי, גינצבורג מיט פאליאקאוו נעמען זיך היינט איבער? גישט קשה, לאם איך נאר קריגען אזוי פיעל געלד ווי זיי וועט איהר זעהען...

— נא, האט איהר פארדיענט געלד אין די פעטערבורגער זאק?

— גראדע ניט, וואס מאכט עס אוים, גראדע דערלעגט עטליכע הונדערט רובל, וואס מאכט עס? איוד איז ברוך השם געוואהנט צו דערלעגען, איוד האט בלויז קיינמאל זיין אייגען געלד ניט. אונ געלויבט איז גאט איודען פארלאזט ער ניט. נאר, נאר—זייט מיר געזונד, איך דארף שוין געהען נעהמען מיין פעקעל, באלד אויף דער סטאנציע דארף איך אראבקריכען, דא האט מען מיר געזאגט איז דא צו קויפען עטליכע מאות זאק, טאמער וועט חאטש זיין אויף דער הוצאה. זייט מיר געזונד, גאט זאל געבען מיר זאלען הערען ישועות ונחמות אויף יודען!

— פאהרט געזונד! איך האב אייך געוואלט פרעגען איין זאך, האב איך איהם פארהאלטען, ווי אזוי האט איהר געוואהנט אין פעטערבורג, איהר האט דען א „פראווא זשיטעלסטווא"?

— ניין, געלויבט איז גאט איך האב גאר ניט געוואהנט אין פעטערבורג. וואו האב איך געהאט צו וואהנען?

— די פאליציע האט אייך גאר ניט געטשעפעט?

— געטשעפעט ניט געטשעפעט וואס מאכט עס אוים? געלויבט איז גאט, גאט זאל נאר פאר מיר באשערען גוטע געשעפטען אין פעטערבורג, וואס מאכט אוים פאליציע, וואו טרייבט מען דען ניט דעם יודען? נאר זייט געזונד!

איך האב איהם נאך געוואלט עפעס פרעגען, נאר ער איז שוין פארשוואונדען. מיט זיין אוועקגעהן האב איך זיך ערשט אומגעקוקט וואס טהוט מיין פעטערבורגער שכן וואס איז פריהער אזוי אנגעפאלען אויף יודען אונ בין פערוואונדערט געווארען צו זעהען אז אין דער צייט וואס איך האב גערעדט מיט דעם יודעל, האט מיין שכן אוספעיעט אויסצופאקעווען זיין טשעמאדאן אונ אזוי זיך פאר „בויסען" אז ער איז שוין געשלאפען. נאר ווען דער קאנדוקטאר האט איהם אויפגעוועקט אויף צו זעהען זיין בילעט האט ער געבארעמוטשעט אונטער דער נאז: — „אך זשידי! זשידי!"...

X.

— אזוינע יודען איז שטענדיג גוט, האט פּלוצים אָנגעהויבען רעדען א צווייטער יוד, וואס איז די גאנצע צייט געזעסען אונ געשוויגען, נאר ער האט אָנגעהויבען רעדע׳ מיט אזא שוואך פארמוטשעט קול, ווי גלייך ער האט שוין דריי טאג ניט געגעסען

— וועלכע יודען? האב איך איהם געפרעגט.

— אט דעם יודען מיט וועלכען איהר האט פריהר גערעדט, וואס ער איז פריהר מיט א סטאנציע אראבגעגאנגען.

— מיט וואס איז איהם אזוי גוט? ער האט אויסגעבראכט שאנע עטליכע רובל אויף הוצאות אונ האט נאך דערלעגט געלד!

— זעהט איהר זיך, ווי דער איז פארט פרעהליך, ווי ער לעבט, ער זארגט זיך ניט, עס מאכט ביי איהם ניט אויס אז ער דערלעגט געלד, עס מאכט ביי איהם ניט אויס וואס עס איז שלעכט יודען, עס איז ביי איהם אלץ איינס, „לאז נאר גאט געבען גוטע געשעפטען אין פעטערבורג“ זאגט ער; מע מעג מקנא זיין אזא יודען, אזוינער שרעקט זיך ניט פאר „שלעכטע צייטען“ אויף יודען, אללעס מאכט ביי איהם ניט אויס אונ ער געהט זיך מיט זיין וועג; אויף דעם וועג ערוואַרטעט ער שטענדיג פאראויס אללערליי שוועריגקייטען, צרות אונ בעשרענקונגען אונ געהט אונ טראגט דאס אללעס איבער קאלטבלוטיג. מיט איין ווארט איך בין מקנא דעם יודען.

ער האט גערעדט מיט דעם גאנצען כח. איך האב איהם געפרעגט:

— איהר זענט ניט געזונד וואס איהר רעדט אזוי שוואך?

— ניין, נאר איך בין פארמוטשעט פון דער גרויסער וועלט

ווען אפילו ער זאל מיר ניט געוועזען זאגען אז ער פאהרט פון דער גרויסער וועלט וואלט איך אויך אין איהם דערקענט אז ער איז געוועזען אין דער גרויסער וועלט. זיין שווארצער קאסטיום מיט דעם פארשמאלצעוועטען קאלנער, זיין צובראכענער קאפעלוש זיין קויטיג געפרעסט העמד, זיין קאלירנדיג צעריסענע האלזטיכעל קען איך געהען שוועהרען האט מען געווים ארומגעטראגען אויף דעם רינאק (טאלקטשאק). נאך זיין געזיכט, נאך זיינע קליידער האט מען געזעהען אז דער יוד האט ניט געלעבט נאר ער האט זיך געוואלגערט אין דער וועלט.

— ניט איך אונ ניט מיינע עלטערן זענען קיינמאל ניט געוועזען אין די געגענדען, האט ער אָנגעהויבען ווייטער דערצעהלען. מיר האט זיך קיין מאל ניט געחלומט איך זאל גאר אמאל פארוואַרפען ווערען אין די ערטער. איך האב שטענדיג געוואוינט אין א יודיש שטאדטיל אין חערסאנער גובערניע (מיין ווייב אונ קינדער שטארבען נאך ער־

היום דארט פאר הונגער), מיין גאנץ לעבען האב איך דארט געהאט א קלייטעל כ״ז פארשיעדענע סחורות, שווער האב איך מיין גאנץ לעבען געהארעוועט ביי דעם קלייטעל, נאר ווי אזוי עס איז, מיין שטיקעל ברויט האב איך געהאט פאר מיין פאמיליע. איך האב תמיד געוואוסט מיין לאגע אונ די יודישע לאגע בכלל. איך האב שטענדיג געלעזען יודישע צייטונגען אונ זיך זעהר אינטערעסירט וואס געהט פאר מיט יודען בכלל; טרויעריג איז מיר שטענדיג געוועזען אויף דעם הארצען ווען איך פלעג באטראכ־טען די יודישע פרנסות. איך האב ניט באדארפט דארויף לייענען גאזעטען, איך האב א קוק געטהון אויף מיין קלייטיל מיט די עטליכע פאליצעס מיט פרעמדער סחורה, האב איך שוין געוואוסט אין וואס באשטעהט מיין פרנסה. נאר איך האב געהארעוועט, אונ ווי אזוי עס איז האב איך געהאט דאס שטיקעל ברויט. נאר ניט היינט געדאכט, מיין קלייטיל האט מען צוטראגען אויף שטיקלעך, איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאל טהון. אמת אז פון דעם לעצטען וואס איז נאך געבליבען, פון זיך פארזעצען אונ פארקויפען וואס ביי איין אלטען בעל־הבית פערוועלגערט זיך נאך, וואלט איך נאך געקענט צונויפשטעלען א קלייטיל אונ דאס שטיקעל ברויט וואלט מסתמא נאטט באשערט. דערווייל האב איך געזעהען ווי מענשען פאהרען קיין פאלעסטינא, קיין אמעריקא, ארבייטען ערד; דערצו פון דעם לעזען די גאזעטען בין איך געוועזען גוט בעקאנט מיט דער גאנצער עמיגראציע, איך האב ארויסגעזעהן פון די גאזעטען אז יודען טארע־ביי זיך נאך ניט אראבפאלען אין גאנצען, עס געפינען זיך נאך גרויסע יודען וואס זארגען פאר דעם כלל, איינינע פיהרען איין חברות צו העלפען, איינינע גיבען דרויף געלד, איינינע גיבען גוטע עצות ווי דאס יודישע פאלק זאל זיך פיהרען, מע שרייעט אז יודען זאלען אוועקווארפען די שענקליך, די קלייטלעך אונ זאלען זיך נעמען צו עהרליכער פהיזישער (קארפערליכער) ארבייט א. ז. וו. א. ז. וו., איך האב שטענדיג פארנומען די רייד פון אונזערע פאלקס־פיהרער, איך בין שטענדיג געוועזען גרייט מיט גרויס פערגני־גען אוועקווארפען דאס קלייטיל אונ זיך נעמען צו אקערבוי אונ נאך אזוינע ארבייטען, נאר איך בין שוין געזעסען אויף איין ארט, האט זיך ניט געגלוסט מאכען פון אלעם א תל; ווער ווייסט צו עס וועט מיר גאר טראגען צו קויפען אזוי פיעל ערד, עס זאל ברענגען מיין גאנץ געזינדעל פרנסה; ווען איך זאל געוועזען האבען אזוי פיעל געלד דרויף, וואלט איך געוויס אזוי געטהון, נאר איך האב ניט געהאט; פארלאזען זיך אויף יענעם, אויף הילף, האב איך תמיד פיינד געהאט; בויען זיך א נייע פרנסה אויף א פאפירענער בריק, האב איך זיך ניט געקענט ענטשליסען אלם פאמיליענפאטער.

נאר ווען אלע גאזעטען האבען אנגעהויבען קלינגען אז מע גיט ערד, מע העלפט מיט, האב איך זיך בעטראכט: איידער זיך מוטשען פארקויפען אונ פארזעצען ביז איך וועל צונויפשטעלען א קלייטעל, ד. ה. ווייטער א יודישע פרנסה וואס שטעהט שטענדיג אויף הינערשע פיסלעך, וועל איך זיך שוין בעסער מוטשען, פארקויפען אונ פארזעצען זיך ביז איך וועל קומען צו א שטיקעל ערד, איך זאל האבען וואו מיין שטיקעל ברויט

צו פארהארעווען. דערצו מיינע צוויי עלטערע קינדער וואלטען מיר אויך געקענט מיטהעלפען. איך האב דאס באטראכט ערנסט, מיט מיין גאנץ לעבען האב איך זיך איבערגעגעבען דערצו. איך האב פארקויפט וואס איך האב נאר געהאט און געמאכט שאנע עטליכע רובל, און ווי תמיד האב איך זיך פיינד אויף יענעמס טובות צו פארלאזען, האב איך געטראכט מיט די עטליכע רובל פארנעמען מיין פאמיליע און פאהרען קיין אמעריקא אדער קיין פאלעסטינא, זיך קויפען א שטיקעל ערד און וואס גאטט וועט געבען וועל איך זיך בעגנינען מיט מיין פאמיליע ביז די צייט וועט זיך פארבעסערען. נאר דא האט אביסעל מיין ווייב און אביסעל קרובים, גוטע פריינד, מיך אנגעהויבען פון אלע זייטען צו ראטהען: וואס וועל איך מאכען מיט מיין ביסעל געלד, און דערצו וויים איך ניט וואו און ווי אזוי צו פאהרען, דרום איז גלייבער איך זאל דערווייל אליין פאהרען צו „די חברות”, זיי וועלען מיר מיטהעלפען מיט גוטע עצות, מיט אביסעל געלד. איך האב זיך אויך געטראכט, אז זיי זענען אפשר גערעכט, און ווידער איך לעז שטענדיג יודישע גאזעטען וויים איך דאך אז יודען זענען נאך ניט קיין עלענד פאלק, עס זענען דא גרויסע יודען וואס זארגען פאר כלל ישראל. בקיצור איך בין אליין דערווייל אוועקגעפאהרען א ביסעל פיר מיין לעצט געלד האב איך איבערגעלאזט מיין פאמיליע אויף הוצאות און דאס איבריגע האב איך מיטגענומען.

איך האב זיך געלאזט אין וועג. וואס האב איך דא אנצוווערען? „יא–יא ניין–ניין!”, מיט דעם געדאנקען בין איך געקומען אין דער גרויסער שטאדט וואו עס געפינען זיך „די חברות” און די גרויסע יודען וואס זארגען פאר דעם כלל ישראל. —

דער יוד האט זיך פלוצים אבגעשטעלט און ניט געקענט ווייטער רעדען, די ליפען האבען איהם אנגעהויבען ציטערן, דאס פנים איז שרעקליך בלייך געווארען, די אויגען האבען זיך אנגעפיללט מיט טרעהרען.

— וואס איז מיט אייך? האב איך איהם געפרעגט דערשראקען

— גאר ניט, האט ער געענטפערט, זיך אבגעווישט די ליפען.

— רוהעט אייך אב אביסעל, איהר זענט אזוי שוואך, האב איך איהם געזאגט.

— ניין, האט ער געענטפערט און ווייטער דערצעהלט:

— ווי איך בין געקומען אין דער שטאדט האב איך באלד אנגעהויבען ארומגעהן צו אלע גרויסע, צו אלע וואס לאזען זיך הערען אויף דער וועלט אז זיי זארגען און טהוען פאר כלל ישראל, איך האב זיי געוויזען מיינע אלע פאפירען, רעקאמענדאציעס, זיי אויסדערצעהלט מיין גאנצע געשיכטע צו וואס איך בין אהין געקומען און צו האב איך דא עפעס צו האפען צו ניין? אלע האבען מיך זעהר פיין צוגענומען, זעהר פריינדליך אויסגעהערט, מיך זעהר געלויבט וואס איך האב זיך אזוי פעסט בעשלאסען אוועק צו ווארפען די יודישע שאנדליכע פרנסות, וואס דאס גאנצע יודענטהום און די

„יודישע פראגע“ ליידעט זעהר דערפון, אונ מיך פערזיכערט אז זיי וועלען טהון פאר אזא ידען ווי איך ווי ווייט זיי וועלען נאר קענען טהון, אונ פונקט מארגען זייגער צעהן פריה זאל איך קומען, צו דעם—זייגער צוועלף, צו דעם—צוויי, צו דעם—פיער א. ז. וו. וועל איך בעקומען איין ענטפער וואס איך האב דא צו טהון. פולל מיט פרייד, גליקליכער פון אלע גליקליכע בין איך געוועזען פון זייערע רייד, פון זייער מיטפיהלען, מיטהעלפען, סמיטיש אוינגע לייט וואס לאזען זיך קלינגען אין דער גאנצער יודישער וועלט. האבען מיט מיר אזוי פריינדליך גערעדט אונ פארזיכערט! אזא פרעהליכען בריעף האב איך באלד אוועקגעשיקט מיין ווייב אונ פארזיכערט אז ניט מעהר ווי אין עטליכע טאג ארום וועל איך וויסען „יא“ אדער „ניין“. זי האט מיר אויף דעם בריעף געענטפערט אז זי האט זיך מיט דער בשורה דערפרייעט מעהר ווי איך אונ איך זאל איהר שיקען הונדערט רובעל אויף הוצאות... נאר לאס איך אייך ענדיגען... איך בין ניט אים שטאנד א סך דא צו רעדען... איך וועל ענדיגען אין צוויי ווארטער... צוויי יאהר מיט זעקס חדשים האב איך זיך געוואלגערט אין דער גרויסער שטאדט, אונ איצט פאהר איך אהיים ווי איהר זעהט מיך, אהן א גראשען אין קעשענע, נאר מיט דעם שווארצען קאסטיום וואס איך האב געקויפט פאר א יאהרען ביי א טאטער פאר צוויי רובעל מיט פופציג קאפעקים מיט א שליפסעל פאר צוואנציג קאפ׳, מיט א פאר לאקיענע פארייזער שטיפעלעטען פאר פינף אונ צוואנציג קאפעקים, דערצו מיט א מאגען קאטאר, מיט פארדארטע קישקים, מיט א קאפף מיט אויסגעקראכענע האר, קראנק האלב טויט, פארמוטשעט פון קעלט אונ פון הונגער, אט מיט וואס איך פאהר אהיים פון די צוויי יאהר זיין אין דער גרויסער שטאדט.

— וואס זאגט איהר?! האב איך זיך אנגעכאפט ביים קאפ, צוויי יאהר מיט זעקס חדשים!...

— יא, צוויי יאהר מיט זעקס חדשים — דאס איז אויב איך האב ניט קיין טעות בכמעט טויזענד טאג מיט טויזענד נאכט!

— וואס האט איהר געטהון אזא צייט?

— איך בין אלץ געוועזען פארנומען מיט די „וויזיטען“ וואס איך האב געמאכט די „גרויסע לייט“, טאג זענען אוועקגעגאנגען וואס איך האב נאר געזעהען זייערע פארעדען מיט די שווייצארען, ווי אלע טאג האבען מיר די שווייצארען איבערגעגעבען איך זאל קומען מארגען פונקט זייגער צעהן פריה, אונ ווען איך האב שוין יא געהאט די זכיה איך זאל אמאל טרעפען פונקט זייגער צעהן, אונ געטראפען, אז דא וועל איך שוין וויסען יא אדער ניין — וואס מיינט איהר האט זיך געענדיגט פון דעם נייעם וויזיט? זיי האבען מיר נאך מעהר פערזיכערט אונ נאך שאנער צו גענומען, מעהר צוגעזאגט אז „באלד, באלד“ אינ איך בין נאך מעהר פון זיי אוועקגעגאנגען פול פרייד אונ מיט גוטער האפנונג, נאך א פרעהליכערען בריעף געשריבען מיין פרוי — אונ וואס אז

געוועזען ווייטער? וועט איהר פרעגען — פונקט דאס איינענע! אזוי איז אוועקגעגאנגען א גאנץ יאהר. עס איז געקומען דערצו אז איך האב זיך געבעטען ביי זיי ווי ביי א גזלן: האט רחמנות אויף מיר און זאגט מיר ענדליך „יא — ניין"; „אז איהר האט שוין געווארט אזוי פיעל ווארט נאך אביסעל" האבען זיי מיר געענטפערט און ניט אבגעזאגט: „מארגען פונקט פופצעהן מינוט אויף עלף וועל איך זיין צו הויזע וועט איהר שוין האבען א ריכטיגע תשובה". און פארשטעהט זיך אז ניט איין „פונקט פופצעהן מינוט אויף עלף" איז אוועקגעגאנגען. עס האט זיך אנגעהויבען פאר מיר ווייטער „א געהעניש". צו איינעם וואס האט מיך אזוי פארזיכערט צום צוואנציגסטען מאל איך זאל נאך „אביסעלע צווארטען", אז ווען איך בין געקומען, האט ער פלוצים אנגעהויבען מיר גאר אזוי פרעגען:

וואס וועט איהר עפעס זאגען?

— סטייטש, איהר האט מיך ניט דערקענט? איך בין דאך דער יוד וואס בין געקומען דא זוכען איין עהרליכע פרנסה, האב איך געענטפערט און שטארק זיך פארוואונדערט וואס ער האט מיך ניט דערקענט.

— פערציייהעט, איהר זענט מיר דאכט זיך עפעס יא בעקאנט, נאר איך געדענק ניט אקוראט וואו איך האב אייך געזעהען.

און ווען איך האב איהם דערמאנט אז איך בין שוין אמאל דרייסיג געוועזען ביי איהם און ער האט מיר אזוי שטארק צוגעזאגט און „פערזיכערט" פאר מיר צוזאגען, האט ער מיך הונדערט מאל געבעטען איך זאל איהם „פערציייהען", האט גענומען ביי מיר די האנד און מיך באשווארען איך זאל מארגען ניעפרעמענא קומען „פונקט צעהן מינוט אויף צוויי" וועל איך שוין האבען א ריכטיגע תשובה. פארשטעהט זיך אז די שבועה מיט וועלכער ער האט מיך באשווארען האב איך ווי איין עהרליכער יוד מקיים געוועזען און... און האב ווייטער פריהער צוואנציג מאל גערעדט מיט דעם שווייצאר און צוואנציג מאל אנגעקוקט די מארמארנע פיגור וואס שטעהט ביים פאדיעזד איידער איך האב דערלעבט זעהן מיין „צוזאגער". בקיצור עס איז געקומען דערצו אז פון מיין געלד האב איך שוין ניט געהאט א גראשען, א טהייל האב איך אוועקגעשיקט מיין פרוי און קינדער און דאס איבריגע איז ביי מיר אוועקגעגאנגען אויף טרוקען ברויט. איך זאל אלע טאג האבען כח איבערצוגעהן די גרויסע לאנגע גאסען, אנצוקוקען די פאדיעזדען און רעדען מיט די שווייצארען. עס איז געקומען דערצו אז איך בין שוין געגאנגען אין אזויגע שאנדליכע קליידער. איך האב שוין געהאט אזא פנים אז איך האב שוין גאר ניט געקענט אריינגעהן און רעדען מיט א מענשען ווען אפילו זיי זאלען מיך שוין יא געוויזען צונעמען אלע טאג; עס איז געקומען דערצו. זאג איך אייך, אז איך האב שוין אין גאנצען אוועקגעמאכט מיט די האנד אויף די אלע „יודישע פאלקספערזארגערס" מיט זייער „פיין־צונעמען", מיט זייער „פריינדליך אויסהערען", מיט זייער „צו זאגען און

פארזיכערונגען״, אונ האב געוואלט אוועקפאהרען אהיים; נאר איך האב שוין ניט געהאט מיט וואס, איך האב שוין אנגעהויבען בעטען ביי זיי מעהר ניט נאר זיי זאלען מיר געבען חאטש אויף הוצאות איך זאל דארט ביי זיי אין שטאדט פאר הונגער ניט שטארבען, האבען זיי מיר אויך געהייסען קומען מארגען פונקט צוואנציג מינוט אויף 12. איך בין עטליכע מארגענס "פינקטליך" געוועזען אונ עס האט זיך געענדיגט ווי מיט אלע פריהעריגע "פונקט צעהן מינוט אויף 2". איך האב ענדליך אויך אויפגעהערט צו זיין פ י נ ק ט ל י ך אונ בין נאר טאג מיט נאכט ארומגעגאנגען אונ געטראכט וואו נעמט מען געלד אויף א בילעט איך זאל קענען חאטש קומען אהיים, אז מיין ווייב אונ קינדער זאלען חאטש וויסען אז איך לעב. איך האב איהר שוין לאנג ניט געשריבען אונ ניט געענט־פערט אויף איהרע בריעף — וואס האב איך געזאלט ענטפערין אונ שרייבען?... זי וועט דען פארשטעהן, זי וועט דען גלויבען? קען זי דען פארשטעהען די גרויסע לייט מיט זייערע "פינקטליכקייטען" מיט זייער "פריינדליכקייט" אונ "צוזאגען"?

— עטליכע חדשים, האט דער יוד ווייטער דערצאהלט, האב איך זיך גלאט אזוי ארומגעדרעהט אין דער גרויסער שטאדט, אויסגעמאסטען אמאל טויזענד אלע גאסען אונ בריקען, איבערגעזעסען אויף אלע בענקלעך פון די גארטענער אונ געשטארבען פאר הונגער טויזענד מאל, איין גאט ווייסט וואס עס וואלט פון מיר געווארען!... נאר פלוצים געה איך אזוי אויף דעם "פריסטאן" אונ בלאנקע זיך ארום ווי תמיד אונ טראכט מיר טאמער וועט זיך מיר מאכען פאר פינף קאפ' פארטראגען עפיס אקלומעק, ווי עס פלעגט זיך מיר אמאל אין אכט טאג מאכען, פלעג איך זיך חאטש קויפען ברויט, איך געה אזוי צווישען די קלייטען וואו מען פארקויפט זאק אונ צו מיין גרוס פרייד באגעגען איך מיין בן־עיר ר' חיים ביילע ראסיעס, ווי ער לויפט אין איין איילעניש איבער די קלייטען.

— וואס מאכט איהר עפיס ר' חיים, וואס טהוט איהר דא? האב איך איהם אב־געשטעלט. ער האט זיך אין מיר איינגעקוקט אונ מיך דערקענט.

— זעה נאר וועמען איך טרעף דא! האט ער זיך פארוואונדערט, שיער האב איך דיך גאר ניט דערקענט אונ עס איז טאקע שווערליך, זעה נאר וואס פאר א דייטש די ביזט געווארען, איך האב שוין באלד גאר מורא צוצוגעהען צו דיר, אזא גרויסער דייטש ביזט דו געווארען אונ ווי מען דערצעהלט ביי אונז אין שטאדטיל, פארנעמסט דו זיך גאר היינט מיט די גרעסטע לייט פון דער וועלט. דיין ביילע לאה האט מיך געבעטען איך זאל זיך דא מיט דיר זעהען אונ "איבערערעדען", נאר אז איך בין געקומען אין דער גרויסער שטאדט אונ האב אלעס געזעהען האב איך באטראכט: ווער ווייסט אויף וואס פאר אהויכען עטאזש דו וואהנסט שוין היינט אונ קומסט אונטער די גרעסטע לייט? ווער ווייסט צו דו וועסט שוין נאר וועלען רעדען מיט דיין חיים ביילע ראסעס מיט וועלכען דו פלעגסט אמאל טרינקען אביסל יאהרצייט־בראנפען, געדענקסט דו! געדענקסט דו די יאהרען!..

— וָואס הָארְט זִיךְ עֶפִּים אִין דֶער הֵיים? וָואס טְהוּט מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער אוּנ מַיין עֶלְטֶערֶער זוּהְן חַיִים יוֹסִיל? בִּין אִיךְ אִיהם אַרֵיינְגֶעפַאלֶען אִין דִי רֵייד

— אַזוֹי, אַזוֹי, דִיר שְׁטֶעהְט נָאךְ אָן אוֹיסצוּפְרֶעגֶען אוֹיף אוּנְזֶער שְׁטֶעדְטִיל, שֶׁעמְסְט זִיךְ נָאךְ נִיט מִיט אוּנְז? אַזוֹי הָאבּ אִיךְ דִיךְ לִיעבּ! עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶערוּקְט צוּ מִיר גֶעהְנְטֶער אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען מִיט מִיר פּוּנְקְט וִוי דֶער אַמָאלִיגֶער חַיִים בֵּיילֶע רַאסֶעס, אוּנ דֶערְמָאנְט זִיךְ אַז אִיךְ פְלֶעג אִיהְם נִיט עֶרְצֶען.

— אִיךְ פְרֶעג דִיךְ וָואס טְהוּ מַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער, מַיין זוּהְן?

— אוֹי וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסֶען וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ אִיצְט אִין שְׁטֶעדְטִיל וֶועגֶען דִיר. וָואס דַיין בֵּיילֶע לֵאָה זָאגְט אוֹיף דִיר! מֶען דֶערְצֶעהלְט אַז אָן דַיין בֵּיילֶע לֵאָה'ן הָאסְט דוּ שׁוֹין גָאר פַארְגֶעסֶען, אַז עֶס פַּאסְט דִיר שׁוֹין גָאר נִיט אַזאַ בֵּיילֶע לֵאָה, אַז דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין גָאר הָאבֶּען אַדַאמֶע אוּנ אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גָאר פַארְלִיעבְּט אִין אַגֶענֶעראַלְס טָאכְטֶער (נִיט קֵיין יוּדִישׁ קִינְד) אוּנ ווִילְסְט גָאר פַאר אִיהְר חַתוּנָה הָאבֶּען, אוּנ דוּ פָאהְרְסְט אַרוּם מִיט אִיהְר אִין מִיטֶען הֶעלֶען טָאג אִיבֶּער אַלֶע שֶׁאנְסְטֶע גַאסֶען פוּן דֶער שְׁטָאדְט אוּנ בֵּיילֶע לֵאָה'ן ווִילְסְט דוּ אֲפִילוּ קֵיין גֶט נִיט גֶעבֶּען, דוּ ווִילְסְט זִי לָאזֶען אַיין עֲגוּנָה, אוּנ בֵּיילֶע לֵאָה וִוילְל אַרוּמְפָאהְרֶען צְווִישֶׁען דִי גְרוֹיסֶע רַבָּנִים זֵיי זָאלֶען זִי מַתִּיר מַאכֶען, בְּקִיצוּר מֶען זָאגְט אַסַךְ, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ דֶערְצֶעהְלֶען.

— נָא אוּנ דוּ חַיִים גְלוֹיבְּסְט אוֹיף מִיר אַזוֹינֶע זַאכֶען? — פְרֶעג אִיךְ אִיהְם.

— דָארְטֶען הָאבּ אִיךְ טַאקֶע נִיט אַזוֹי גֶעגְלוֹיבְּט אוּנ הָאבּ מִיר גֶעטְרַאכְט אוּנ זִיךְ גֶעוְוואוּנְדֶערְט: מַאלֶע וָואס עֶס קֶען זִיךְ מַאכֶען מִיט אַמֶענְשֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אִיצְטֶער אַז אִיךְ זֶעה דִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעטְהוּן פְרִיצִישׁ-דַייטְשׁ אֲפִילוּ אָהְן פֵּאוֹת, פַאר וָואס-זֶשֶׁע זָאל אִיךְ נִיט גְלוֹיבֶּען — מַאלֶע וָואס עֶס קֶען זִיךְ מַאכֶען מִיט אַמֶענְשֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט!

עֶר הָאט זִיךְ פְּלוּצִים אוֹיף אַמִינוּט פַארְטְרַאכְט אוּנ דֶערְנָאךְ עֶרְנְסְט גֶעפְרֶעגְט:

— זָאג מִיר נָאר אַבְרָהָם'ל, הֵייסְט דוּ נָאךְ אַבְרָהָם'ל? — בִּיזְט דוּ נָאךְ אַיוּד?

— וָואס פְרֶעגְסְט דוּ מִיךְ אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייטֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת. וִוי פַאלְט דִיר אַיין אַזאַ נַארִישְׁקֵייט אוֹיף מִיר?

חַיִים הָאט זִיךְ אוֹיף דֶעם גֶעזִיכְט גָאר אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען.

— אִיךְ — לֵיצָנוּת? חַס וְשָׁלוֹם, שְׁפֶּעטֶען פוּן אַיוּדֶען? לָאז מִיךְ גָאט אָבְּהִיטֶען! וֶועהְר שֶׁאן, זֶעהְר שֶׁאן וָואס דוּ בִּיזְט נָאךְ אַיוּד, עֶס פְרֵייט מִיךְ אַוַדַאי אוּנ אַוַדַאי אוּנ דַיין בֵּיילֶא לֵאָה וֶועט זִיךְ גָאר מְחַיֶה זַיין אַז זִי וֶועט דֶערְהֶערֶען אַז דוּ בִּיזְט נָאךְ אַיוּד.

— עֶס אִיז מִיר גָאר קֵיין מָאל נִיט אַיינְגֶעפַאלֶען אוּנ עֶס קֶען מִיר גָאר קֵיין מָאל נִיט אַיינְפַאלֶען אַזוֹינֶע זַאכֶען.

— נא אויב אזוי קומט זיך דיר, אברהם׳ל, שלום עליכם (ער האט מיר דער לאנגט די האנד) און דערצעהל מיר וואס מאכסט דו עפעס, ווי געהט עס דיר און פארוואס לאזט דו זיך ניט הערען און שרייבסט אפילו ניט דיין ווייב?

מיט מיין פארביטערט הארץ, מיט אויגען פול אנגעגאסען מיט טהרערען, האב איך דעם יודען פון די זעק אויספיהרליך דערצעהלט מיין שרעקליכע לאגע. ער איז זעהר דערשראקען געווארען פון מיין געשיכטע, ער איז שטארק טרויריג געווארען און זיך ערנסט פארטראכט, נאר ניט אויף לאנג, באלד האט ער זיך אחאפ געטהון ווי פון א שווערען שלאף און איז געווארען דער שטענדיגער פרעהליכער ר׳ חיים ביילא ראסעס.

— נא, האט ער מיך ארומגענומען — זארגען איז ניט דא וואס, עס זענין שלעכטע צייטען פאר יודען וואס זאל מען טהון, גאט וועט יודען ניט פארלאזען און וועט זיי מוזען העלפען, נאר איידער גאט וועט העלפען לאמיר דערווייל אט דא אריין אין דעם טראקטירעל מיט דער רויטער וויוועסקע, דארטען איז דא אביסעל בראנפען צווי און אבציג גראד, פ״ב הייסט עס אוי יודיש, אזא ביסל בראנפען וועסט דו ניט געפינען אפילו ביי אונזער אונטער-שמש אין זיין שאפקעלי אין גרויסען בית המדרש און ביי מיר אין קלומיקעל איז עפעס אויך דא.

מיר זענין אריינגעגאנגען, ער האט אויפגעבונדען זיין קלומיקעל, ארויסגענומען א הערינג, אקאלט שטיקעל פלייש, א גרויסען שבת׳דיגען קוילטש, דערצו האט ער געהייסען געבען אביסעל בראנפען און דערנאך א גלאז ביער. עס איז מיר ליכטיג געווארען אין די אויגען, עס איז מיר געווארען אביסעל ווארימער, איך האב געפיהלט ווי איך בין אויפגעלעבט געווארען, עס האט זיך מיר אויסגעוויזען איך האב בעקומען נייע קרעפטען צו הארעווען פאר מיין ווייב און קינדער; נאר ווי קומט מען צו זיי? — ווי קומט מען א היים?

— הער נאר אויס אברהם׳ל, האט ער ווייטער אנגעהויבען רעדען — למשל א שטייגער ווען גאט זאל געוועזען מאכען אזוי, איך זאל דא געוועזען עפעס פארדינען אין די זאק, וואלט איך דיר ניט נאר אויסגעליהען אויף הוצאות, נאר אפילו אויף א נייעם יודישען מלבוש, מען זאל דיר דארט ניט נאכלויפען ווי א קאמעדיאנטשיק. נאר אזוי ווי גאט האט געפיהרט אז איך האב נאר דערלעגט געלד, מסתמא וויל ער זיך אזוי, וועל איך דיר נאר אויסלייהען אויף א בילעט, אין מיין קלומיקעל איז אויך נאך דא ב״ה קוילטש מיט הערינג און שפעטער מיט עטליכע וואכען וועל איך זיין אין דער היים וועל איך יעדען דערצעהלען אז חס ושלום ניט איבער קיין שלעכטיקייט האסט דו אנגעטהון דייטשע מלבושים; מיר וועט מען גלויבען און דו וועסט ניט ליידען קיין אומזיסטיגע בזיונות.

— סטאנציע פ—וו, האט דער קאנדוקטאר איבערגעשלאגען דעם יודענס טרויעריגע ערצעהלונג.

אויף דער סטאנציע האב איך שוין לאנג ארויסגעקוקט, ווייל עס איז שוין געוועזען ארום צוויי אזייגער ביי נאכט, און מויל האט שוין גוט געטריקענט און דא שטעהט מען גאנצע צוואנציג מינוט, וואו מען קען גאנץ רוהיג אבטרינקען טהעע.

אריינגעהענדיג אין בופעט מיט דעם יודען, האב איך געזעהן ווי דער זשאנדארם צוזאמען מיט דעם קאנדוקטאר האבען געפיהרט מיין ערשטען פאסאזשיר ווי אחתן אונטער די ארעם, גלייך אין וואגזאל אריין.

— וואס שלעפט איהר מיך! אך זשידי!... זשידי!... האט ער האלב פאר־שלאפענדיג געבארמאטשעט אונטער דער נאז.

— אייער בילעט האט זיך געענדיגט אין פ—וו און איהר האט פארשלאפען, האט איהם דער קאנדוקטאר געענטווערט.

— טשארט וואס וסיעך פאבערי, איי! משעלאוועק, דאוואי וואדקו!...

XI.

דער ערשטער... דער צווייטער... דער דריטער קלונג און איך בין ווייטער אין וואגאן. ווי מיר האבען נאר אויסגעפעהלט די סטאנציע פ—וו האב איך זיך אויף א באנקעל פאר צוויי פערזאן אויסגעמאסטעט זעהר גוט, און בין געשמאק אנטשלאפען געווארען. אין וואגאן, כאטש עס האבען זיך געפונען ניט וועניג פאסאזשירען, איז פון דעסטוועגען געוועזען שטיל, נאר דאס גערויש פון די רעדער האט אזוי גוט פארוויגט אז איך האב ניט געוואוסט ווי די נאכט איז אהין געקומען. עס האבען זיך מיר געחלומט פערשיעדענע חלומות, אויך האב איך געזעהן אין חלום דעם „יודען פון די זאק", דעם יודישען אומגליקליכען עמיגראנט" מיט זיין גאנצער טרויעריגער געשיכטע, ווי ער איז ארומגעגאנגען נאך טובות צו די „יודישע פאלקספערזארגערס" מיט זייער „צו־זאגען" און „שאן אויפנעמען" און מיט זייער „פינקטליכקייט". אין חלום זענען מיר די אלע „יודישע פאלקס־פערזארגער" געוועזען אזוי קאנטליך! אזוי קאנטליך! ווי גלייך איך האב זיי ערשט נעכטען געזעהן ניט בחלום, נאר בהקיץ...

די חלומות האבען זיך אלע מאל געביטען אין פערשידענע קארטינעס און אין געשטאלטען. נאטירליך האב איך אפילו ניט געוואוסט צו פאהר איך אין וואגאן, צו שלאף איך אויף איין וואגאן־באנקעל אונטערגעבעט מיט אזוי מער פאלטא און מיט א

הארטען לעדערנעם טשעמאדאן צוקאפּענס. פּלוצים ווען עס האט זיך מיר אנגעהויבען חלומען אגוטער חלום, האר איך ווי מען שטאכט און מען שלאגט מיך פון אלע זייטען, מען שרייט איבער מיר ווי גלייך איך האב יענעם געקוילעט. איך חאפּ זיך אויף, איך רייב קוים אויס די אויגען און זעה שוין ניט קיין חלום, נאר איין אמת: — אין וואגאן זענין שוין ניט דא די פריהעריגע פּאסאזשירען, נאר עפּעס צוויי אדער דריי קריסטען וואס זענין געפאהרען מיט מיר פון פּעטערבורג, זיי זענין געלעגען אויף זייערע באנקלעך, א טהייל פון די איבעריגע בענקלעך זענין געוועזען פארנומען מיט יודען, זיי האבען גערעדט, געשריען און געפּילדערט אז איך האב אהאלב וואָרט ניט געהארט, נאר געבען מיר זענין געשטאנען עפּעס צוויי יודען מיט איודענע מיט קלומקעס און פולע זאק אין די האנד, און האבען געשטופּט אויף מיר די קלומקעס מיט די זאק; דא האבען זיי מיר דערלאנגט אין דער זייט, דא אין די פּיס, און חוץ דעם האבען זיי אויף מיר געשריען: זייט זשע מוחל ר׳ קרוב, זעהט נאר ווי ער האט זיך צולעגט ווי אפּריץ, וואס קוקט איהר אן? זייט זיך אביסעל מטריח, איך בין אזא פּריץ גלייך מיט אייך, איך צאהל געלד גלייך מיט אייך.

איך האב זיך אויפגעזעצט, אויסגעריבען נאך אמאל די אויגען און אקוק געטהון, האב איך געזעהן ווי מיר זענין שוין באלד נעבען דינאבורג, ד. ה. מיר זענין שוין אריינגעפאהרען אין דער „טשערטא" וואו יודען מעגען שוין יא...

אז איך בין שוין אין דער „טשערטא" האב איך זיך דערוואוסט דורך די אויפפירונגען פון די נייע פּאסאזשירען, דער בעסטער סימן אז איך האב קיין טעות...

איך האב זיך אפילו געוואלט אויסטענה'ן מיט די צוויי יודען און מיט דער יודענע וועלכע האבען מיר געטהון ווי צום טויט און ניט געלאזט לעבען, נאר איך האב זיך דא דערמאנט אז איך בין אויך איוד און געפין זיך איצט אין דער ענגער טשערטא, מוז איך ליידען, מוז איך זיצען אביסעל ענגלעך. די צוויי יודען מיט דער יודענע און נאך מעהר זייערע קלומקעס מיט זאק האבען מיך שיער דערקוועטשט און איך האב געשוויגען און געליטען ווי איין ערליכער יוד שווייגט פון דעם יודישען גלות.

מיין פריהעריגער אומגליקליכער יודישער עמיגראנט איז שוין ניט געוועזען אין דעם וואגאן, געוויס האט מען איהם דא אזוי צוגעקוועטשט אז ער איז אנטלאפען זיך זוכען אגראמער ארט אין איין אנדער וואגאן. די איבעריגע צוויי דריי קריסטען זענין האלב פארשלאפענע געזעסען און האבען זיך געקריגט מיט די יודען, איבער וואס איז ניט שווער געוועזען צו טרעפען.

די קריסטען האבען געשריען:

— ווי זשידי!

און די יודען האבען געשריען:

— מי טאקע פאנע יאק ווי, מי פלאטים דענגי יאק ווי!

לִיט אֵיין וָוארְט, פוּן דִי קְרִיסְטֶען הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ גַאנְצֶען לֵייטְאַרְטִיקְעל פוּן „נָאוָואיֶע וְורֶעמְיַא״, אוּנ פוּן דִי יוּדֶען אַ פֶּערֶעדְרָאוָואיַא סְטַאטְיַא פוּן „וָואסְחָאד״ אִין וֶועלְכֶע עֶר מַאכְט אַ תֵּל פוּן דֶער „נָאוָואיֶע וְורֶעמְיַא״. דֶער קְרִיעג אִין וַואגָאן הָאט זִיךְ נִיט גֶעעֶנְדִיגְט ווִי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִיט דֶער קְרִיעג פוּן דֶעם „וָואסְחָאד״ מִיט דֶער „נָאוָואיֶע וְורֶעמְיַא״ עֶט קָאמְפּ.

הֶערֶען אַזוֶינֶע לֵייטְאַרְטִיקְלֶען, זִיצֶענְדִיג אִין גְרוֹיס עֶנְגְשַׁאפְט, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָבְּגֶעמוּטְשֶׁעט נָאךְ אַזוֹי אַ הַאלְבֶּען טָאג בִּיז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קַיין ווִילְנָא.

אוֹיף דֶער אַכְסַנְיָא בִּין אִיךְ גְלַייךְ אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען שְׁלָאפֶען ווִי אַ פַארְמַאטֶעטֶער. אִין דֶער פְרִיה וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעחַאפְּט, הָאבֶּען מִיךְ מַיינֶע צוּבְּרָאכֶענֶע קְרֶיזֶייעס דָאס צְוַוייטֶע מָאל דֶערְמָאנְט אַז אִיךְ בִּין אִין דֶער „טְשֶׁערְטַא״....

דֶער טָאג אִיז גֶעוֶועזֶען פְרַייטָאג, אִיךְ הָאבּ זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ בְּלַייבֶּען אוֹיף שַׁבָּת אִין ווִילְנָא. וָואס טְהוּט אַ יוּד פְרַייטָאג אִין אַזַא גְרוֹיסֶער יוּדִישֶׁער שְׁטָאדְט ווִי ווִילְנָא? — פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעפִיהְרְט ווִי אַלֶע יוּדֶען אִים פְרַייטָאג — גֶעגַאנְגֶען אִין מֶרְחָץ, דָארְט הָט מֶען מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ נַאקֶעטֶען יוּדִישֶׁען בַּאנְשְׁטְשִׁיק וֶועלְכֶער הָאט מִיר דֶערְצֶעהלְט אַ סַךְ נַייֶעס פוּן דֶער שְׁטָאדְט, נָאר אִיךְ הָאבּ דָארְט ווִינְצִיג גֶעקֶענְט הֶערֶען, עֶר אָבֶּער הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט דֶערְצֶעהלֶען, בְּקִיצוּר אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אָבְּגֶעבָּאדֶען, לְכָבוֹד שַׁבָּת, בַּאצָאהלְט דֶעם בֶּאדֶער פַאר אַלֶעם אוּנ בִּין זִיךְ בְּשָׁלוֹם צוּרִיק אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶער אַכְסַנְיָא.

עֶס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען דֶער גַאנְצֶער טָאג פְרַייטָאג אוּנ דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת אוֹיךְ. זוּנְטָאג צֶעהן אַ זֵייגֶער פְרִיה הָאבּ אִיךְ בַּאדַארְפְט פָאהרֶען, שַׁבָּת׳צוּנַאכְטְס הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעפַּאקְט אוּנ זִיךְ זֶעהר שְׁפֶּעט גֶעלֶעגְט שְׁלָאפֶען.

אִין דֶער פְרִיה פוּנְקְט זִיבֶּען דֶעם זֵייגֶער הֶער אִיךְ ווִי מֶע קְלַאפְּט שְׁטַארְק בַּיי מִיר אִין דֶער טְהִיר. אִיךְ ווִילל אוֹיפְשְׁטֶעהן, אִיךְ ווִילל אוֹיפְעֶפֶענֶען דִי אוֹיגֶען, נָאר אִיךְ קֶען נִיט, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק בִּין אִיךְ גֶעשְׁלָאפֶען, נָאר מֶע הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעקְלַאפְּט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאבְּגֶעחַאפְּט ווִי אַיין אָבְּגֶעבְּרִיהטֶער אוּנ אוֹיפְגֶעעֶפֶענְט דִי טְהִיר.

— אַ גוּט מָארְגֶען אַייךְ, הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶערוּקְט אַ יוּד מִיט אַ בְּרֵייטֶער בָּארְד, מִיט לַאנְגֶע פֵּאוֹת מִיט אַ שֵׁאן בַּייכֶעל אוּנ מִיט אַ גַארְטֶעל. אִיךְ הָאבּ אִיהם אָנְגֶענוּמֶען פַאר עֶפֶּעס אַ רָב אָדֶער אַזוֹי עֶפֶּעס אַ שֶׁאנֶעם יוּדֶען פוּן דִי „כְּלֵי קוֹדֶשׁ״. אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל מִיר הוּנְדֶערְט מָאל מוֹחֵל זַיין וָואס עֶר זֶעהט מִיךְ אִין אַזַא קָאסְטִיוּם, אוּנ אִיהם צוּגֶערוּקְט אַ בֶּאנְקֶעל אוּנ גֶעבֶּעטֶען זִיצֶען. —

— נִישְׁט קָשֶׁה, נִישְׁט קָשֶׁה, אִיךְ קֶען שְׁטֶעהן!... אוּנ אִיז טַאקֶע גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהן אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט זֶעצֶען.

— וואס וועט איהר עפעס זאגען? האב איך איהם געפרעגט.

— איהר פרעגט מיך נאך וואס איך וועל זאגען? אליין ווייסט איהר ניט. איהר האט מיך ניט דערקענט?...

איך האב איהם פערוואונדערט אנגעקוקט און פארט ניט דערקענט. איך האב נאר געמאכט מיט די האנד ווי איינער וואס איז שטארק פערוואונדערט.

— מיך וואונדערט וואס איהר האט מיך ניט דערקענט, האט ער זיך ווייטער אנגערופען — ערשט עהער־נעכטען האבען מיר אזוי פיעל גערעדט און איצט דערקענט איהר מיך גאר ניט?! דאס ארט מיך ניט, נאר מיר קומט נאך פון אייך... איהר האט מיר ניט בעצאהלט אין גאנצען...

— ווער זענט איהר? און וואס פאר א געשעפטען האב איך געהאט מיט אייך, איך זאל אייך ניט בעצאהלען? האב איך איהם געפרעגט

— ביי אייך איז דאס אפשר ניט אזא געשעפט, איהר זענט אפשר א גרויסער גביר, נאר איך בין איין ארעמער יוד, דאס איז מיין געשעפט און מיין פרנסה, איך לעב דערפון מיט ווייב און קינדער, ביי מיר איז יעדע קאפיקע טייער, איך פארדיען שווער מיין ברויט — איהר האט מיך ניט דערקענט, נאר דאס ארט מיך ניט, איך פאל ביי זיך חס ושלום ניט אראב, נאר בעצאהלט מיר, זייט אזוי גוט.

— נאר ווער ענדליך זענט איהר? און פאר וואס קומט אייך געלד? — האב איך העכער אנגעהויבען רעדען ווייל איך האב זיך ניט געפיהלט איך זאל אין ווילנא עמיצען חס ושלום ניט בעצאהלען. —

— איך בין אייער שמייסער, איך האב אייך געשמיסען.

— וואס הייסט מיין שמייסער? האב איך אין אנהויב ניט פארשטאנען.

— נאך דערקענט איהר מיך ניט? איך האב אייך געוואשען און געשמיסען, מיר האבען אזוי פיעל גערעדט און איצט האט איהר מיך ניט דערקענט?

— איהר זענט א באנשטשיק, ווילט איהר זאגען. דאכט זיך איך האב פאר אללעם דעם באדער בעצאהלט און פאר אייך אויך איבערגעלאזט צוואנציג קאפיקעס.

— לאז זיין אויף אייער לשון „א באנשטשיק" ווי איהר ווילט, נאר פאר דער זייף וואס איהר האט זיך געהייסען געבען פאר פינף קאפיקעס האט איהר ניט בעצאהלט. דאס פארדיענסט פון דער זייף געהערט צו מיר, איך האב געמיינט אז איהר וועט פאר דער זייף אויך בעצאהלען, נאר פאר נאכט האט מיר דער באדער געזאגט אז איהר האט נאר בעצאהלט פאר דער באד און פאר דעם „באנשטשיק", ווי איהר זאגט, און

פאר דער זייף ניט. איך האב געוואלט געהען צו אייך, נאר עס איז שוין געוועזען שבת; שבת צו נאכטס האב איך א יודען אויף דער „פוללער וואך" ניט געוואללט מאהנען קיין געלד, נאר דער משרת פון דער אכסניא האט מיר געזאגט אז איהר פאהרט אוועק היינט זייגער צעהן, בין איך געקומען אביסעל פריהער; וואס האט איהר מיך דא חושד צו זיין? —

איך בין געבליבען זיצען ווי איינגעגראבען און האב ניט געוואוסט וואס צו טהון, צו זאל איך ווערען אין כעס אויף איהם, צו זאל איך זיך גאר צולאכען.

- נאר ווי אזוי האט איהר מיך אבגעזוכט, ווי אזוי האט איהר מיך דערקענט, איהר האט דאך מיך נאר געזעהען אין אדם'ס קליידער?

- חא, חא, חא, וואס הייסט ווי אזוי זאל איך אייך ניט דערקענען? מיר האבען אזוי פיעל גערעדט.

ווי אזוי האט ער מיך פארט אבגעזוכט, האב איך זיך טאקע ביי איהם ניט געקענט דערפרעגען. ער האט נאר געענטפערט: וואס הייסט ווי אזוי זאל איך אייך ניט אבזוכען, הלואי וואלט מיר נאר געקומען פון אייך א סך.

פאר זיין גרויס בריה'שאפט האב איך איהם געגעבען גאנצע צעהן קאפיקעס.

ער האט גאר ניט געוואוסט וואס צו טהון מיט מיר פאר גרויס פרייד פון די צעהן קאפיקעס.

— אז עס איז יא אזוי, וויל איך טרינקען צו אייך לחיים און אייך ווינשען א גליק־ליכען וועג, האט ער געזאגט און מיט די אויגען געקוקט אויף דעם פלאשעל וואס איז געשטאנען אויף דעם טיש.

— עס איז אבער ניט קיין בראנפען.

— עס מאכט ניט אוים, מיר קענען טרינקען „לחיים" פון אללעם וואס גיסט זיך—האט ער געענטפערט מיט א חיטרע געלעכטעריל און ניט אראבלאזענדיג די אויגען פון פלאשעל, און טאקי אזוי רעדענדיג האט ער אויסגעשטרעקט די האנד און זיך אליין אנגעגאסען אין א גלאזעל וואס עס האט זיך געפונען אויף דעם טיש.

- איהר האט שוין דען געדאווענט? האב איך איהם געפרעגט.

— שוין לאנג מיט דעם ערשטען מנין.

— לחיים, האט א גליקליכען וועג! האט ער געזאגט, אויסגעטרונקען און מיר נאך א מאהל אנגעוואונשען א פולען טשעמאדאן מיט גליק אויף דעם וועג און איז זעהר פרעהליך און גליקליך אוועקגעגאנגען.

* * *

שפעטער מיט א האלבער שעה האט דער משרת פון דער אבסניא מיר געבראכט א געדרוקטען בלאנק מיט א חשבון פון דער אבסניא. פון דעם חשבון בין איך געוואהר געווארען, אז מיין „אבסניא“ הייסט גאר „האטעל“, דרום דארף איך צאהלען דביי מאל טייערער.

אט וואס א „נאמען“ קאסט א מאל.—

ניין א זייגער בין איך געפאהרען צום וואקזאל.—

XII.

פאהרענדיג אין וואגאן פון ווילנא קיין ווארשא איבער גראדנא און ביעלאסטאק האב איך דארט דאס ערשטע מאהל אין מיין לעבען געזעהן עטליכע יונגע ליטוואטשקעס און דערצו איניגע פון זיי שאנע.

איהר מעגט אויך לאכען איצט פון מיר גלייך ווי די צוויי יונגע שאנע ליטוואטשקעס מיט וועלכע איך האב זיך איצט בעקאנט אין וואגאן האבען זיך אויך שטארק צולאכט ווען איך האב זיי געזאגט „אז דאס ערשטע מאהל אין מיין לעבען זעה איך יונגע און שאנע ליטוואטשקעס“.

נאר אויף אייער לאכען וועל איך דאס זעלבע ענטפערען וואס איך האב זיי געענטפערט: ד. ה. דער וואס איז געבוירען אדער אם ווייניגסטען א סך יאהרען געלעבט אזוי ווי איך אין אוקריינא, וואהלין, פאדאליען, דער וועט מיר געוויס גלויבען אז איך זאג ניט קיין ליגען. אין די ארטער באגעגענט מען כלל ניט קיין יונגע ליטוואטשקעס ווער שמועסט נאך שאנע, מען באגעגענט נאר דארט אלטע ליטוואטשקעס, איינגעשרומפענע, איינגעהויקערטע און דרייענו, איף דעם פנים עטליכע אדער, אם ווייניגסטען, איין ברארוויקע אויף וועלכע עס וואקסען עטליכע האר, איהר ארבייט איז דאס מעהר וואס זי באקט דארע פלעטצליך פאר די חדר-יונגלעך מיט וועלכע איהר ליטוואק דער מלמד לערענט, און ווען זי האט ניט קיין ליטוואק וואס לערענט מיט קינדער, טראגט זי ארום בייגעל אין מארק, אדער זי וואשט פארלאגעס, מעסט דאס פעלד, א שמשטע אין א קליין בית המדרש׳ל אדער זי געהט גאר ארום נאך נדבות.

איך ווייס ניט, אפשר האט זיך אייך יא אמאהל געטראפען אפילו אין יענע געגענדען באגעגענען א יונגע שאנע ליטוואטשקע, נאר איך שווער אייך אז מיר איז קיין מאהל ניט פארגעקומען נאר דאס ערשטע מאהל אין מיין לעבען אין מיין יעציגער רייזע.

* *

דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג אָבֶּענְדְס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען קַיין וַוארְשָׁא.

אַךְ וַוארְשָׁא! וַוארְשָׁא! וְויפִיעל הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט אוּנ אִיבֶּערְגֶעלִיטֶען, וְויפִיעל גְרוֹיֶע הָאר אִיז מִיר פַאר דֶער צַייט צוּגֶעקוּמֶען, וְויפִיעל קְרֶאפְּטֶען אִיז מִיר אָבְּגֶעקוּמֶען, אוּנ אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁעהֶן אִין אַזָא בִּיסֶעלֶע יָאהְרֶען וָואהְנֶענְדִיג אִין וַוארְשָׁא! אוּנ... אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבּ אִיךְ דִיךְ, וַוארְשָׁא, נָאךְ לִיעבּ, חָאטְשׁ חָלֶעבֶּען אִיךְ וְויים נִיט פַאר וָואס, אֶפְשַׁר דֶערְפַאר וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹי פִיעל גֶעלִיטֶען בַּיי דִיר? וֶוער קֶען פַארְשְׁטֶעהֶן דֶעם מֶענְשֶׁענְס הַארְץ?

אִיךְ הָאבּ דִיךְ, וַוארְשָׁא, לִיעבּ אוּנ בִּין אֲפִילוּ נִיט אִין כַּעס וֶוען דַיינֶע (וַוארְשָׁאוֶוער) יוּדֶען רוּפֶען מִיךְ מִיט דֶעם שַׁאנְדְלִיכֶען נָאמֶען (נָאךְ זַייעֶר פֶערְשְׁטַאנְד) „לִיטְוַואק".

אִיךְ בִּין נִיט אִין כַּעס אוּנ נֶעם עֶס אָן פַארְלִיעבּ, כַּאר אַ אָבְּקוּמֶעגֶעשׁ אוֹיף

דֶער וֶועלְט.

אִיךְ מוּז זִיךְ עֶנְדְלִיךְ פַאר אַייךְ מִתְוַדֶה זַיין, דֶעם גַאנְצֶען אֱמֶת אַייךְ דֶערְצֶעהְלֶען, אַז אִיךְ זֶעלְבְּסְט הָאבּ אַ סַךְ מָאהל אִין מַיין לֶעבֶּען גֶעזִינְדִיגְט קֶעגֶען לִיטְוַואקֶעס: בִּיז צְוַואנְצִיג יָאהר אִין מַיין גֶעבּוּרְטְסְשְׁטָאדְט, אִין אוּקְרַיינָא, הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ מִיט אַלֶע דָארְטִיגֶע יוּדֶען גֶעלַאכְט אוּנ גֶעשְׁפֶּעט פוּן לִיטְוַואקֶעס. נָאךְ אִין חֶדֶר הָאט מֶען מִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְענְט שְׁפֶּעטֶען אוּנ נָאכְקְרִימֶען זִיךְ אַ לִיטְוַואק אוּנ נָאכְשְׁרַייעֶן אִיהם: „לִיטְוַואק" „צְלָם קָאפְּף".

אוּנ דֶער וָואס וַוארְט לַאנְג אוּנ צָאהְלְט גוּט, שְׁטְרָאפְט מִיךְ דָא אִין וַוארְשָׁא מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה — דָא הֵייס אִיךְ אוֹיךְ „לִיטְוַואק".

אוּנ אִיהר, מַיינֶע לִיעבֶּע טַייעֶרֶע זֶעמְלַיאקֶעס, אוּקְרַיינֶער, וָואהְלִינֶער, פָאדָאלְיֶער יוּדֶען, אוֹיבּ אִיהר וְוילְט וְוי פְרוּמֶע יוּדֶען אָבְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר וָואס אִיהר לַאכְט אוּנ שְׁפֶּעט אִין אַייעֶרֶע אָרְטֶער פוּן לִיטְוַואקֶעס, פָאהְרְט זִיךְ דוּרְךְ אַבִּיסֶל קַיין וַוארְשָׁא. גְלוֹיבְּט מִיר, אִיהר וֶועט שׁוֹין פַארְשְׁפָּארֶען אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר אָבְּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט...

אוֹי יוּדֶען! יוּדֶען! וֶוען וֶועט שׁוֹין אַמָאהל קוּמֶען דִי גוּטֶע צַייט וֶוען מִיר אַלֶע יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ אַיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אָנְרוּפֶען מִיט אֵיין נָאמֶען: „יוּדֶען" נִיט „לִיטְוַואקֶעס" „פּוֹילִישֶׁע חֲסִידִים", „פָאלְיַאקִי מָאוֹסֶעוְוא זַאקָאנָא", „מִתְנַגְדִים", „פָאדִיגֶעדֶער", „פַאלֶעסְטִינְצֶעס" „טַאלְנֶער" „אַרְגֶענְטִינְצֶעס", „גֶערֶער", „סְקְוֶוערֶער", „גְרָאדְזִיסְקֶער" „לוּבַּאוֶועטְשֶׁער" א. ז. וו.

וֶוען, וֶוען וֶועט שׁוֹין קוּמֶען דִי גוּטֶע צַייט פַאר יוּדֶען!...

יודישע עשירות

נאכדערצאהלט פון א יודישען וואיאזשער (רייזענדער).

I.

אין יאהר 1890 האב איך בעקומען א שטעללע ביי א געוויסען ווארשאווער פאבריקאנט אלס רייזענדער ד. ה. פארשפרייטען זיין סחורה צווישען יודישע סוחרים אין פערשיעדענע שטאדט אונ מעהר ווי א יאהר האב איך געררייזט אונ געררייזט, מעהר ווי א יאהר אבגעלעבט אין די וואגאנעס, אדער אין די בעל־עגלה'שע וואגענס אונ אין די "האטעלען", אכסניה'ס, וואגזאלען אונ קרעטשמעס. —

עס איז געוועזען נאך סוכות צייט ד. ה. אזא צייט ווען מען ווייסט ניט מיט וואס ארויסצופאהרען צו מיט ראדער אדער מיט א שליטען. ווען איך בין ארויסגעפאהרען פאר נאכט פון פראסקוראוו (פאד. גוב.) איז געוועזען א בלאטע, מיר האבען גערעכנט אויף נאכטלאגער אנקומען קיין יארמאלינץ, נור עס האט אנגעהויבען חאפען א פראסט אונ שיטען א געדיכטער נאר א נאסער שנעע, די ראדער האבען אנגעהויבען שפרינגען אויף רידעס נור די קישקעס ארויסצוועצען אונ דער נאסער שנעע איז מיט א עססענדע קאלט געקראכען אין די ביינער, דורך דעם פעלץ צוזאממען מיט דער בורקא, אונ דא איז די נאכט אנגעקומען אללע מאל פינסטערער אונ פינסטערער, דער וואגען געהט אין דער זייט, דער בעל־עגלה פיהרט די פערד ביי דער צוים אונ איך בין ארונטערגעקראכען, מען געהט צו פוס, מען זעצט זיך ווייטער. מיט איין ווארט מען פאהרט ניט נאר מען מוטשעט זיך צוזאממען מיט דעם בעל־עגלה אונ מיט די שטוממע פערד. יעצט איז ניט דא קיין פארשוין מיט א בעל עגלה מיט פערד, יעצט זענען אללע גלייך. עס איז פראסט קיין קראפטען ניט דא מעהר אויסצוהאלטען, יעדע מינוט אין א יאהר.

נאר גאטט האט געהאלפען מיר האבען דערזעהן די ערשטע קרעטשמע אונ מיר האבען בעשלאססען דא בלייבען נאכטיגען חאטש עס איז געוועזען נאך גאר פריה.

ווען איך האב פון זיך אראבגעווארפען דעם פעלץ, זיך דערוואַרעמט געבען אויזען אויסגעטרונקען די ערשטע גלאז טהעע האב איך זיך אנגעהויבען ארומקוקען וואו איך בין: א גרויסע שטוב מיט ווייסע לעהם געשמירט, ביין אין יעדען ווינקעל, עס שמעקט מיט ווארעמקייט און ליכטיג; עס שטעהט א גרוים פארבעט בעט, א קעגען א געפארבט באנקבעטעל *), אין מיט שטוב א גרויסער טיש, עטליכע ווייסע הילצערנע באנקלעך איין לאנגע באנק, אין די זייטען א גרויסע געפארבטע שאפע און צוויי קליינע שאפקעלעך פון אזא האלץ ווי די באנקלעך, אויף די שאפעס זענען אין ארדענונג אויסגעשטעלט צו ביסלעך, קופערנע, מעשענע און בלאכענע כלים, אויך געפינט זיך אין שטוב נאך אנדערע נאטהיגע שטוב זאכען, אללעס שטעהט אויף זיין ארט אין בעסטען שאנסטען ארדענונג.

אין דער גרויסער שטוב וואהנען טאקי די בעלי בתים זעלבסט: א יוד פון אריבער זעכציג און זיין ווייב כמעט אויך אין די יאהרען גאר זי זעהט אויס געזינדטער און שטארקער ווי איהר אלטיטשקער.

נאך דעם ווי דער בעל־בית האט מיר אבגעגעבען, ווי דער שטייגער איז „שלום עליכם", האט מיר די אלטיטשקע געזאגט:

— מיר וועללען אייך צו דער באנק צושטעללען באנקלעך און וועללען אייך בעטען. עס וועט אייך זיין ווייך צו שלאפען. מיר האבען ב"ה ניט צו פערזינדיגען א סך בעטגעוואנד, יעדען ווינטער האדעווע איך גאנז און ב"ה אין קיין פעדערן זענען מיר ניט זשעדנע.

איך האב געדאנקט נור פון דעסטוועגען האב איך געפרעגט צו עס איז ניט דא א בעזונדער שטמער פאר מיר.

— ניין ... אט דאס איז אונזער גאנץ וואהנונג און נאך איין ספאלניע וואו אונזערע קינדער וואהנען, זיי זאללען מיר זיין געזונד און שטארק.

— וואס זשע? ביי אייך איז דען ניט קיין קרעטשמע וואו עס פארפאהרען אורחים?

— ניין, וואו האט איהר געזעהן א קרעטשמע אהן א שאנק, און אין דער קרעטשמע וואו עס איז ניט דא קיין בראנפען שטעלט מען זיך זעהר זעלטען אב. אמאליגע יאהרען האט געלוינט צו האלטען א שאנק, אמאליגע יאהרען ווען קיין באהנען איז נאך אויף דער וועלט ניט געוועזען איז מיין קרעטשמע אויסגעקומען אויף דעם גרעם טען טראקט: איז מען געפאהרען קיין אדעס האט מען געמוזט דורכפאהרען מיין קרעטשמע, איז מען געפאהרען קיין קיעוו אויך דורך מיין קרעטשמע, וואס דארף איך אייך א סך דערצאהלען — אפשר קיין פיטערבארג, קיין מאסקעוו אז מען איז געפאהרען האט מען זיך אויך געבען מיין קרעטשמע געמוזט אבשטעלען! קיינער האט מיין קרעטשמע ניט געקענט אויסמיידען, אפילו קיין אויסלאנד צום סאדיגערער רבי'ן און צו אונזער טאלנער

*) א ה לצערנע אלט־מאדישע סאפע צוזאממען מיט א קאסטען אויף קליידער.

רבין, זיי זאללען זיין דארטען פאר אונז, ניט געוואשען, א גוטער מליץ, ווען יע איז צו זיי געפאהרען האט מען זיך אויך ביי מיר אבגעשטעלט. ווער. ווער האט זיך ביי מיר ניט אבגעשטעלט, דער קאפיטאן, איספראווניק, דער קווארטירמייסטער, געגע־ראלען אונ דער גובערנאטאר אויך, מען איז געפלויגען מיט זעקס פערד געשפאנט גאשפיץ, מיט פאטשטאווע גלאקער אונ ביי מיר האט מען זיך אבגעשטעלט; דענסטמאל האט מיר געטראגען א שאנק צו האלטען אבער ניט איצטער, ווער פאהרט איצט? פער־וואקסען איז געווארן אונזער גרויסער פראהליכער טראקט, אלץ איבער די וויסטע באהנען וואס האבען זיך אליין געוואלט מאכען שאנקען אין די וואגזאלען. אודאי טראגט זיי אזויגע שאנע געפוצטע געמעבולירטע שאנקען צו מאכען ווען זיי האבען ביי אונז קרעטש־מערעם צוגענומען די גאנצע פרנסה,

די אלטיטשקע האט דערצאהלט אונ דער אלטער האט איהר געקוקט גלייך אין מויל, געשאקעלט מיט דער בארד אונ איהר אללע מאל אונטער געזאגט: „ניט דא אמאליגע יאהרען... באהנען...”

— אונ ווי געהט עס אייך יעצט אין דער פרנסה? האב איך געפרעגט.

— ניט צו פערזינדיגען, האט די אלטיטשקע ווידער פראהליך אנגעהויבען, מיר האבען צו איהם קיין טענות ניט, ער פערלאזט אונז ניט וואס מיר זענען ניט ווערטה זיין ליעבען נאמען צו דערמאהנען; מילכיגעס ב"ה דארפען מיר ניט געהן קויפען, די קרעטשמע איז אויך אונזערע, קיין דירה געלד דארפען מיר, געלויבט השי"ת, ניט צאהלען, א פאר גילדען אויף צו האנדלען אמאל א קארעץ ווייץ, א מאסטעל גערשטען, א זאק קארען צו וואס ער באשערט, געפינט זיך אויך ביי אונז ניט צו פערזינדיגען.

דער אלטער האט ווייטער געקוקט איהר אין מויל אריין, געשאקעלט מיט דער בארד אונ אויך נאכגעזאגט: ניט צו פערזינדיגען.

אזוי שטיל זענען מיר געזעסען אונ האבען גערעדט, פלוצים אין דער שטילקייט האב איך דערהערט א יודיש ניגון'דעל ווי מען לערנט גמרא אונ מען באמבקעט זיך פראהליך צו דערביי אונטער דער נאז:

— ווער וואהנט דארט? האב איך געפרעגט.

— איך האב זיך אייך געזאגט, מיינע קינדער זאללען לעבען, זיי זיצען ביי מיר אויף קאסט.

— נא אונ איינינקלעך האט איהר שוין מסתמא?!

— זי איז מיין איינינקעל פון איין איינציגע טאכטער, זי זאל זיין א גוטע מליצה אונ אויסבעטען פיר אונז אונ כל ישראל אלדעם גוטס.

אונ זי האט מיר ווייטער דערצאהלט א טרויעריגע געשיכטע ווי פון איהרע אכט קינדער וואס זי האט געהאט האט זי קוים דערצויגען איין טאכטער אונ די איז אויך גע־שטארבען אונ איהר איגער געלאזט איין איינינקעל — א מיידעלע פון א יאהר פינף אונ

זי — די אלטיטשקע — האט איהר ערצויגען און חתונה געמאכט מיט אייגענע קאסט און מיט צוויי הונדערט רובל נדן.

ביים דערצאהלען האט זי געלאזט עטליכע טרעהרן.

דעם אלטען האט זיך אויך געשטעלט טרעהרן אין די אויגען.

אין דעם איז פון דער ספאלנע אריינגעקומען א יונג ווייבעל אין א ווייסען משיפיק.

— אט דאס איז אונזער פארמעגען, אונזער טרייסט, אונזער לעבען, האט זי אנגעוויזען אויף דעם ווייבעל און איהרע אויגען האבען אנגעהויבען לייכטען פאר פרייד.

דאס ווייבעל האט א שאקעל געטהון מיט דעם קאפ צו מיר און זיך אויך געזעצט צום טיש. אין אנהויב איז זי געזעסען אביסעל שאמענדיג נור נאכהער ווען זי האט א פאר ווארטער גערעדט מיט דער אלטיטשקע וועלכע זי רופט „מאמע" איז זי אביסעל היימעשער געווארן און מיט איהרע שווארצע אויגען אנגעהויבען קוקען אויף מיר ווי א קינד וואס זעהט א נייעם מענשען.

באלד איז אויך דער יונגער מאנן אריינגעקומען פון ספאלניע אנגעטהון אין א חאלאט מיט צוויי קוטאסען און איינעם געדרעהט אין דער רעכטער האנד. ער האט מיר באלד אבגעגעבען א פראהליכען שלום עליכם, נאכהער האט ער מיך געפרעגט וואס הערט זיך עפים „מיט גוטע נייעס וועגען יודען אויף דער וועלט" און נאכהער זיצענדיג ביים טיש זיך אללע מאל שטיל אונטערגעזונגען ווי איינעם וואס איז גאנץ גוט אויף דעם הארצען און האט נור וואס א גוט געשעפט געמאכט.

אזוי האבען מיר צוזאממען פערבראכט דעם גאנצען אבענד און צוזאממען וועטשערע געגעסען. מיר זענען אללע היימעש געווארן ווי גלייך מיר קענען זיך פון יאהרען לאנג. טאקי דעם איינעם אבענד האבען מיך דאס יונגע פאר־פאלק אריינגעבעטען צו זיך אין ספאלניע איך זאלל זעהן ווי זיי האבען זיך איינגעארדענט און וואס פאר א בעל ביתטע זי איז.

און ווירקליך איז דארט געוועזען די בעסטע ארדענונג, שאן און ריין אין יעדען ווינקעלע. דאס בעט איז פארפוצט מיט קישען און קליינע קישעלעך און זעהר שאנע ציכען וואס זי האט אליין אויסגעהעפט נאך מיידעל וויז, א קענען א געפאליטורט באנק־בעט'ל א צוויי געפארבטע באנקלעך מיט א שאפע אויף קליידער, אויף דער שאפע ספרים אין נייע לעדערנע ווילנער בינדען, אויף דער וואנד א בילד פון מאנטעפיורע, אויף דער צווייטער זייט א בילד פון א גענעראל רייטענדיג אויף א פערד, און נאך קליינע צאצקעס פון אויסגעשוירען קאליערט פאפיער.

מיט די בעסטע וואונשען איינם דעם אנדערען איז זיך יעדער געגאנגען שלאפען אויף זיין געלעגער און אללע זענען זים געשמאק אנטשלאפען געווארן נור איך האב ניט געקענט שלאפען, חאטש איך האב געהאט זעהר א ווייך און ריין געלעגער. דען די געדאנקען וועגען דער נייער גליקליכע פאמיליע מיט וועלכע איך האב זיך אזוי גיך בעקאנט און בעפריינדעט האבען מיך ניט געלאזט שלאפען.

— אט, וואו און ביי וועמען מען דארף זיך לערנען לעבען און גליקליך זיין! א פאמיליע פון צוויי פאר פאלק וואס זייער גאנץ פערמעגן שוין צוזאמען מיט די שטוב זאכען, קען בעטרעפען אין העכסטען פינף הונדערט רובל און לעבען אללע אזוי רוהיג גליקליך! מען עסט און מען שלאפט צו דער צייט, פון יעדע זאך האט מען הנאה, מען האט ניט קיין קאפפערדרעהעניש, ביי אזא לעבען קען מען דוכט זיך אבלעבען גליקליך הונדערט יאהר. אט דאס הייסט אמת'ע עשירות! פערדיען איך דען ניט יעדעס יאהר מעהר ווי פינף הונדערט רובל און וואס האב איך דען פון מיין לעבען? צו בין איך חאטש איין טאג אין מיין לעבען גליקליך געוועזען און רוהיג געלעבט? וואו איך טאג דארט נאכטיג איך ניט, שטענדיג ווייט פון ווייב און קינדער, נא און אפילו מיין בעל-בית דער פאברי־קאנט וואס זיצט אויף איין ארט, וואס פאהרט ניט ארום און פערדיענט א סך מעהר פון מיר, לעבט דען גליקליכער? שטענדיג אין רעש, צוטראגען, קיין מאל קיין צייט ניט זיך אבצורוהען, יעדען טאג אין דער מורא פאר נייע פראטעסטען פון זיינע קונדען, יעדען טאג וועקסלען צו צאהלען, און ביי אזא צוטראגען רעש'נדיג לעבען פארמאגע־דיג שאנע עטליכע צאהנדלינג טויזענדטער רובל האט ער ניט מעהר הנאה פון זיין לעבען ווי איך אומשטיינס געזאגט.

און צו וואס רעשען און לויפען מיר אללע ווי משוגעים, צו אלרע שווארצע יאהר? וואס איז? מיר ווילען אללע חאפען דאס גליק, גליקליך און רוהיג לעבען, און אין דעם לויפען, אין דעם רעשען, פארליערען מיר דאס געזונד און די יאהרען און דאס גאנצע לעבען לויפט אזוי אוועק, און וואו איז גאר דאס גליק? — אט דא ביי אזוינע מענשען וואס לויפען נאך דעם ניט. צו וואס דארף מען דעם גליק נאכלויפען אז יעדער קען דאס גליק געפינען ביי זיך זעלבסט! עס איז נאר אין אונז אליין געווענדט גליקליך צו זיין, איך ברויך גאר איין מאל ביי זיך פעסט פועלען אז פינף הונדערט אדער טויזענד רובל קען פערזיכערן מיר א רוהיג לעבען, וועל איך געוויס זיין צופריעדען און גליקליך לעבען צוזאמען מיט מיינע פאמיליע.

מיט די געדאנקען בין איך אבגעלעגען די גאנצע נאכט, איך האב זיך עטליכע מאל דערמאהנט אין מיין פרוי און קינדער און וואלט געוויס איצט אוועקגעגעבען אזא פער־מעגען ווי מיינע גליקליכע פאר פאלק פערמאגען צוזאמען, איך זאל מיין פרוי און קינדער קענען איצט זעהן.

ווען עס האט אנגעהויבען צו טאגען האט מיך מיין בעל עגלה אויפגעוועקט מיט די ווארטער „עס איז שוין צייט צו פאהרען”.

וואס וויל ער, דער דאזיגער שלעכטער בעל עגלה, וואו אהין ווייטער פאהרען? צו וואס פאהרען, אז דא איז אזוי גוט, אז דא קען מען אהן געפילדער, אהן רעש גליקליך און רוהיג לעבען, צו וואס אוועקפאהרען פון גליק?

איך האב זיך מיט דעם בעל בית, מיט דער בעל ביתטע און מיט זייערע קינדער געזעגענט זעהר ליעבליך, ווי אלטע גוטע פריינד.

און פאהרענדיג און זיצענדיג אויף דעם וואגען אנגערוקט אין דעם פעלץ האב איך נאך לאנג פון די גליקליכע מענשען געטראכט.

II.

פון דער צייט איז אוועקגעגאנגען א יאהר און עס איז נאך אמאל געוועזען ווינטער און בין ווייטער געפאהרען אויף דעם וועג פון יארמאלינעץ קיין פראסקוראוו. עס איז געוועזען א שליטוועגס און מיר זענען געפאהרען מיט א שליטען. דער וועג איז געוועזען אויסגעריבען, גלאט ווי אויף דעם טיש, דער שנעע טרוקען, דער פראסט האט געהאלטען און די לבנה האט געשיינט, א זעלטענער שליטוועגס. דער בעל-עגלה און די פערד זענען געוועזען פרעהליך און מיר זענען דאכט זיך ניט געפאהרען נור געפלויגען ווי מיט א רוססישע „טראיקא". א זעלטענע ווינטער נאכט, די פעלדער זענען אויסגעבעט מיט ווייסען פעך, קלאהר ווי זילבער, די גרויז גראהע בוימער שטעהען שטיל פארטראכט אין א גרויס טראכטונג און אזוי ערענסט ווי גלייך זיי האבען אין זייער לעבען ניט איין מאל איבערגעלעבט קאלטס און ווארעמס.

ווער קען וויסען זייערע מחשבות.

און דער שליטען טראגט און טראגט און אין דעם אנגענעהמען שטילקייט פאר-טראכט מען זיך אליין — ווי וואונדערליך ווי שאן גאטטס וועלט איז, מען פארגעסט אין די צרות, מען פארגעסט אין דעם שטענדיגען רעש אין דעם מענשענס קורץ שטיקעל לעבען און מען טראכט זיך, אלעס א'ז ניט שווער צו ליעב דעם זיסען לעבען, נור לעבען, לעבען און לעבען.

איך האב זיך דערמאהנט אין מיין פרוי אין מיינע קינדער און אללע מיינע גוטע פריינד וואס וואהנען אין דער גרויסער שטאדט ווארשא און זיך געטראכט: שאדע, שאדע וואס אין דער גרויסער שטאדט קענען זיי ניט זעהן די שאנע וואונדערליכע גאטטס וועלט ווי איך זעה זי דא אויף דעם פרייען פעלד, אונטערן פרייען הימעל, זיצענדיג אויף דעם פליהענדיגען שליטען און האבען דערמועלבען פערגעניגען וואס איך האב איצט.

און עס ווילט זיך מיר שרייען: פליהט זשע פערדלעך, פליהט שטארקער, שלעפט מיין שליטען שטארק איך זאל נאך מעהר פיהלען אז איך פליה — אז איך לעב.

דאס פרעהליכע איבערערען זיך צווישען מיין בעל-עגלה מיט זיינע לעבעדיגע פערדלעך און זיין צופייפען זיי פון גרויס שמחה לכבוד דעם גוטען שליטוועגס האט אללע מאל מיינע געדאנקען צושלאגען און האב זיך אללע מאל אין עפיס אנדערש דערמאהנט.

איך האב זיך אויך דערמאהנט ווי פאר א יאהר'ן ווינטער איז דא געוועזען א שלעכטער וועג און ווי איך בין פערשוארצט געווארן. איך האב זיך דערמאהנט אין די גליקליכע אין קרעטשמע ווען איך האב דאנן איבער גענאכטיגט, ווי מיר האבען זיך בעפריינדעט און ווי מיר האבען זיך געזעגענט ביים צושיידען זיך ווי אלטע פריינד און עס איז ביי

מיר פעסט געבליבען איצט איבערנאכטיגען אין קרעטשמע אונ זיך שוין פארגעשטעלט דאס פערגעניגען וואס איך וועל האבען פון דעם פארברענגען עטליכע שטונדען צווישען ליעבע אונ גליקליכע מענשען.

מיט עטליכע טאפ האבער וואס איך האב צוגעזאגט קויפען פאר די פערד האב איך ביי מיין בעל-עגלה געפועלט איבערנאכטיגען אין קרעטשמע.

אין א האלבע שעה ארום בין איך צוריק אין קרעטשמע געוועזען, זיך צושפילעט אונ צוגעארטעלט, ארבגעוואשען דעם פעלץ ווי ביי זיך אין דערהיים, זיי האבען מיך באלד דערקענט נור איך זיי... גאטט מיין גאטט! וואס פאר א גרויס פעראנדערונג אויף זיי אללע, אויף דער גאנצער הויז אונ אויף אללעס וואס געפינט זיך דארט.

קאלט, נאס, בלאטיג, ווי גליך עס איז שוין דא א יאהר ניט אויפגעראמט, די ערד איז שווארץ פארמיסטיגט, אויף די בעטען צוווארפען עטליכע קישען אין שמוציגע ציכען פון וועלכע פעדערן קוקען ארויס, פון דעם געפארבט באנק-בעטעל איז די גאנצע פארב אבגעקראצען, דער טיש איז געבונדען מיט שטריקלעך, אויף די שאפעס זעהט מען ניט מעהר קיין קופערנע אונ מעשענע כלים, ניט שאנער זעהט איצט אוים די ספאלנע וואו דאס פאר פאלג וואהנט, אויך די אייגענע אינארדענונג, די אייגענע בלאטע אונ שמוטץ, מאנטעפיורע הענגט איצט מיט דעם קאפ אין דער זייט אויף איין צוואק אונ אין דעם געגעראל איז אויסגעשלאגען דאס גלאז.

היינט זיי אליין ווי זעהען זיי אללע אוים שרעקליך! ווי איבערגעביטען! אללע אין דעם יאהר זענען אויף צעהן יאהר עלטער געווארן.

דער אלטער האלט זיך קוים אויף די פים אונ די אלטיטשקע איז פול מיט קנייטשען געווארן זי הוסט אפט צו אונ האלט זיך אויך קוים.

דאס יונגע ווייבעל האט א פנים ווי א יודענע פון א יאהר פערציג, דאס הארץ איינגעפאללען, די באקען איינגעצויגען, די האנד ווי די שטאקענס, נור אידרע אויגען זאגען אוים אז זי איז א סך יונגער ווי זי זעהט אוים. זי שטעהט איצט פאר מיר שוין מיט א קינד אויף די האנד איינגעוויקעלט אין איין אלט קאלדריבעל אונ קושט עס אללע מאל אונ שמייכעלט, נור אזוי אומגליקליך אז עס חאפט אן ביים הארצען.

נאך ערגער אונ שרעקליכער זעהט אוים איהר מאנן, דער פאראיאהריגער לעבעדיגער, זינגענדיגער יונגערמאנטשיק אין חאלאטעל מיט די קוטאסען.

עפים איז דאס געווארן איין איינגעהויקערטער דערשראקענער יוד אונ אללע אברים זענען אין איהם געווארן אויסגעצויגען: די בארד, די טשיאקעס, די נאז, אונ זיינע אויגען זענען טיעף איינגעפאללען, ער געהט אנגעטהון אין א אבגעבליאקעוועטע אלטע פערשמאלצעוועטע קאפאטע אונ בכלל האט ער א פנים פון א אויסגעמוטשעטען יודען וואס טראגט אויף זיך אללע יודישע צרות.

די אלטיטשקע האט באלד פערשטאנען מיין פערוואונדערונג אונ האט אהן ווארטער אלץ געשאקעלט מיט דעם קאפ, געאכקעט אונ געוויקעט.

– וואס איז ביי אייך אזוינס פארגעקומען , ווי געהט עס אייך ? האב איך געפרעגט .

– פרעגט גאר ניט מיין ליעבער יוד , איין גאטט זאל זיך נור מרחם זיין , האט זי געענטווערט מיט טרעהרען אין די אויגען .

– אבער וואס איז פארט אזוינס ? דערצאהלט .

– וואס זאל איך אייך דערצאהלען , מיין ליעבער פריינד , איך בין היינטיגס יאהר , פאר קיין יידען געדאכט , בדיל הבדל געווארן .

– מען האט אייך בעגנב'ט , בערא בעוועט ? האב איך אנגעהויבען טרעפען .

– חו"ש , זאל גאטט אפהיטען .

– וואס זשע דען ?

– די בריסט פאר קיין יודישע טאכטער געדאכט .

– די בריסט ? האב איך פערוואונדערט געפרעגט ניט פערשטעהענדיג וואס מיינט זי דערמיט .

– יא , די בריסט , האט זי נאך אמאל געזאגט אונ געשאקעלט מיט דעם קאפ אין דער זייט וואו דאס ווייבעל מיט דעם קינד איז געזעססען .

– נא איז וואס ?

– איז וואס ? פרעגט איהר , א קליינינקייט ! זי האט מיך אויסגעצויגען ביז אין לעצטען גראשען . אללעם פערזעצט , פארקויפט אונ איצט איז ניט דא א גילדען אין שטוב צו האנדלען אמאל א מאסטעל געדשטען אונ פערדיענען א גראשען אויף ברוידט , היינט די קינדער – א ווייבעל זויגט א קינד מוז מען זי צופילעווען אונ עס איז ניט דא מיט וואס .

– פון וואס זשע האט זיך ביי אייך דער אומגליק גענומען , ערשט פאר א יאהרען אין דער צייט איז אייך געוועזען קיין עין הרע אזוי גוט אונ איהר זענט געוועזען צופריעדען , בין איך איהר אריינגעפאללען אין די רייד .

– אודאי , אודאי זענען מיר געוועזען צופריעדען , אונ גאר ניט געוואוסט ווי גאטט אבצודאנקען פאר זיין גרויסען חסד צו אונז , הלואי אויף היינט געזאגט געווארן , רבונו של עולם , נור אז עס איז באשערט אומגליקען שיקט גאטט צו , פריהער האט גאטט צוגעשיקט די באהנען מיט די וואגזאלען אונ איצטער די בריסט .

– וואס זשע איז אזוינס געוועזען מיט די בריסט ?

– וואס עס איז געוועזען ? פרעגט איהר – אט וועל איך אייך דערצאהלען . מיין טאכטער (זי האט אנגעוויזען אויף דעם ווייבעל איהר איינינקעל וועלכע זי פלעגט רופען טאכטער) איז אין א גוטע שעה געלעגען געווארן פאר א יאהרען ווינטער , וואס זאל איך אייך זאגען צו אונזער גליק איז ניט געוועזען קיין גלייכען אין דער גאנצער האלבער וועלט , אזא טייער קינד האט זי געהאט עס איז אין זיין ליכטיגער צורה ניט אריינצוקוקען , מיינע ביינער זאל ער איבערלעבען , רבונו של עולם , נו , האט זיך אנגעהויבען מיט דער ברוסט , דאס קינד האט ניט געוואלט „אנגעהמען" , אונ אז דאס קינד האט שוין יא „אנגענומען" האט זי גלייך געשריען פון גרוים ווייטיג , דא האט „די מילך צוגע-

שְׁפַּאַרְט" אוּנ שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אַ רַאנֶע אִין דֶער בְּרוּסְט גֶעמַאכְט. וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ אַ סַךְ בְּרֵייעֶן, עֶס הָאט אוּנְז אָפְּגֶעקָאסְט „מָמוֹן מִיט דָמִים", מֶען אִיז עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעפָאהְרֶען אִין שְׁטָאדְט צוּם דָאקְטָאר, נָאכְהֶער הָאבֶּען מִיר אַ פָּאר מָאל אַרַאבְּגֶעבְּרַאכְט דֶעם דָאקְטָאר צוּ אוּנְז, אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אֵיין אוֹיג אִין קָאפּ! דָאס לֶעצְטֶע הָאבֶּען מִיר פַארְזֶעצְט אוּנ פֶערְקוֹיפְט אַבִּי אִיהר דִי יִסוּרִים פַארְגְרִינְגֶערְן אוּנ דֶעם קִינְד דֶערְוֵוייל אַ צְווֵייגֶערִין גֶעדוּנְגֶען. נוּ וָואס מֵיינְט אִיהר אִיז גֶעוָוארְן? — מַיינֶע שׂוֹנְאִים זָאלֶען הָאבֶּען גֶעשֶׁעפְּטֶען מִיט דָאקְטוֹירִים אוּנ אַפְּטֶעקֶען, עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַז מֶען דַארְף גָאר „הַאקֶען דִי בְּרִיסְט" אַזוֹי הָאבֶּען אַלֶע דָאקְטוֹירִים גֶעזָאגְט, נוּ הָאט מֶען גֶעהַאקְט, הַאקֶען זָאל מַיינֶע שׂוֹנְאִים אִין דִי קִישְׁקֶעס, אָט הָאט מֶען גֶעהַאקְט אוּנ עֶס הָאט זִיךְ דַאכְט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַארְהֵיילֶען אוּנ אָט אִיז פְּלוּצִים מֶען ווייסְט נִיט פוּן וַואנֶען אוּנ פוּן וָואס, ווידֶער עֶרְגֶער גֶעוָוארְן אוּנ מֶען הָאט ווייטֶער גֶעהַאקְט אוּנ גֶעהַאקְט. וָואס מִיר אַלֶע הָאבֶּען פוּן דֶעם „הַאקֶען" אִיבֶּערְגֶעלִיטֶען לִיעבֶּער יוּד, ווייסְט נוּר אֵיין גָאט, אִיךְ רֶעד שׁוֹין גָאר נִיט וָואס עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים הָאט קֵיינֶער פוּן אוּנְז נִיט אִין זִינֶען גֶעהַאט דִי פַּרְנָסָה אוּנ דִי עֶטְלִיכֶע רוּבֵּל אֲפִילוּ דִי קִינְדֶערְס פַאר הוּנְדֶערְט רוּבֵּל נְדָן וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען דָאס בִּין אִיךְ אַי דְ.שׁוֹין מוֹחֵל נוּר דָאס שְׁרֵייעֶן אִיהְרְס דִי גַאנְצֶע נַאכְט, דָאס מוּטְשֶׁען זִיךְ פוּן דֶעם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען קִינְד וָואס הָאט אַלֶע מָאל גֶעצוֹיגֶען דָאס פִּיסְקֶעלֶע צוּ דֶער מוּטֶער, אָט דָאס הָאט בַּיי אוּנְז צוּגֶענוּמֶען דָאס גַאנְצֶע גֶעזוּנְד אוּנ אוּנְז גֶעעֶלְטֶערְט אוֹיף צְוַואנְצִיג יָאהר אָט דִי דָאזִיגֶע בְּרִיסְט.

— אִיצְט גֶעלוֹיבְּט גָאט, הָאט דִי אַלְטִיטְשְׁקֶע זִיךְ ווידֶער אָנְגֶערוּפֶען נָאכְהֶער וָוען זִי הָאט זִיךְ מִיט דֶעם פַארְטוּךְ אוֹיסְגֶעווִישְׁט דִי אוֹיגֶען — אִיצְט אִיז זִי שׁוֹין ב"ה גֶעזוּנְד דָאס קִינְד הָאט וָואס צוּ זוֹיגֶען, קֵיין עַיִן הָרָע אוּנ גֶעלוֹיבְּט דֶער הַשי"ת נוּר עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין פַּרְנָסָה, נִיט דָא אַ מְזוּמָנֶער גְרָאשֶׁען אוֹיף צוּ הַאנְדְלֶען אוּנ מֶען הָאט זִיךְ נָאךְ פַארְשׁוּלְדִיגְט, גָאט ווייסְט וָואס פַאר אַ סוֹף עֶס קֶען זַיין.

מַיין בַּעַל־עֲגָלָה וָואס אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען זִיךְ אָנְוַוארְמֶען אוּנ דֶערְוֵוייל אוֹיךְ גֶעהֶערְט דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע מִיט דֶער בְּרוּסְט, הָאט זִיךְ פְּלוּצִים ווִי אוּנְטֶער דֶער נָאז אַ זָאג גֶעטְהוּן:

— נַאט, אָט הָאט אִיהר אַייךְ יוּדִישֶׁע עֲשִׁירוּת! גֶערֶעכְטֶען אַ בַּעַל בַּיִת, הַיינְט אוּיס בַּעַל בַּיִת; הַיינְט אַ בַּעַל־עֲגָלָה, לֶעגְט זִיךְ אַ פֶּערְדִיל, מָארְגֶען בַּיי יֶענֶעם אַ שְׁמַייסֶער. דָא אַ בְּרוּסְט, בַּיי דֶעם אַ פֶּערְדִיל אוּיס שְׁטָאדְט בַּעַל בַּיִת גֶעה ר' יוּדֶעלֶע מִיט אַ טָארְבֶּע אִיבֶּער פְרֶעמְדֶע הַייזֶער. „יוּדִישֶׁע פַּרְנָסוֹת, יוּדִישֶׁע עֲשִׁירוּת אִיז אַ עֶרֶב פֶּסַח'דִיגֶער שְׁנֶעע אוּנְטֶערְן שְׁלִיטֶען", אִיז דָא אַ בַּעַל עֲגָלָה'ש ווָארְטֶעל,

*

אִיךְ בִּין שׁוֹין ב"ה פוּן מַיין לַאנְגֶער רֵייזֶע עֶנְדְלִיךְ גֶעקוּמֶען אַ הֵיים קֵיין וַוארְשָׁא. אִיךְ הָאבּ מַיין פְּרִינְצִיפַּאל אָפְּגֶעגֶעבֶּען רֶעכְנוּנְג אוּנ עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען זֶעהר צוּפְרִידֶען פוּן מַיין רֵייזֶע, אַלֶע זַיינֶע קוּנְדֶען שְׁטֶעהֶען פֶעסְט אוֹיף דֶעם פְּלַאץ. זֵיי הָאבֶּען גֶעמַאכְט

נייע אויפטראגען און נייע וועקסלען געשיקט און צום סעזאן קומען די קונדען זעלבסט קיין ווארשא; מיין פרינציפאל לייזט נאך מעהר געלד און זיין פארטעפעל ווערט דיקער מיט וועקסעלעך פרימע די פרימע. באמת ווענען מען זאל ניט פרעגען וועט אייך יעדער זאגען אז זיי שטעהען פעסט אויף זייערע פלאצער. זיי זענען גבירים, עשירים, מען מעג מיט זיי זיכער האנדלען און קרעדיטירען.

דער סעזאן איז אויך אנגעקומען און ווירקליך זיי זענען אללע געקומען. די וועקסלען זענען געצאהלט געווארן אין דער צייט, טהייל זענען געקומען מיט די ווייבער און מיט דערוואקסענע טאכטער, טהייל וואס דארפען צום ווארשאווער סעזאן זיך צוזאממען פאהרען אנקוקען א חתן, טהייל זיך מאכען אין ווארשא די גארדעראב צו דער חתונה. מען איז א פאר מאל אבענדס צייט אין צירק אויך געוועזען, מיט איין ווארט גבירים עשירים, מען איז בעהאנגען מיט גאלד און ברילליאנטען.

מיין פרינציפאל גיט זיי ווייטער סחורה און בעקומט נייע וועקסעלעך פרימע דע פרימע.

מיין פרינציפאל איז א פראקטישער סוחר און א קלוגער מענש, ער האט אלץ ליעב זיכערע געשעפטען, א קליינעם פראצענט פארדיענען אבי האנדלען מיט פער־טעגליכע און לייטישע סוחרים; קליינע סוחרים'ליך לאזט ער אפילו אויף זיין שוועל ניט ארויף. נור ניט איהם פעסטע קונדען!

*

נאך פסח האט מיך מיין פרינציפאל געשיקט א נייע רייזע מאכען.

די ערשטע שטאדט וואו איך בין געקוממען איז געוועזען ב ר ע ס ט און מיינע קונדען האבען מיך באגעגענד מיט די ווערטער:

— איך צאהל ניט, איך דארף קיין סחורה ניט, איך בין אוים סוחר, שענקט מיר א נדבה אויף ברוידט צו דערהאלטען די נשמה פון מיין ווייב און קינדער.

— פאר וואס? וואס איז מיט אייך?

— איך בין אבגעברענט געווארן.

— וואס זשע איז אז אייער הייזעל איז אבגעברענט געווארן איז אייך שוין דען גאר ניט געבליבען? איהר זענט זיך געוועזען א גביר, איין עושר, אייערע טאכטער האט איהר צוגעזאגט צו געהן טויזענד רובל נדן!

— יא עס איז אמת, נור איך בין געוועזען א יודישער ע ו ש ר.

דא האב איך זיך ענטשלאסען איך זאל מעהר ניט פאהרען אין קיין שטאדט וואו עס האט געברענט, וואו מען דארף גאר מיינע פרימע קונדען געבען נדבות און בין אוועק קיין ב ר ד י ט ש ו ב.

— איך צאהל ניט, איך דארף קיין סחורה ניט איך בין אוים סוחר, שענקט מיר א נדבה אויף ברוידט.

— וואס איז מיט אייך , בערדיטשוב האט דען געברענט ? האב איך פערוואונדערט געפרעגט

— ניין , חו"ש , בערדיטשוב האט ניט געברענט נור ב ר ע ס ט , ד ו ב נ א , קאברין ...נאך א סך שטאדט האבען געברענט .

— וואס זשע קעהר זיך דאס אן מיט אייך בערדיטשובער ? וואס זשע דארט אייך דער קאפ וואס איהר ווילט ניט צאהלען ?

— עס דארט מיר בפירוש דער קאפ , ווייסט איהר דען ניט אז איין יוד ברענט אין ש פ י צ ע נ י ץ ווערען הונדערט יודען אבגעברענט אין פ ע ט ש ע ר א , חאטש זינט פעטשערא איז פעטשערא האט עס קיין איינציג מאל ניט געברענט .

איך האב דעם בערדיטשובער יודען אויך ניט פארשטאנען און בין געפאהרען ווייטער וואס ווייטער פון די שרפות און וואו איך בין נור געקומען קיין אדעססא , יעקאטערינאסלאוו , ראמען , ווילנא , קאוונא , און אין נאך א סך ניט געברענטע יודישע שטאדט , האבען מיר מיינע קונדען געגעבען דעם זעלבען ענטפער וואס דער בערדיטשובער יוד .

איך האב זיי קיינעם ניט פערשטאנען און בין מלא כעס געפאהרען צוריק קיין ווארשא און ערשט דא האב איך פערשטאנען .

דא אין ווארשא האב איך געהערט ווי מיין פרינציפאל ענטווערט אויך זיינע קרעדיטארען :

— איך צאהל ניט ! ברעסטער , דובנער , קאברינער יודען זענען אבגעברענט געווארן בין איך אויך צווישען זיי פארשרפה'ט געווארן איך צאהל ניט . . .

און דא האב איך זיך דערמאהנט אין מיין בעל עגלה'ת ווארטער : „נאט אייך , אט האט איהר אייה יודישע עשירות , דא א ברוסט , דארט א פערדיל" און דא האט ביי א יודען א שטובער אבגעברענט ווייטער אוים יודישער עושר !

אין שטוב אונ אין גאס

(פעליעטאן)

וואנד האבען אויגען
נאסען האבען אויהרען.
(יוד. כפר כוילרטער)

I.

מיר דאכט זיך אז מע שרייבט פון דעם יודישען לעבען קען מען גאר קיין בעסערען נאמען נישט אויסטראכטען, ווארין ווי דען געפינט זיך אונ לעבט אב זיינע יאהרען דער יוד, אז ניט אין שטוב אדער אויף דער גאס? איהר וועט מיר אפשר זאגען אז א יוד לעבט אויך אין קלויז, אין באד, אונ אין נאך אנדערע ערטער; דאס זאגט איהר אפילו אמת, ווייל דער יוד געפינט זיך אימעטום, אפילו דארט ווי מען פארזייעט איהם נישט וואקסט ער אויך אויס, נאר עס פאסט ניט אזא לאנגער אימגעלומפערטער נאמען ווי דער יודישער גלות.. נאך אייער מיינונג וואלט מאן פעלליעטאן פון דעם יודישען לעבען בעדארפט טראגען אזא נאמען: „אין שטוב, אין גאס, אין קלויז... אונ... א. ז. וו." עס פארשטעהט זיך אז איך הייבט נישט אהן צו אַרען, ביי איך, יודישע לעזער, איז ב"ה שטענדיג אלץ איינס א יוד האט ליעב אז ער קויפט דעם בוך זאל זיין אבגעדריקט פון אללע פיער זייטען, חס ושלום ניט איבערלאזען קיין פיצל ליידיג פאפיר — „עס קאסט דאך געלד". האדיוועט איהם מיט שטרוי. מיט באבאלי פאפיר, איז ביי איהם גאר קיין חילוק נישט, אבי מע זאל איהם אבוועגען אזוי פיעל פוד סחורה פאר זיין געלד. יודען האבען תמיד ליעב צו האנדלען בכשרה מציאות. האנדעלט איהר א ביכיל ביים מוכר ספרים-ניק צו לייגען פרייטאג צונאכטס נאך די ארבית, אדער שבת ביי טאג נאך די בארלעך מיט יויך. אונ דער מוכר ספרים-ניק פאר לאנגט ביי אייך פאר א ביכיל 20 קאפ', פרעגט איהר איהם: סטאטש, אזוי פיעל געלד פאר אדינן ביכיל? איהר

זוכט דווקא אוים אגראב בוך מיט א סך בלאטליך! צו דם ביכיל וועט אפשר נאר נוצען
אויף "אשר יצר" פאפירליך. דאס איז אלין איינם. אבי עס זאל סטאיען צו ליינען
אויף עטליכע שבתים.

וואס דען! ליינען די נייע ביכער וואס ווייזען אן אויף אונזערע פעהלער,
מעהר האבען רחמנות אויף אונזערע ארימע ברידער: ערציהען בעסער די קינדער;
די שטאדטפיהרער זאלען מאכען בעסערע איינפיהרונגען אין קהלים געשעפטען כדומה?

ביי די יודישע לעזער איז איינגעערדט אין הארץ אז מע מיינט דאמיט גאר נישט
זיי, מע מיינט איינעגטליך קיינעם נישט, נאר אי וואס — מען שרייבט? דאס
איז גלאט אזוי, וואס דען זאלען די שרייבער שרייבען? זיי מוזען דאך אויספילען
דאס ביכעל אויף אללע זייטען — דערפאר נעמען זיי דאך געלד. וואו־זשע זאלען זיי
נעמען שטענדיג נייעס? מוזען זיי אויסטראכטען אללע מאהל נייע ביכלעך — לאז
דער עולם האבען צו ליינען שבת נאך דעם עסען אז מע האט זיך שוין אויס־
געשלאפען אונ עס בלייבען נאך עטליכע שעה ביז צום ציגארשטערן.

נאר קעהרען מיר צוריק צום עיקר — אין די יודישע גאסען אונ שטיבער,
מיניה וביה וועלין מיר אפט אריינגעהן אויף א ווייל'ע אין קלויז, אין בית המדרש,
אין שול אונ אין אללע אנדערע ארטער ווי יודען פארזאמלען זיך, אפילו, איך
בעט איבער אייער כבוד, אין באד, וועלן מיר אויך אריינגעהן, וויער ווייסט עס ניט אז עס
פרומע יודען פארברענגען א שאן ביסעל יאהרען פון זייער לעבען אין באר. מיר וועלין זיך
צוהארען וואס זייא רעדען צווישען זיך, וואס זייא ווילען, וואס זייא טהון אונ
טראכטען אונ ווי אזוי זיי לעבען. כדי איהר זאלט אבער ניט מיינען אז איך
בין פון די וואס האבען נאר ליעב צו צוזאגען אונ זענען נישט מקיים, וועל איך
אייך טאקי באלד ארויפיהרען אין [illegible].

II.

פאר וואס מוז איך גראדע אנהייבען פון דער באד? אז איך וועל אייך דערצעהלען
די מעשה פון אנהייב ביז אין סוף וועט איהר זעהן אז איך בין גערעכט. די
מעשה דערפון איז אזוי געווען: איידער איך בין געווארין א שרייבער בין איך
געווען אלעזער גלייך מיט אייך, איך האב זעהר געוואלט ווערין א שרייבער ווי
אסך פון אייך. נאר ווי אזוי ווערט מען א שרייבער? איך זאל וואללען באקומען
א טשין, ווערין א באראן, באקומען א מעדאליע וואלט איך שון געוויסט וואס צו

טהון און מסתמא וואלט איך מיינס אויסגעפיהרט, איך זאל וועללען ווערין א גבאי ביי חברה קדושה, צו אין א ביקור חולים, א סטאראסטא, א סבארשטשיק, א טשלען פון דער אופראווא, וואלט איך וועמין מען דארף אנגעהאדיוויט מיט גריוון, מיט גיבראטענע פיפיקים מיט געפילטע העלזליך און מיט קאטשקיליך — און וואלט מסתמא מיינס אויסגעפיהרט.

איך זאל וועללען ווערין א רב, א שוחט אין א קליין שטעדטיל, א גבאי פון מעמדות געלד, א נובערנסקי גבאי פון ר' מאיר בעל נס פושקע. צו אזוי איין איינקיל, א בעל שם, א טרעפער אויף אויסצונארען געלד. וואלט איך שוין געוויסט ווי אזוי צו פועלין ערגיץ א יחוס בריעף און, וואלט אויך מיינס אויס געפיהרט. איך זאל וועלין ווערין איין „אינטעלעגענט" וואלט איך אריין אין א הויכען קאפעליש. אין קורצע קליידער, געזייפט זיך די האנד און געריבען די צייהן מיט א פראשיק פון פעטערס־בורגער „חימיטשעסקי לאבאראטאריא", פארלאזט אלאנגען נאגעל אויף דעם מינסטען פינגער ווי ביי א קליינשטעדטעלדיקען שוחט וואס איז אין איין וועגס א מוהל מיט דעם גראבען פינגער — און וואלט שוין געוועזן א פארטיגער „אינטעליגאנט"

אבער, אבער — ווי אזוי ווערט מען א שרייבער?

לאנג, זעהר לאנג האב איך ארום דעם געטראכט, געמיטשעט מיין קאפ און ניט געפונען קיין שום מיטטעל ווי מען קען ארויסקריגען א רעצעפט צו ווערין א שרייבער, פלוצים האט מען מיר געבראכט „בארנעס" א בוך, איך האב אנגעהויבען צו בלאטטערין דערזעה איך ווי עס שטעהט געדרוקט: א גרינג מיטטעל זיך אויסצולערנין אין דריי טאג צו ווערין איין אריגינעלער שרייבער. עס פארשטעהט זיך אז איך האב מיך ווי א הונגעריקער וואלף געווארפען אויף דעם בוך און אנגעהויבען לייענען:

„עס איז דא מענטשען און ביכער וואס ווייזען אן א מיטטעל ווי מען קען זיך
„אויסלערנין "לאטייניש, גריכיש, פראנצאזיש, דייטש אין דריי טאג, בוכהאלטונג
„מיט רעכענען אפילו אין דריי" שעה, נאר ווי אזוי מען זאל ווערין א גוטער אריגינעללער
„(דאס הייסט נישט קיין נאכמאכער)" שרייבער האט נאך קיינער נישט אויסגעטראכט.
„עס איז אבער דא זעהר א גרינג מיטטעל זיך אויסצולערנין צו ווערין א שרייבער.
„מען דארף דאצו נישט ענדיגען קיין גימנאזיום מיט אוניווערזיטעטין, און טאמער
„האט איהר יא עפים אמאל אויסגעלערנט אין די שקאלים, צו ביי א לעהרער, צו
„אליין, זאלט איהר למען השם זיך סטארין ווי צום גיכסטען אלץ צו פאר געסען
„וואס איהר האט נאר אמאהל עפים געקאנט און געוויסט. — דערנאך זאלט איהר
„נעמען א פען און עטליכע בויגען פאפיר און דריי טאג דורך אנאנד זאלט איהר

אהן פאלשקייט אונ אהן חניפה שרייבען וואס עס וועט אייך קומען אין קאפ אריין: שרייבט פון זיך אליין, פון אייער ווייב, פון אייער גוטע פריינד, פון שיינע יודען, שטאדט פערזאנען, שרייבט פון די בעלי בתים ביי וועלכע איהר דיענט א.ז.וו. נאך דריי טאג אז איהר וועט איבערלייענען וואס איהר האט אנגעשריבען, וועט איהר זיך פארוואונדערן איבער די שאנע געדאנקען וואס זענען ארויסגעגאנגען פון אייער קאפ". —

איך בין פשוט פערצאפעלט געווארין פאר גרוים פרייד... צום ערשטען האב איך אויפגיהערט צו לייגען גאזעטען אונ ביכער, איך האב אנגעהויבען מיך צו סטארין אלץ צו פארגעסען וואס איך האב אמאל געלערנט. אזוי זענען אוועק געגאנגען עטליכע טאג, דער נאך האב איך גענומען אפען אונ פאפיר אונ האב אנגעהויבען שרייבען וואס עס איז מיר געקומען אין קאפ אריין; פון מיינע בעלי בתים, פון אונזער קלויז, בתי מדרשים, חברה קדושה, גבירים, שאנע יודען, רבנים, פון דער ערציהונג יודישער קינדער, פון יודישער ליטעראטור פון יודישע מלמדים, מחברים הערויסגעבער אונ נאך אונ נאך.

נאך דריי טאג האב איך אנגעהויבען איבערלייענען, אונ בין פשוט דערשראקען געווארין, א ציטערניש איז מיך באפאללען אז איך האב געטווזט לאזען שפריצען אויף מיר קאלט וואסער אונ צולעגען אייז צום בויך, עסין קנאביל מיט זאלץ אונ מיך לייגען אין בעט אריין.

III.

גאטט מיין גאטט! האב איך צו מיר געזאגט, אז איך בין צו זיך געקומען: ווען איך זאל אבדרוקען וואס איך האב געשריבען אהן פאלשקייט אונ חניפה אויף מיין ווייב, וואלט זי געווים אויפן אנדערן טאג געשריגען אז איך זאל איהר געבין גט, זי וואלט מיר צוגעצאהלט אין בייטיל אריין, אבי מיינער פטור צו ווערין, אונ איך וואלט געבליבען א לעבעדיגער אלמן, ווייל קיין שום לעזערין פון מיין פעלליטאן וואלט באין אופן נישט געוואלט חתונה האבען פאר מיר אונ מיר וואלט געווים אויסגעקומען צו פארזיצען ביז אין גרויען צאפ.

ווען איך זאל דרוקען דאס וואס איך האב געשריבען איבער מיינע בעלי בתים וואלט מען מיר באלד אבגעזאגט פון מיין שטעללע אונ קיין שום אנדערער בעל בית וואלט מיך נישט געוואללט צו זיך צו נעמען אפילו איך זאל איהם צוצאהלען:

ווען איך זאל דריקען דאס אלץ וואס איך האב אנגעשריבען אין די דריי טאג

וואלט מען מיך אין קלויז נישט מעהר אריינגעלאזט, דער בעל טאקסע וואלט מיר געגעבען לויטער ביינער פאר פלייש, די רבנים וואלטען אללע מיינע שאלות טריפה געמאכט. דער שול גבאי וואלט מיך קיין מאל נישט אויפגערופען, קיין שום יודישע צייטונג וואלט מיינע ארטיקלען ניט געדרוקט, די חברה קדושה וואלט מיר קיין שטיקעל ערד נישט געגעבען נאך מיין טויט.

א גוט געשעפט חלעבין, צו זיין א שרייבער! וואס האט עס מיר געטוינט אין גאנצען! איז דען נישט בעסער גיט צו זיין קיין שרייבער און לעבען בשלום מיט דער גאנצער וועלט?

האט מען דען ליעב א שרייבער? וואס פאר א זעלטענער שרייבער עס זאל זיין, האט מען איהם פיינד. אי וואס איטליכער האט ליעב מיט איהם צו רעדען און מען לייענט זיינע ביכער — דאס איז נאר דערפאר וואס מען וואונדערט זיך אויף איהם... אבער ליעב האט מען איהם נישט! פארקעהרט אויף יעדען שריט באקומט ער נייע אומזיסטיגע שונאים; היינט וואס פאר א נוטצען איז, וואס פאר א חשבון וועל איך האבען אז איך זאל ווערין א שרייבער? אפשר מאטעריעלע נוצען, וואס שרייבער פון אנדערע נאציעס האבען, אז זייא קענען זיך אפילו אויפבויען פאלאצען אין פאריז? מיר דאכט זיך א קינד אין דער וויעג ווייסט שוין וואס פאר א פארמאגען א יודישער שרייבער מאכט פון זיין שרייבען. בארא‍נים זענין די וואס שרייבען', האב איך געזאגט. איך וויל אזא נאר נישט זיין. איך וויל בעסער לעבען מיט מיינע ברידערליך „חאטא-פאקרישקא": וואס איך וועל זעהן וועל איך פערשווייגען, גלייך מיט אללע, וועט מיר אויך זיין גוט. אוים שרייבער! מען זאל מיר אפילו צוצאהלען וויל איך אויך דאס נארישקייט ניט טהון. — שלום עליכם, מיינע ברידערליך! איך בין מיט אייך... גלייך מיט אייך... איך האב ווידער אוים געשריבען צייטונגען און בוכער און ווייטער אנגעהויבען לייענען...

IV

עס איז אוועקגעגאנגען א קליינע צייט האט מיך ווידער אנגעהויבען עפים גענוזלען עפים גלוסטען — וואס למשל? האב איך נאך אליין ניט געוויסט, נור וואס שפעטער און שפעטער האט מיך מעהר אנגעהויבען צו ארען יעדע זאך וואס איז אויסגעקומען קרום און שלעכט אין מיינע אויגען. איך בין אללע מאל צוגעלאפען צו מיין שרייב-טיש און האב געשריבען. וואס? האב איך מיך ווייטער

געפרעגט? ווייטער ווערין א שרייבער? ווער גענטה עס מיך דער צו? עפים נאר ווי א גיטנוטער זיצט אין מיר אונ טרייבט מיך אללע מאל צום שרייב-טיש! איצט פארשטעהט איך שוין פארוואס עס געפונען זיך מענשען נאראנים וואס ווערין ניט מיהד זייער גאנץ לעבען שרייבענדיג, אפנים אז ביי איטליכען שרייבער זיצט א „גיט גוטער" אונ רעדט איהם איין ער זאל אללע טאג, אללע וואך שרייבען, אז ניט וואלט ער דאס נארישקייט נישט געטהון. בארעכענט נאר גוט: יעדער קען פארשטעהן אז דער מענש וואס איז געוואָרין אונ קאן זיין א שרייבער, איז נאטירליך קליגער פעהיגער אונ האט מעהר פערשטאנד פון די וואס קענענען ניט זיין קיין שרייבער ווען ער זאל זיך פארנעמען מיט דעם וואס די פארנעמען זיך, וואלט איהם געוויס געווען בעסער אונ גרינגער צו לעבען אויף דער וועלט, ווי אז ער פארנעמט זיך מיט יודישע שרייבערייי, אונ אפשר נאך בעסער ווי די וואס לעבען זיך בשלוה, זיי געהט נישט אן די גאנצע וועלט זאל זיך שטעלין קאפויר, פאר זייערע אויגען מעגען זיך אללע טאג איבערטהון אללערליי פערברעכען געגען דער גאנצער מענשליכקייט, א קענען זייער רעליגיע, זייערע אייגענע ברידער, דאס אַרט זיי ווי דער פאר א יאהריגער שנעע, אבי זיי איז גוט זיי זאל זיין ווארים אין בייטל. אפילו אלליין טהון אללע פערברעכען אבי זיך ניט פאפאדין אויף דעם צימביל!...

נאר וואס טהוט דער: דער פעהיגער, דער וואילער, דער קלוגער, דער ווס דיא נאטור האט איהם אריין געגעבען מעהר פערשטאנד? ער גיט זיך אב זיין גאנץ לעבען מיט שרייבעריי, וואס האט ער אבער דאפון? עס טראגט איהם אפילו ניט האלב בכבוד צו לעבען, ער איז שטענדיג אין נויטה, אין צרות, ער איז מעהר קראנק ווי געזונד, ער ווערט פאר דער צייט גרוי אין אלט זיין ווייב אונ קינדער איז ער נישט אימשטאנד צו געבען וואס אנדערע ווייבער אונ קינדער האבען אונ אז ער ווערד אלט אונ בלינד אונ קען שוין נישט שרייבען, פארשטעהט שוין יעדער ווי אומגליקליך ער איז.

ווי זשע קומט עס אבער? ווי קומט עס אז אזוינע פעהיגע, קלוגע מענשען זאלען טהון דאס נארישקייט אונ ווערין שרייבער? די תשובה קען מען נאר געפונען אין דעם גלויבען אז ביי איטליכען שרייבער זיצט א „גיטנוטער", וואס לאזט איהם קיין רוה נישט אונ צווינגט איהם צו שרייבען.

איך האב מיך פשוט צו ווייגט פאר וואס נאטט האט מיך באשאפען אזוי אומגליקליך אונ האט אין מיר אריינגעזעצט א „גיטנוטען". איך האב שוין געוואהללט פאהרען צום טאטער, ער זאל מיר ארויסטרייבען דעם „גיטנוטען". איך האב מיך

אבער דערמאנט אז אויף דער וועלט געשעהן זעהר פיעל נארישקייטען און פון דעסטוועגין טהוט דער מענש די נארישקייטען מיט גרויס פארגניגען און זאגט אז זיי זענין גאר גיט זיי זענין פיין און ניצליך. אט ווי א שטייגער דאס וועלט נארישקייט וואס מיין שכן האט מיר דערצעהלט.

V.

מיין שכן וואס וואהנט מיט מיר אונטער איין דאך איז שוין א גאנץ אלטער מענש און א קראנקער פאר אלטקייט, פון דעסטוועגען איז ער נאך זעהר א שאנער מענש, זיינע ווייסזילבערנע האר פאסין איהם צו זיינע שווארצע גרויע אויגען פונקט ווי זילבער אויסגעהעפט אויף א שווארצען סאמיטענען קישען. איך פלעג אפט צו איהם צרייגעהן פארברענגען די צייט, נור אז איך בין איצטער קראנק געווארין און געלעגען אין בעט, איז ער געקומען מיך מבקר חולה זיין, ער איז געקומען אין דער צייט ווען איך האב געטראכט ווי אומגליקליך איך בין וואס איך מוז טהון דאס נארישקייט און ווערין א יודישער שרייבער. איך האב מיך מיט זיין קומען זעהר דערפרייט איך האב געוויסט אז ער וועט מיר מיט זיין זיס מויל ארויסטרייבען מיינע טרויעריגע געדאנקען, מיר האבען תחלת גערעדט פון היינטיגע שלאפקייטע פון היינטיגע דאקטוירים, דערנאך האבען מיר אנגעהויבען צו שמועסען פון וועלט זאכען אז צום סוף איבערגעגאנגען אויף וועלט נארישקייטען.

— אט וועל איך אייך דערצעהלען וואס פאר א גרויס נארישקייט איך האב געטהון אין מיין לעבען — האט ער מיט א שטיל קול אנגעהויבען: איך בין אמאל געוועזען א יונגער מאן, א שאנער, א געזונטער. בלוט און מילך, איך בין געוועזען א חאלאסטאי און האב געלעבט פריי ווי איך האב געוואלט. אומעטום איז מיר געוועזען פרעהליך, יעדע זאך האט שפילענדיג געקוקט אויף מיר, געהאריוועט האב איך ווינציג, ווייל פאר מיר אליין האב איך קיין סך נישט בעדארפט האבען. עס איז מיר פון מיינע פערדיענסטען נאך איבערגעבליבען גענוג צייט און געלד מיר צו פארגניגען די גרעסטע פארגניגען פון דער שאנער וועלט, פליצים בין איך משוגע געווארין און האב חתונה געהאט . . . .

. . . . . . דאס ווייב האט מיר אנגעהויבען שטערין אין מיין פריי לעבען. זיא הט פערלאנגט איך זאל לעבען ווי זיא וויל דערנאך הט זיא אנגעהויבען האבען קינדער, איך בין געווארין א גרעסערער בעל הוצאה. איך האב גענומט קעגה־

הארויין, וועניגער שלאפען און עססען, איך האב געהארעוועט גאנצע טאג אין אז איך בין שפעט און מיהד אהיימגעקומען האב איך ביי נאכט קיין רוה נישט געקאנט האבען איבער דעם ליארם און דעם געוויין פון די קינדערליך, מיין ווייב האב איך אבער ליעב געהאט. אז די קינדער זענען עלטער געווארען האב איך זיי אנגעהויבען לאזען לערנען. נאר אזוי ווי דאס מעהר קינדער האבען זיי אויך נישט געוואלט. איך האב זיי געמוזט שטראפען, שמייסען, האטש דאס הארץ האט מיר דאביי שטארק וויי געטהון. אזוי זענען אוועק געגאנגען יאהרען ביז איך האב די קינדער בעדארפט חתונה מאכען, דערווייל האבען זיי מיך אויסגעבראכט ביז צום לעצטען גראשען. זיי האבען ביי מיר צוגענומען דאס גאנצע געזונד. איצט בין איך שוין אלט און קראנק, די קינדער זענען פארנומען מיט זייערע ווייבער און קינדער דעם אלטען טאטען פארגעסען זיי און אז זיי האבען שוין נאר נישט פון וואס צו רעדען דערמאנען זיי זיך אן איהם אמאהל אין איובל, מיין ליעב ווייב איז מיר אויף דער עלטער אוועקגעשטארבען און איך האב שוין אפילו נישט פאר וועמען מיר אויסצורעדען דאס הארץ. מיט איין ווארט, פאר אזא נארישקייט וואס איך האב אמאל חתונה געהאט און בין געוועזען א מילדער טאטע צו די קינדער, בין איך איצט אויף דער עלטער עלענד ווי א שטיין. דאס איז דער לוין פאר מיין הארעוואניע פאר מיין ערהליך לעבען וואס איך האב געפיהרט . . .

מיין אלטער שכן האט אויפגעהערט צו רעדען, נאר זיינע האנד האבען אנגעהויבען שטארק צו ציטערן, איך האב פון איהם מיינע אויגען נישט אראבגעלאזט, עס האט זיך מיר אויסגעדאכט אז זיינע גרייז־גרויע האר און זיינע שווארצע אויגען זענען בלאס געווארן, איך האב געזעהן וויא צוויי קאלעכדיקע טרעהרען האבען זיך אויף זיינע דארע באקען אראבגעקאטשעט און זענען פארלוירען געווארען צווישען די האר פון זיין ווייסער בארד, דערנאך האב איך פליצים דערזעהן ווי א זיסער שמייכעל האט אנגעהויבען זיך ווייזען אויף זיינע ליפען, זיינע שווארצע אויגען האבען אבליץ געטהון, פונקט ווי די זון געהט אויף אין א חמארעדיגען טאג . . . און ער האט ווייטער אנגעהויבען צו רעדען:

— דאכט זיך, מיין פריינד, אז עס איז א גרויס נארישקייט וואס איך האב חתונה געהאט, נאר אז איך דערמאן מיך און דערזעה אז צווישען מיינע שלעכטע קינדער איז דא איין קינד וואס פיהרט זיך אין איינע זאכען אזוי ווי איך האב איהם געלערנט און אזוי ווי איך האב געוואלט, בין איך גליקליכער פון דער גאנצער וועלט, היינט שטעלט אייך פאר מיין פרייד און מיין גליק אז צווישען מיינע

איינציקלעך ווייזען זיך איינציגע וואס וועלין זיך פיהרען צו גאטט און צו לייט. יא, מיין פריינד, אז איך זעה דאס, פארגעס איך אללע מיינע צרות, איך פיהל מיך גליקליך. איך האב מיין וועלט נישט פארברענגט אומזיסט. איך וועל רוהיג שטארבין און מיינע לעצטע ווארטער אויף די ליפען וועלין זיין: „איך האב גליקליך געלעבט, איך שטארב רוהיג און צופרידען . . .

אז מיין אלטער שכן איז פון מיר אוועקגעגאנגען און האט מיר געווינשען א רפואה שלימה, האב איך איהם לאנג נאכגעקוקט אויף דער טהיר דורך וועלכער ער איז אוועקגעגאנגען און האב מיך פערטראכט . . .

יא, אסך, אסך, „וועלט נארישקייטען" איז דא וואס מיר מענשען האבען עס ליעב צו טהון!

צו זיין א יודישער שרייבער איז אויך איינס פון די קארטין נארישקייטען וואס מיין שכן האט אין זיין יוגענד געטהון, נאר צוא וועל איך אויף דער אלטער אויך אזוי זיין „פון דעסט וועגען" צו פריעדען ווי מיין שכן? — ווער ווייסט!...
מיט איין ווארט איך בין ווייטער געווארען א שרייבער.

IV.

אז איך בין אויפגעשטאנין פון מיין קראנק. איז די ערשטע געלעגענהייט, וואס האט זיך מיר פארגעשטעלט צו שרייבען, געווען פון באד, חאטש איך געה גאר זעלטען אין באד אריין, ווייל איך האב פון קינדהייט אן פיינד א שוויצבאד איך האב אין מיינע קינדעריאהרען גענוג שלעק מיט צרות איבערגעטראגען דערפון וואס מיין טאטע פלעגט מיך אללע פרייטאג שלעפען מיט געוואלד אויף דער איבערשטער באנק, מיך כשר מאכען לכבוד שבת. די נשמה פלעגט מיר שיר ניט ארויס פאר שרעק . . . איך קען נאך איצטער די איבערשטע באנק, דעם גיהנם, נישט פארגעסען, די האר שטעלין זיך מיר קאפויר אז איך דערמאן זיך . . . פון דעמאלס אן האב איך פיינד א שוויצבאד, נאר אז איך בין אויפגעשטאנין פון מיין קראנק האט מיר דער דאקטאר געזאגט אז איך דארף האבען א שוויצבאד און עס פרשטעהט זיך אז א דאקטאר מוז מען פאלגען. ביי יודען הייצט מען אבער ערשט פרייטאג די באד, האב איך געמוזט ווארטען ביז פרייטאג, ווען אללע יודען זענין געגאנגען אין באד אריין לכבוד שבת.

איך וויל אייך ניט אנהייבען צו דערצעהלען ווי די גאס וואס פיהרט אין באד אריין, איז גאר קיין גאס נישט, נאר עפיס א גרויסע לאך מיט גרויסע שפאלטען

פון הוילע שלשלתין ; ווי איידער מעקומט אין באד אריין געהט מען איבער טהאלען און אין בערג, קאליזשים און גריבער, אז מעקען זיך ברעכען ריק און לענד, איך האב מיך גאר שטארק געווינדערט ווי אזוי יודישע ווייבער טרעפען צו זיך אהיים אז זייא געהן ביי נאכט פון דער באד ; איך קען דאס גאר נישט פארשטעהן ווי זיי געהן ווינטער אויף די גליטשיגע, פארפרוירענע בארג, מעמוז זאגען דעם אמת, אז אונזערע יודישע טאכטער מוזען געגוג איבערטראגען יסורים איבער זייער מקוה . . . היינט וואס פאר א לופט איז ארום דער באד, ווי יודען מאכען זיך ריין לכבוד שבת און יודישע טאכטער מאכען זיך כשר! ווי גאר א יודישע באד, מוז זיין געבען איהר אויסגעבויעט פון דער רעכטער זייט א „גארבארניע" (ווי מען מאכט אויס פעלל) און פון דר לינקער זייט א שטאדט אבטריט. : — איך וויל אייך ניט דערצעהלען ווי מען געמט צעהן גראשין באד געלד מיט א שעפעלע וואס רינט פון דריי זייטען, און פאר א בעזעמיל מיט פיהער צווייגליך און דריי בלעטליך גיט מען א חוץ פיער גראשען און ווי איך בין אריינגעגאנגען אין באד אריין האב איך געמוזט פאר־קאטשען די פאלים און עס האט מיר זעהר באנג געטהון וואס איך האב נישט מיט־גענומען מיינע טיעפע קאלאשין, — איך וויל אייך נאר דערצעהלען, אז ווען איך האב מיך אנגעהויבען אויס טהון, איז צו מיר צוגעגאנגען א קריסט וואס קען רעדען יודיש נער האט מיר שפעטער דערצעהלט אז עס איז שוין פופצעהן יאהר זינט ער דיענט אין דר יודישער באד און יעצט איז שוין זיבעצען יאהר אז ער האט אבגעדינט פינף און צוואנציג יאהר וואיענע סלוזשבא. ער האט מיר אויך אנדערצייגלט מעשיות פון די מלחמות וואס ער האט מיט געמאכט און ווי אזוי ער האט געקריגען מעדאליען. איצט לעבט ער אב זיין עלטער אין דער יודישער באד און איז צופרידן), ער האט א קוק געטהון אויף מיין געפרעסטער מאנישקע און געפרעגט: „פאריטסיא", ד. ה. צו וויל איך זיך לאזין שמייסין ? ווייל ער אליין איז דער שמייסער : איך האב איהם געענטווערט „יא" און ער איז שוין פון מיר נישט אוועקגעגאנגען. מיין אויס־טהון האט אנגעהויבען זעהר פיעל צו געדויערען, ווייל דאס ענגשאפט אין באד איז גיוועון אהן א שיעור אז איך האב אנגעהויבען אראבציהען די שטיוועל פון די פים און די ארבעל פון די האנד האב איך זיך פערפלאנטעט מיט יענעם האנד. און פים, אזוי אז איינער האט שטארק געהאלטען מיין האנד און געשריגען איך זאל אבלאזען זיין פוס און איינער וואס האט געהאלטין מיין פוס האט געשריגן איך זאל איהם אבלאזען זיין האנד. איך האב מיך קוים מיט צרות ארויסגעפלאנטעט פון דעם גרויסען ענגשאפט און בין זעהר צופרידען געוועזן וואס איך בין געבליבען ביי מיינע אייגענע האנד און פים — אנגעסען מיט שוויים האבען אויף מיר געשלאגען איידער איך האב

מיך אויסגעטהון. איך האב געפרעגט מיין שמייסער וועמין זאל איך איבערגעבען מיין אנטהון, נאר איבער די גרויסע קולות אונ געפילדער וואס אללע האבען אויף אמאל גערעדט אונ געשריגען אין באד האט ער באין אופן נישט געקאנט דערהערען וואס איך האב איהם געפרעגט. איך האב געזעהן אז איך קען בעסער נישט מאכען האב איך מיך מיישב געוועזן — איך וויל דערוויל אויך צוהערען וואס אללע רעדען אזוי געשמאק. ווי אזוי גיט איז, האב איך מיך אין דער זייט אנגעשפארט אויף מיין קלומעקיל אונ געהארט:

דער בעל טאקסע וועט טאקי אויספיהרען זיינס, האט געזאגט איינער וואס איז מיט איין האנד אריינגעקראכען אין איין ארבעל אונ מיט דער אנדערער איז ער געבליבען שטעהן נאקיט — ער וועט טאקי אויספיהרען זיינס...

— וואס איז דען דער בעל טאקסע שולדיג? האט זיך אריינגעמישט איינער וואס האט זיך נאר וואס אפגעשמיסען, די פארע איז פון איהם געגאנגען ביז אין דער סטעליע אונ ער האט מיט א שמייכיל אראבגעקוקט אויף זיין בייכיל אונ מיט די פינגער געקעמט די בארד, עס האט זיך אבער אויסגעוויזען אז ער קוקט אויף זיין נאז; — ווער איז שולדיג אז דעם נייען שוחט מוז מען צאהלען טהייערער מיט 2 קערבלעך א וואך? וואו זאל זיך דאס געמען אז מען וועט גיט נארבאוין 3 קאפ אויף א פונט פלייש?

מיר דאכט זיך, אז מען זאל נאר נאבאוין 1/4 קאפ' אויף דער אקע וועט עס שוין מעהר אויסמאכען וויא 5 רו"כ א וואך — האט געזאגט איינער וואס איז נאר וואס אריין מיט איין פוס אונ א פרעמד שעפעלע וואסער אונ מיט דעם צווייטען פוס זיך אנידערגעשטעלט אויף א פרעמד ווייס העמד. דער פון דעם העמד האט איהם פון דער באנק אראבגעוואָרפען, ער האט זיך ווידער אוסגעשמירט, אנגעהויבען צו זידלען אונ איז ווייטער אריין אין דער שוויצבאד זיך שמייסען אונ וואשען.

— וואס האט מען נאר בעדארפט א נייעם שוחט, אז דער אלטער האט שוין ביי אונז געדיענט א יאהר צעהן? האט זיך געהארט א שאלה פון א פארדימפען קול פון איינעם וואס האט אריינגעשטעקט דעם קאפ אין זיין העמד אריין. — יא, יא, וואס דארף מען נאר א נייעם שוחט? האט ער שוין געזאגט מיט א ריינער קול ווען מען האט שוין געזעהן זיין קאפ ארויסקריכען דורך דעם קאלנער פון דעם העמד.

— ביי אייך אפיקורסים איז אלצדינג רעכט. אפילו א שוחט מיט א חצופה'ש העמד — האט איהם געענטווערט א יוד וואס האט געדרעהט א לאנגע גראבע פאה אונ איז געבליבען שטעהן אין איין פלידער.

איך האב עפיס די לעצטע ווארטער נישט גוט פארשטאנין אונ האב געפרעגט

ביי מיינס א שכן וואס איז געזעסען אנגעשפארט געבען מיר שוין אנגעטהון איך דער יארמאלקע טראכטענדיג: „צו זאל ער זיך אנהייבען אנטהון“, אונ דערווייל מיט איין האנד זיך געגלעט דאס בייכיל אונ מיט דער אנדערער אבגעווישט די בלאטע פון די פלייצים וואס ער האט זיך אומגעערן אויסגעשמירט.

— וואס הייסט? איהר ווייסט גאר ניט? האט ער מיר געענטווערט פארווונדערט — איהר ווייסט גאר ניט די מעשה מיט אונזער שוחט מיט דעם חצופה'שן העמד:

— ניין, האב איך איהם געענטווערט, אונ בין נאך מעהר נייגעריג געווארין.

— חא, חא, חא! א פנים אז איהר קומט אן פון יענער וועלט. דאכט זיך א קינד אין וויעג ווייסט אויך פון דער מעשה

איך האב איהם דערצעהלט אז איך בין געוועזען קראנק אונ שטעה גאר וואס אויף פון קראנק, דערפאר ווייס איך גאר נישט אונ האב גאר נישט געהארט. ער האט מיר אנגעהויבען דערצעהלען:

— דעם אלטען שוחט האט מען תמיד געהאלטען פאר איין ערהליכען יודען, נאר זייט זיין יונגסטע טאכטער האט חתונה געהאט, האט מען אנגעהויבען מומלין, אז זיין אידעם איז א מין אונ ביי איהם אין שטוב, ווי אונזערע עופות ווערין כשר געמאכט, האט ער געליינט אללערליי הייניטיגע ספרי מינים. נאר קיינער האט דעם אמת אקוראט ניט געקאנט וויסען אונ מעהאט טאקי ווייטער געמומעלט אין אללע בתי מדרשים אונ צווישען די בעלי הבתים. אין דער איינער צייט איז צווישען די בעל בתישע אונ חסידישע ווייבער אונ ווייבלעך געווארין א ליארם, אז מעהאט געזעהן זיין טאכטער בשעת זי איז מחילה אין מקוה געגאנגען, ווי זי געהט אנגעטהון אין א העמד מיט איין אויסגעשניטענעם האלז אהן ארבעל, ווי אללע חצופות געהן, זיי האבען אנגעהויבען מומלען אז א זוינע חצופה'שע העמדער האט זי זיך צו דער חתונה געמאכט א גאנץ טוץ. נאר ווי זאגט מען — „אויף ווייבערשע מיילער אונ רייד טאר מען ניט שטעללען“. אבער גאטט קוקט אויף די רשעים אונ היט אב פון שלעכטס די צדיקים אונ ברענגט שטענדיג די עבירות פון דעם רשע ארויס ווי בוימעל אויפן וואסער. אט דאס איז געוועזען פאר צוויי וואכען פרייטאג האט זיך דער שוחט פארשפעטיגט אין בוינע, אונ האט שפעט געגעסען דעם "ראסעל פלייש. האט ער געזאגט צו זיין טאכטער: טאכטערנא, גרייט מיר גיך אן א ווייס העמד לכבוד שבת. ווארין עס איז שוין שפעט, איך דארף געהן אין באד אריין. זיין טאכטער האט איהם געענטווערט, אז זי האט איהם שוין לאנג אויף דעם בעט אנגעגרייט א ווייס העמד, (זי האט טאקי דארט אנגעגרייט פאר זיך א ווייס העמד אונ פאר דעם טאטין אויך). דער שוחט האט פאר איילעניש זיך ניט אומגעקוקט

און מיטגענומען דער טאכטערס העמד אין באד אריין. אז ער האט זיך אבגעשמיסען און אין דער מקוה אי״געטובלט, איז ער אריין אין זיין טאכטערס העמד. היינט שטעלט אייך פאר, אז מיר אללע, די שאנסטע בעלי הבתים, אונזער רב און אללע אונזערע חסידים האבען דערזעהן ווי אונזער שוחט איז פליצים געשטאנען אנגעטהון אין א חצופה'ש לאנג העמד מיט א ברייט אויסגעשניטענעם האלז אהן ארבעל. דער שוחט האט פאר אונז אללע זיך געמוזט מודה זיין אז דאס חצופה'שע העמד איז זיין טאכטערס און אללע בעלי בתים מיט דעם רב האבען מיט זייערע אויגען אליין געזעהן באשיינפערליך, אז אלץ וואס מעהאט גערעדט אויף זיין איידעם און פון זיין טאכטער איז אמת. טאקי דעם איינענעם שבת איז געווארען א צד אז מען וויל נישט דעם שוחט. צווישען דעם צד געפינט זיך אויך דער בעל טאקסע, ער איז פראוודא שוין לאנג אויף דעם שוחט באז געוועזן דערפאר וואס דער שוחט היט אב זיין זאך און לאזט דעם בעל טאקסע נישט קאמאנדעווין אין דער בוינע; דער שוחט וויל קיין מאל נישט קוקען אויף א שלאף ביקעל וואס דער בעל טאקסע שטיפט איהם אונטער און מאכט אזויגע ביקלעך שטענדיג טריפה. דער בעל טאקסע איז זעהר צופרידען וואס ער האט געפונען אזא גוטע געלעגענהייט און פאר איין עמער בראנפין מיט עטליכע געבראטענע קאטשקים האט ער זיך געמאכט א צד און מע שרייעט אז מעוויל ניט קיין שוחט מיט חצופה'שע העמדער מיט איין אפיקורסישער שטוב. דערווייל האט מען געפונען א נייעם שוחט. מען צאהלט איהם מיט 2 קערבליך א וואך טהייערער און דער בעל טאקסע האט ארויפגעווארפען דריי קאפ׳ אויף דעם פונט פלייש . . .

מיין שכן האט נאך מעהר געוואלט דערצעהלען, נאר מיין שמייסער האט זיך אריינגעמישט און האט מיר געזאגט, איך זאל מיך געהן שמייסען, ווייל מעהאט גאר וואס אויפגעגאסען. איך האב איהם ווידער געפרעגט וועמען איך זאל איבער-געבען מיינע זאכען. ווייל איך וויים אז אין באד האט מען די טבע צו גנבענען, האט ער זיי ביי מיר צוגענומען און איבערגעגעבען א יודען.

אז איך בין אריינגעגאנגען אין דער שוויצבאד האב איך ווייטער געהארט שמייסען פון אילערליי שטאדזאכען און וועלט זאכען, נאר עס איז דארט געוועזען אזא געשריי, אזא געפילדער אז איך האב גאר נישט געקאנט פארשטעהן, איך האב מיך נאר געוואונדערט ווי אזוי זיי פארשטעהן און ענטווערען איינער דעם אנדערען. דאביי א פינסטערניש, א טומאן פון דער פארע, א רויך — איך האב געמיינט פשוט אז איך געפין מיך אין גיהנם. איך בין קוים לעבעדיג ארויס פון דער באד.

דורך און דורך אויסגעשמירט מיט בלאטע. איך האב ביי מיין שמייסער גיבעטן מיין אנטהון.

— הע, אוטשיטעל! דאוואי אנטהון זיך! האט ער געשריגען אויף האלב יודיש און האלב רוסיש,

— וועמין רופסט דו אוטשיטעל? האב איך איהם פארווינדערט געפרעגט.

— דעם היטער פון דער באד. ווייל ער איז אייער שטאדטישער אוטשיטעל

איך האב די ווארטער גאר נישט פארשטאנין, נאר אז דער היטער האט מיר געבראכט מיינע זאכען האט ער מיר ערקלערט, אז ער איז אייגענטליך דער מלמד פון תלמוד תורה, נאר אזוי ווי זיין געהאלט איז זעהר קליין און זיין פאמיליע איז זעהר גרויס, האט עס איהם נישט געטראגען צו לעבען, האבען די שטאד בעלי בתים איהם געגעבען נאך איין אבשטשעסטווענני שטעללע — צו זיין היטער פון די זאכען אין באד אללע פרייטאג. מיט דעם צוזאמען האט ער שוין ווי אז גיט איז האלב צו לעבען.

*
* *

אנטהויענדיג זיך האב איך ביי מיר געטראכט, אז נישט אומזיסט האלטען בעריהמטע געלערנטע דאס יודישע פאלק פאר אוועלט רעטעניש. וואס מען דארף ערשט אויפקלערען וואס דאס איז אייגענטליך. באמת טאקי וואס איז א יוד וואס איז דאס פאר א מין ווינדערליך פאלק, די יודען? זאגט מיר איך בעט אייך צווישען וואס פאר א פאלק וועט מען געפינען אז א לעהרער פון א פאלקסשולע וואס דארף ערציהען קינדער, זאל זיין, אין איין וועגס, א היטער אין באד?

מיט די געדאנקען בין איך ארויסגעגאנגען פון דער באד נאכדעם וואס דער שמייסער און דער לעהרער — דער סטאראש, האבען מיר אנגעווינשען א „רפואה", ווי דער שטייגער איז צווישען יודען יאך א באד. איך האב נאטש געדאנקט אז איך האב דערפיהלט די פרישע לופט נאך דעם יודישען גיהינם וואס הייסט ביי אונז א באד!

V.

נאך א באד בין איך סיך שטענדיג נוהג, ווי איין עהרליכער יד, צו פאר זיכען די שבתדיגע פיש און דעם צימעס. דאס וועט מיר אפילו דער דאקטאר אויך נישט פארווערען, נאר איצטיגס מאל האב איך ניט געהאט דעם פערגניגען

וואס א ערליכער יוד האט פרייטאג נאך דער באד, ווייל ווי איך בין נאר ארויף געגאנגען דעם בארג האב איך מיט גרויס שרעק דער זעהן ווי מיין שטוב איז ארום געשטעלט מיט א סך מענשען, מען שרייט "פאזשאר„ מען טראגט שעפליך מיט ציבערס א. מען לעשט אזוי לאנג ביז די גאנצע שטוב איז אפגעברענט געווארן, דער נאך "שטעהענדיג אזוי געבען די שווארצע אלאוועשקעס האב איך זיך אנגעהערט מיט פערשיעדענע מיינונגען פון וואס דער פאזשאר האט זיך אנגעהויבען, דער האט געזאגט אז איינער איז געגאנגען מיט א ליכט אויף דעם בוידעם, דער — פון א אפאפיראס, דער פון אסאמאוואר אונ דער פון אפייערטאפ. ערשט דער נאך האב איך זיך דערוואוסט די ריכטיגע אורזאכע פון דעם פאזשאר, די אורזאכע איז די זעלבע וואס כמעט דאס מעהר יודישע שריפות הייבען זיך אן אין די יודישע קליינע שטאדטליך.

דאס מעהר שריפות ביי יודען הייבען זיך אן אום פרייטאג אז מען פארריקט טשאלענט אדער ווען מען גליהעט דעם אויבען — כשר צו מאכען אויף פסח.

א קליינשטאדטעלדיגע בעל־הבית׳טע אז זי מאכט שבת אונ פארריקט דעם טשאלינט, וואס דער טשאלינט באטרעפט: 1 פונט פלייש פאר 15 קאפ׳, גרויפענע קאשע 3 קאפ׳, א ביין מיט מארך אויף פעטשע — 2 קאפ׳, א קוגעל פון א בלעטיל לאקשען 3 קאפ׳, א פלאסטער ער זאל זיין פעט — אויך 2 קאפ׳, דארע באר‎ליך מען זאל האבען אויף נאך דעם טשאלינט — 1 קאפ׳, די איבעריגע 18 פארציעס וואס די יודען עסען שבת: 1 פארציע ציבעלעס, 1½ פארציעס רעטעך 1 פארציע, רעטעך מיט ציבעלעס, 1 פארציע ציבעלעס מיט רעטעך, 1 פארציע לעבערליך מיט ציבעלים, 1 פארציע איינגעהאקטען ביילק מיט ציבעלים, 1 פארציע אייער מיט ציבעלים, א פארציע ציבעל מיט שמאלץ, ציבעלם מיט בוימיל, אונ גלאט א ציבעלקעלע מיט זאלץ, טרעפט אן דער גאנצער טשאלינט 34 קאפ׳; סה״כ טרעפט אן 6 קאפ׳, אונ האלץ צום טשאלינט, וואס דער יוד קויפט ביים קריסט אונ צאהלט איהם מזומן געלד, געהט אוועק פאר א קערביל, די פרומע בעל־הבית׳טע זשאליוויט נישט קיין האלץ אבי זי זאל האבען ג הייסען מלאך לכבוד שבת קודש אונ איהרע שכנים זאלען זאגען אז ביי איהר איז געראטע דער קוגעל. דערווייל צוהיצט זי זיך אונ עס פלאקערט ביי איהר דער אויווען א גאנצען פרייטאג ווי אין גיהנם, זי איז אזוי פארטראגען אז זי פיהלט אפילו נישט ווי דער שלייער דרעהט זיך איהר אויפין קאפ, אונ עס פעהלט נישט קיין פרייטאג אז איהר פעטע טראפקע (פון 2 ארשין די לאנג, 1 ארשין די ברייט, אונ 10 פונט די וואג) זאל ביי איהר זיך נישט צו קמאלען, זי באמערקט דאס ערשט דעמאלט, ווען איהר קלייד אין וועלכע די טראפקע איז איינגעשטעקט

הויבּט אָן צו בְּרֶענֶגען, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט שְׁטֶענְדִיג אוּיס אַז דֶער רַאסְפָּעלְפְלֵייש מִיט דִי פִּיש זֶענֶען פַאַרְסמַאלֶעט אוּנ שְׁמֶעקֶען נָאךְ רוֹיךְ דֶעסְגְלֵייכֶען פַאר פֶּסַח, וְשַׁאלִיווִיט זִי אוֹךְ קֵיין הָאלְץ נִישְׁט וֶוען זִי גְלִיהְט דֶעם אוֹיוֶוען אַ גַאנְצֶען מֶעת לֶעת אַז דִי וֶואנְד וֶוערִין צוּשְׁפָּאלְטֶען פַאר הִיץ, בִּיז עֶס חַאפְּט זִיךְ אָן דִי סְטֶעלְיֶע, הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַיי גְלִיהֶענִיש, אַז מֶע דַארְף כָּשֵׁר מַאכֶען דָאס גֶעפֶעס, וְוִיפִיעֶל אוּמְזִיסְט מְזוּמָן גֶעלְד אוּנ אַיבֶּרִיג הָאלְץ דָאס פְרוּמְקֵייט „כָּשֵׁר מַאכֶען" גֶעמְט צוּ בַּיי יוּדֶען, קֶענְט אִיהְר שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֶעהְן.

הַיינְט אִיז שׁוֹין עֶפִּיס אַ וואוּנְדֶער וָואס דַאנְק אַזוֹינֶע פְרוּמֶע וַוייבֶּר מַאכֶען זִיךְ אָפְּט שְׂרֵיפוֹת אִין דִיא יוּדִישֶׁע קְלֵיינֶע שְׁטֶעדְטְלִיךְ. וֶועלְכֶע פֶערְמֶעהְרִין אַלֶע יָאהְר טוֹיזֶענְדֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶע מֶענְטְשֶׁען ?...

— נָאר דָאס אִיז אָבֶּער בְּלָאטֶע ! אִי"ה אִיבֶּר אַ יָאהְר פֶּסַח אוּנ אִיבֶּער 8 טָאג שַׁבָּת וֶוען גָאטט וֶועט שֶׁענְקֶען דָאס לֶעבֶּען, טְהוּט מֶען וַוייטֶער אַזוֹי, אַבִּי דִיא שְׁכֵנָה טְרַיינֶע זָאל אוֹיף אִיהְר זָאגֶען, אַז יָאחְצִי אִיז אַכְּשֵׁרָה יוּדִינֶע אוּנ אַ הֵייסֶער מַלְאָךְ קָאכְט בַּיי אִיהְר דֶעם קוּגֶעל לִכְבוֹד שַׁבָּת.

אוּנ אַזוֹי אַדַאנְק אַפְרוּמֶע יוּדֶענֶע וָואס הָאט זִיךְ צִיפִּיעֶל צוּהִיצְט הַיינְטִיגֶען פְרַייטָאג בַּיים טְשַׁאלֶענְט-רִיקֶען אוּנ גֶעוָואלְט הָאבֶּען אַ הֵייסֶען מַלְאָךְ אוֹיף שַׁבָּת, הָאבּ אִיךְ אִין גַאנְצֶען גֶעהַאט אַ פַּאר שְׁטֶערְטֶען שַׁבָּת. —

אוֹי יוּדֶען! יוּדֶען! אֲפִילוּ אַ עֶהְרְלִיכֶער יוּד בַּיי אַייךְ יוּדֶען, אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין.—

א טשאד

א דראמא אין פיער טהייל

ערשטער טהייל

שרה'לע איז שוין געוועזן א מיידיל פון א יאהר ניינצען, זי איז אפילו ניט געווען קיין מיאוס מיידיל אונ אויך שאן געוואקסען. נאר איהרע האנד מיט אללע איהרע אברים זענען עפים אזוי ווי ניט געלעגען אויף זייערע ערטער – זי איז עפים ביי זיך געווען אבגעלאזט, דערצו זעהר פערצויגען, ווי עס פאסט פאר א בת יחידה, אזוי אז פאר דער מינדעסטער זאך האט זי זיך פארשעמט אונ פלעגט באלד רויט ווערין; ווער שמיעסט נאך אז זי האט אמאל געזעהן אדער גערעדט מיט א יונגען מאנן פלעגט זי זיך דערנאך אבסאפען אונ אברוהען א האלבע שעה, אדער זי פלעגט זיך מוזען לעגען אין בעט. אין אמתין האט זיך איהר געקענט טרעפען אמאל אין א יאהר צו רעדען מיט א יונגען מאנן למשל: אז א סוחריש קינד איז געקומען רעדען אויף איהר פאטער, פלעגט איהם שרה ענטווערן: „ער איז איצטער ניט דא אין דער היים, ער איז געבטען אוועקגעפאהרען, ער וועט מארגען קומען" אונ נאך אזוינע געצעהלטע ווארטער. דאכט זיך ניט אזא גרויסע תורה, דאך האט זי דאס מעהר צורודערט ווי א פארליעבט געבילדעט פריילין וואס האט צום ערשטען מאל איהר פארליעבטען זיך פאר איהר ארויסזאגען זיינע געדאנקען – אז ווען זי וועט ניט זיין אויף אייביג זיינע, וועט ער זיך נעמען דאס לעבען.

שרה'לע איז פון תמיד אן געוועזען א בת־יחידה בייא איהרע עלטערן, מען האט זי קיין מאל אויף א שפאן ניט אבגעלאזט אליין, צווישען מענשען איז זי אין איהר לעבען קיין מאל ניט געקומען: א בעל־בתיש יודישע טאכטער, כל זמן

זי איז א מיידיל דארף זי זיצען אין דער היים" פלעגען איהרע עלטערן אפט זאגען. איהר פאטער האט זיין „שרה׳ניאן" געוואלט געבען אזא ערציהונג, אז זי זאל אויס וואקסען באמת גוט אונ פרום, זי זאל זיך חס ושלום פון קיין שלעכטע מענשען ניט אבלערנען; מען האט שרה׳לען אבגעהיט וויא דאס אויג אין קאפ, מען האט אויף איהר קיין שטויב ניט געלאזט פאללען.

קוים האט שרה׳לע געעפענט די אויגען פונ׳ם שלאף זייגער עלף באטאג, איז זי זיך נאך א שעה אזוי געלעגען אין בעט, האט זיך געצויגען אויפין געלעגער, געגעניצט, זייגער צוועלף איז אריינגעקומען די מוטער אונ האט זי געבעטען אונ צוגעזאגט גילדענע בארג זי זאל איהר צוליעב טהון אונ אויפשטעהן, געמען עפיס אין מויל אריין. איינס א זייגער האט זיא שוין געטרונקען קאווע. ביז זייגער דריי איז זי שוין געווען אנגעטהון. זייגער פיער האט זי געגעסען מיטטאג, אונ דערנאך ביז אין דער נאכט איז שרהלי געשטאנען ביים פענסטער וואס געהט ארויס אויף דער גאס אונ געקוקט אויף אלערליי מענשען וואס געהען דארט אהין אונ אהער אונ האט בעטראכט אונ געשילדערט די מלבושים פון יעדער פרוי אדער מיידיל: די געהט אין שאנע, יענע אין אבגעריסענע קליידער, דער טראגט א זאקיל מעהל אויף די פלייצים, יענער א זאק קויהלין. די אללע מענשען האט זי אין פנים ניט געקענט, זי האט זיי ניבער געקענט אן זייערע קליידער. אויף דער נאכט האט מען געטרונקען טהעע, געגעסען וועטשערע אונ זיך געלעגט שלאפען. עס פערשטעהט זיך אז די מוטער האט געמוזט פריהער האלטען א לאנגע רעדע מיט גילדענע זייגערליך אונ בריליאנטענע פינגערליך ביז זיא האט געפועלט דאס בת יחידה׳לע זאל עפיס עססען אונ געהן שלאפען.

אזויא פלעגען ביי שרהלין אוועקגעהן טאג אונ נאכט, וואכען, חדשים אונ יאהרען ביז זי איז אלט געווארען, ביז הונדערט אונ צוואנציג יאהר, ניינצען יאהר. אויף פערענדערונגען אין איהר לעבען האט זי גאר ניט געווארט, חוץ וואס אז דער פאטער פלעגט קומען פון דעם דאווינין פון דער קלויז, פלעגט ער אמאל ביים טיש מאכען א שמיעס:

— הערסט דו, טאכטעראניא, היינט ביים דאווינין האבען מיר די שדכנים פארגעלעגט פון דיינעטוועגען זעהר א פיינעם שידוך אונ האבען שוין געוואללט איך זאל פאהרען אנקוקען. דער שידוך איז מיר אפילו געפעללען נאר פון דיינעטוועגען וועל איך ניט זשאלעווען איבריגע טויזענד קערבליך נדן אז איך זאל קריגען אזוינס וואס זאל זיין איין אנטיק — א פעפערעל. —

שרה׳לע האט דארויף גאר ניט געענטווערט, זי האט זיך ווי שטענדיג שטארק פארשעמט. נור ביי זיך אין הארצען האט זי איהם געדאנקט.

ביי אזוינע פרומע עלטערען צו פארשטעהן ווי עס קומט אז אזא מיידיל וויא שרה׳לע איז שוין אלט געווארען ביינצען יאהר און דער פאטער האט איהר נאך ניט חתונה געמאכט. איז דאס פראסט דערפאר, ווייל ער האט פאר זיין שרה׳ניאן געקליבען איין אנטיק און דאס ווייסט מען זיך, אז וויא באלד מען קלויבט געדויערט עס אידער מען קלויבט אוים.

מען מוז אייך דערצעהלען פון נאך איין זאך וואס האט געשפיעלט א גרויסע ראללע אין שרה׳לים לעבען:

אין דער שטאדט וואו שרהעלע וואהנט איז צוויי מאהל אין יאהר א גרויסער יריד, אויף דיא ירידים פלעגט אויך קומען שרה׳ס א פעטער (איהר מוטערס א ברודער) ר׳ אייזיק אייזמאן, קויפען און פארקויפען ווייץ. ער איז געווען א האלבער דייטש, א האלבער יוד, א וועלטליכער מענש, א העכער און א שיין, ווי א ווייצען סוחר דארף זיין. אז דער פעטער האט זיך אבגעפארטיגט מיט דעם יריד פלעגט ער קוים שרה׳לין אויסבעטען ביי איהרע עלטערן, זי זאל געהן מיט איהם צווישען די גאלאנטעריגע קלייטען אויסקלויבען מתנות, וואס ער האט ליעב געהאט מיטצוברענגען פונ׳ם וועג זיין ווייב און קינדער. שרה האט זיך אנגעטהון אין די שבתדיגע קליידער און די מוטער האט זי איינגעהילט, זי זאל זיך חלילה ניט פארקיהלען און פריהער שטיללערהייט אבגעשפראכען פאר איין „עין הרע״, קיינער זאל איהר קיין „גוט אויג״ ניט געבען און אז שרה׳לע איז שוין ארוים־געגאנגען מיט דעם פעטער פון דער טהיר האט די מוטער נאכגעשריגען: זעהזשע, אייזיק, אז נאר דיר טהו איך צוליעב און געטרויע דיר מיין קינד, געהט געזונד און ברענג זי מיר געזונד״, אייזיק האט עפים נאכגעבראמטשיט אונטער דער נאז. און איז מיט איהר אוועק געגאנגען, אזוי פלעגט זיך פיהרען צוויי מאהל אין יאהר דער שפאציר מיט דעם פעטער צווישען די קלייטען איז פאר שרה׳לען געווען א גרויסער יום טוב. חאטש זי פלעגט זיך דאביי גענוג אנמידען און אבבאפען.

צווייטער טהייל

טאקי אין דער אייגענער שטאדט, איז געווען איינער „אסיפ פאניטש״, ווער האט ניט געקענט אסיפ פאניטש? עס איז גאר איבריג אייך צו באקענען מיט איהם ווייל היא קען איהם אפילו א קליין קינד אין דער וויעג. נאר אז אללע זאלען אים

צום קענען מוז מען אייך דערצעהלען אז אסיפ פאניטש איז נאך א בחור, האטש ער איז שוין אלט א יאהר דרייסיג, טאקי נאר דערפאר ווייל זיין פאנטאזיע איז געווען נאר חתונה צו האבען ווי אין א ראמאן שטעהט געשריבען, מיט א פארליעבעניש און מיט א פערדרעהעניש. ניט ווי אללע יודישע בחורים האבען חתונה דורך א שדכן ניט אומזיסט — פלעגט ער זאגען צו זיך — האב איך מיך אנגעלעזען מיט אזוי פיעל ראמאנען, און פארשטעה וואס דאס הייסט „ראמאנטישע ליעבע", נאר ווי אויף להכעיס, אויף צוזעטצעניש האט זיך אזא ראמאנטישער שידוך ניט געמאכט,

גערופען האט מען איהם „פאניטש" ניט דערפאר וואס ער איז געווען אזוי שאן ווי א פאניטש, נאר דערפאר ווייל ער פלעגט געהן זעהר ריין און זויבער געקליידט ווי א טאק—ווי א פאניטש; קיין שפרענקעלע האט מען גיט געפונען אויף זיינע מלבושים. אסיפ איז געווען א קאוואליער פאר יעדען: אט האט מען איהם געזעהן שפאצירען מיט א פריילין פון אכטצען יאהר, אט מיט א יונגעטשקע דאמע פון א יאהר צעהן און אט מיט א פרוי פון א יאהר פערציג, ער איז דארויף גאר ניט געווען קיין מפונק, אבי אליין ניט געהן. עס איז ניט געווען קיין "חתן מאל", קיין חתונה, קיין וועטשערע אין שטאדט, אז אסיפ זאל דערביי ניט זיין, אומעטום איז ער געווען און אומעטום האבען איהם אללע דאמען פריילין ליב געהאט. נאר אז עס איז געקומען צום טאנצען און אסיפ האט זיך די אדער יענע אויסגעקליבען צום טאנצען, האט מען זיך תמיד מיט איהם געווארפען וויא מיט א פויל עפעלע; מיט שוויים פלעגט איהם אנקומען ביז ער האט באקומען א "פאאר", דאך פלעגט ער זיינם אויספיהרען און טאנצען מיט די שאנסטע און מיט דיא מיאוסטע פריילינם. "ליעב" האט מען איהם געהאט פאר זיין איינציגער מעלה וואס ער האט געהאט: ער איז פון דער נאטור געווען א גוטער. ער האט יעדען געוואללט צופרידען שטעללען איבערהויפט נקבות פאר זייערטוועגען פלעגט ער פליהען אין פייער אריין, אז א פריילין איז נאך דעם טאנצען היים געווארין און זי האט געוואלט וואסער מיט אייז, פלעגט ער זייגער איינם ביי נאכט קריגען וואסער מיט אייז. אויף אבצופיהרען אהיים דאמען און פריילינם נאך דער חתונה — וואס דערצו איז ניט יעדער קאוואליער אבעלין — איז אסיפ געווען איין אהאטניק, ער האט געקענט ביי נאכט אין דער גרעסטער בלאטע נאכטראגען א דאמע דריי קינדערליך אויף זיינע הענד צוויא ווערסט ביז איהר היים, און דערנאך זיך ווייטער אומקעהרען אויף דער חתונה און "פאטשערעד" אבפירען יונגע מיידליך און דאמען ביז עס איז קיינער ניט געבליעבען אויף דער חתונה, און דער נאך העלפען דעם בעל ביתטע צונויפשטעללען די טישען מיט די באנק און ברענגען אין ארדנונג דעם זאאל, וואו מען האט געטאנצט. מיט

אין ווארט: אסיפ איז אומעטום געווען אהיימישער: דא פלעגט ער עסען אנבייסען דארטין וועטשערע, ביים דריטען זיך אבפוצען די שטיוועל, דארט זיך פארקעמין; נאך האט אסיפ געהאט א מעלה: האטש אללע דאמען און פריילינס פלעגען זיך שטענדיג בעניטצען מיט זיין גוטסקייט, האבען זיי ליעב געהאט איהם תמיד צו מיטשען מיט ווארטליך און זיך אן איהם נוקם זיין וויא אן המן, ער האט ער אפילו זעהר גוט פארשטאנין, נאר עס פלעגט איהם גאר ניט הארען און ער איז קיין מאל מיט קיינעם ניט ברוגז געווען.

~~~~~~~~

דריטטער טהייל

אויף היינטיגען יריד איז וויא שטענדיג, אויך געקומען צופאהרען שרה'לעס פעטער, ר' אייזיק אייזמאן. און אז ער האט זיך אבגעפארטיגט פון דעם יריד איז ער מיט שרה'לען ארומגעגאנגען צווישען די קלייטען און שרה'לע איז געווען, אזוי ווי אללע האלבע יאהר אין דער צייט, זעהר פרעהליך. אז זיי זענען שוין געגאנגען צוריק אהיים האט דער פעטער איהר געזאגט:

— הערסט דו שרה'לע ווען קענן זיך דיר מאכען אזא צופאלל ווי איצטער? אז דו ווילסט איך בין היינט פארבעטען אויף „א אבענד" צו מיינעם א בעקאנטען בייכען סוחר. אז דו ווילסט וועסטו אויך געהן מיט מיר.

שרה'לע האט זיך עפיס ווי דערשראקען און איז געווארין בלייך.

— וואס האסטו זיך אזוי דערשראקען? איך געטה דיך חו"ש ניט דערצו, איך פרעג דיך גלאט אזוי, אז דו ווילסט. פאר וואס ניט? צווישען מענשען פארברענגען די צייט איז פאר אזא יונג קינד ווי דו ניט אזוי שלעכט, נא? זאל איך קומען נאך דיר פאר נאכט?

— איך ווייס? אז די מאמע וועט מיך לאזען, וועל איך געהן.

— איין מאל מיט מיר געהן וועל איך פועלין ביי דיין מאמען, נא?

— נא? ווי אזוי-זשע וועל איך געהן פעטער?

— וואס הייסט ווי אזוי? דו האסט פוס וועסט דו געהן גלייך מיט אללע מענשען, זעה נאר אז דו זאלסט שוין זיין צוגעטהון ווען איך וועל קומען נאך דיר, איך זאל אויף דיר ניט דארפען ווארטען. די מאמע וועל איך שוין בעטען פאר נאכט אז זי זאל דיך לאזען געהן מיט מיר, איצטער טו איך אוועקגעהן וועגען מיינע געשעפטען.
~~~~~~~~

מיט די לעצטע ווערטער האט דער פעטער זי אריינגעלאזט אין שטוב און איז אוועקגעגאנגען:

די זונן האט נור וואס אנגעהויבען צו פערגעהן, שרה'לע איז שוין געשטאנען אנגעטהון ביי איהר פענסטער. נאר זי האט איצטער שוין ניט געקוקט אויף די מענשליך וואס געהען אהער און אהין ווי אללע טאג, זי האט בעטראכט ווי די שפיץ דעכער פון שטרוי, בלעך און טשערעפיס האבען אויסגעזעהן ווי פארגילדעט. דערנאך האבען זיך איהרע אויגען איבערגעטראגען אין עק הימעל וואו עס האבען זיך אבגעשפיעגעלט אללערלייא קאלירען ברענענדיגע גילדענע פאסען.

— אך! ווי שאן מוז זיין דארט... דארט ווייט... אין דער וועלט... האט זי שטיללערהייט ארויסגעלאזט ווערטער עפיס וויא אין חלום.

עס קען זיין אז שרה'לע האט איצטער אין איהר גאנץ לעבען דאס ערשטע מאל בעמערקט די זונן. מיט דעם גאנצען לעבען האט איהר הארץ געגלוסט אהין... אהין... וואו עס קעהר געווים זיין אלץ אזוי שאן...

שרה'לע האט זיך דערמאנט אז דער פעטער דארף באלד קומען נאך איהר, זי האט נאך ביי זיך אליין ניט בעשלאסען און ניט געוואוסט "ווי אזוי זי וועט געהן, צו זאל זי געהן?". וואס וועט זי דארט טהון?" גאר עס גלוסט זיך עפיס אזוי צו געהן... שרה'לע האט זיך איצט געפונען אין אזא לאגע ווי איינער וואס וויל זיך זומער באדען אין טייך, נאר ער קענן ניט ליידען דאס ערשטע קאלטע וואסער. ער שטעהט שוין מיט די פיס אין טייך און טראכט: אריינגעהן אין טייך צו ניט? אריינגעהן גליסט זיך ניט, עס ווילט זיך ניט, עס איז קאלט! ארויסגעהן און אנטהון זיך צוריק — וואס־זשע האב איך מיך אויסגעטהון? זיך אין קאפ קראצענדיג און קוקענדיג אויפן טייך, טראכט ער אזוי לאנג ביז עס געפינט זיך א חברה מאן און שפריצט איהם אב, אדער ער טהוט איהם א שטופ אין טיעפען וואסער, אין אנהויב איז ער אין כעס אויף דעם חברה־מאן, נור אז ער באד זיך שוין אב, דאנקט ער איהם ביי זיך אין הארצען, ווייל ער ווייסט און פיהלט, אז ער איז ריינער און פרישער געווארין פון דעם באדען. זוג באדען איז דאך געזונד...

* * *

דער פעטער האט זי אריינגעפיהרט אין זאאל, וואו עס זענען געוועזען א סך גאסט: מאנער, דאמען, פריילינס און „קאוואליערין". ער האט זי בעקאנט געמאכט מיט דער בעל הבית'טע און איז ארויסגעגאנגען אין איין אנדערער שטוב צום

בעל הבית פלוידערן פון הינטיגען יריד, שרה האט מיט הארץ-קלאפעניש נאכגעקוקט מיט די אויגען ווי דער פעטער איז אוועקגעגאנגען פון איהר, זי האט דערזעהן ווי זי זיצט אויף א דיוואן (קאנאפע) אליין. די בעל הביתטע וואס האט ביז אהער גערעדט צו איהר, האט זיך שוין אין איין אנדער ווינקעל פארנעמען מיט נייע געסט. א פריילין וואס האט זיך נאר וואס אויך געזעצט נעבען איהר אויפן דיוואן, האט זי א קאוואליער אוועקגענומען טאנצען. שרה'לע איז ווייטער געבליעבען אליין. אין א מינוט האבען זיך אין איהר פנים געביטען אללערליי קאלירען: רויטהגעל אונ גרין, גלייך ווי די וואנד... איין עבירה האט געהאט דער וואס האט אויף איהר א קוק געטהון, ווייל יענעמס קוק האט זי געקאסט עטליכע טראפען יונגבלוט, אונ זי האט זעהר גלייך געטהון וואס זי האט אראבגעלאזט די אויגען צו דער ערד, זי זאל ניט זעהן יענעמס קוק. דער קאפ האט זיך איהר געדרעהט, דאס הארץ האט איהר געקלאפט, א קאלטער שווייס האט זי באדעקט, זי איז געזעסען ווי איינגעגראבען אויף דעם דיוואן אונ האט ניט גערירט מיט קיין גליד.

* *
*

פערשטעהט זיך אז אויף דעם אבענד וואו שרה מיט דעם פעטער זענען געוועזען, איז אויך געוועזען אסיפ פאניטש, ער האט שוין איבערגעפלוידערט מיט הונדערט דאמען אונ מיט פופציג פריילינס אונ האט זיך פארט אליין ארומגעדרעהט, ווייל אנדערע קאוואליערן זענען אנגעקומען, האט מען זיך מיט איהם געווארפען.

שלעכטע פריילינס! זיי האבען זיך מיט אסיפען געווארפען ווי מיט א געקאכטער ציבעלע — אין דער יויך קומט זי צו נוץ, נור אז מען דערלאנגט די יויך צום טיש ווארפט מען זי ארויס — אללע פריילינס זענען געוועזען פארנומען מיט זייערע קאוואליערן, נאר אסיפ האט זיך אליין ארומגעדרעהט, ווי גלייך ער איז אליין געבוירען געווארין אויף דער וועלט.

פלוצים האט אסיפ צו זיין גרויסער פרייד דערזעהן ווי אויפן דיוואן זיצט אליין א פריילין מיט פארפלאמטע בעקליך, איהם איז אבער געוועזען א גרויס וואונדער: ווי קומט עס, אז ער, אסיפ פאניטש, קענן זי ניט, אונ עס פארשטעהט זיך אז מען דארף זיך מיט איהר באקענען. ווי א האז איז ער באלד צוגעשפרונגען צו איהר.

— מיר זענען שוין דאכט זיך געוועזען צוזאמען אויף א בענד... ביי... צו... איך בין מיך טועה? געעהרטע פריילין!... איך בין אסיפ פאניטש... איך ווילל האבען די עהרע צו וויסען אייער נאמען, האט זיך אסיפ אברעקאמאנדירט

ווי א פיינער איראפּאישער קאוואליער מיט אללע פּישטשיפּקים און אנגעהויבען זיך צו דרעהען און האט זי אנגענומען ביי דער האנד.

שרהלעס האנד איז צום ערשטען מאל אין איהר לעבען געלעגען אין א מאנס־בילשער האנד... דאס הארץ האט זיך עפּיס ווי גערירט און דאכט זיך איבערגעשפּרונגען אויף איין אנדער ארט, פון איהר קאלטען שוויים איז געווארין הייסער שוויים, זי האט עפּיס ווי א זיפּץ געטהון, נאכדעם איז איהר גרינגער געווארין; אללע גלידער זענין איהר ווארימער געווארין און אין די אויגען איז איהר עפּיס ליכטיגער געווארין.

אסיפ האט אין זיין האנד געפיהלט אז ער האלט גאר עפּיס ניט קיין האנד נאר א ווייך ווארים שטיקיל פלייש; זייט אסיפ לעבט האט ער נאך אזא מין האנד ניט געהאלטען ער האט גאר ניט געוואוסט וואס ער זאל טהון, ווייל זי האט איהר האנד צוריק ניט גענומען. ער זאל זי אבלאזען האט ער מורא געהאט — עס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז ווען ער וועט זי אבלאזען וועט די האנד אראבפאללען אויף דער ערד. האלטענדיג די האנד האט ער זיך געזעצט אויפ'ן דיוואן נעבען איהר, זיין שטענדיג גוט הארץ איז איצטער נאך ווייכער געווארין. ער האט אויף איהר באקימען רחמנות... שרהלעס אויגען וואס האבען פריהער געקוקט גלאט אין דער וועלט אריין, האבען זיך איצטער ביסליכווייס אבגעשטעלט אויף איין ארט — זי איז אביסיל געקומען צו זיך און האט איהם שוין געקענט ענטווערין אויף עטליכע שאלות וואס אסיפ האט זי געפרעגט . . . .

. . . .

— נא? דערצעהלט ווייטער.

— ביז איך האב מיט אייך גערעדט, האב איך פון גאר ניט געוואוסט, איך בין אין ערגיץ ניט געוועזן... איך בין דאס ערשטע מאל צווישען מענשען... איך האב אלץ געטהון ווי אזוי דער טאטע און די מאמע האבען געוואלט... עס איז מיר גאר ניט אבגעגאנגען, איך האב געמיינט אז אביג וועט אזוי זיין.

— איך בין שוין איצט אלט פינף און צוואנציג יאהר (אסיפ האט פארלייקענט פינף יאהר), איך וויל ניט התונה האבען ווי מיינע עלטערן ווילען.

זיי האבען גערעדט און גערעדט ביז דער פעטער איז צוגעגאנגען און האט זי געפרעגט צו איז איהר ניט אומעטיג.

— ניין, האט שרהלע איהם געענטווערט, נאר דער קאפּ טהוט מיר זעהר שטארק וועה, איך האב מורא אויב דא איז ניט געוועזן א טשאד.

אסיפ איז באלד ווי איין אדלער געפלויגען צו דעם אויוען אבשטעקען דעם

קוימען און אז ער איז צוריק געקומען האט ער געזאגט אז דער קוימען איז גאר ניט גיווען פארשטעקט.

ווען שרה איז מיט דעם פעטער געגאנגען צוריק פונם פרעהליכען אבענד אהיים האט זי איהם געזאגט:

— זעהט גאר, פעטער, א ווייסע שאנע לבנה איז איצטער. איך האב נאך אין מיין לעבען ניט געזעהן אזא שאנע לבנה...

— יא, האט איהר דער פעטער געענטווערט. נאר עס זאל בעסער ווערין אויספאללען א שנעע. ווייל מארגען דארף איך אוועק שיקען דעם ווייץ און אוועקפאהרען, מיט רעדער איז איצטער זעהר שלעכט צו פאהרען:

פירטטער און לעצטער טהייל

אין דער אנדערער נאכט איז געגאנגען פון תחלת הלילה אן א שנעע. קאלט איז ניט געווען אזוי שטארק, ווען ניט דער ווינד וואס האט אללע מינוט איבערגעטראגען שנעע פון איין ארט אויף דעם אנדערן און געמאכט בערגליך. דער הימעל איז געווען פארדעקט מיט חמארים: אויף דער גאס האט מען שוין ניט געזעהן קיין לעבעדיגען מענשען, נאר געבען איין שטוב וואס די פענסטער קוקען ארויס אין גאס מיט א נידריגען גאניק פון עטליכע טרעפליך איז געשטאנין א צוגעדעקטער שליטען מיט פיער זאטע פערד, געבען שליטען איז געגאנגען אהין און אהער א יונגער מאן, איינגעוויקעלט אין א טולופ. אללע מאהל האט ער זיך אפגעשטעלט און צוגעהערט צו עס קלאפט ניט ערגיץ. עס האט אויסגעוויזען אז ער ווארט עפים אויף א וויכטיגע זאך.

— אך! שוין זייגער דריי... און זי איז נאך ניט ארויסגעגאנגען, האט ער געזאגט קוקענדיג אויפ'ן זייגער ביי דעם העלקייט פונ'ם שנעע

אין דער מינוט, צו זיין גרויסע פרייד האט זיך שטילל געעפענט די טהיר אויף דעם גאניק און עס איז ארויסגעגאנגען א יונג מיידיל ווארם אנגעטהון. ער איז ווי אבליץ איהר געלאפען אקעגען און האט ביי דער האנד זי ארארבגעפיהרט פון די טרעפ און זיך אריינגעזעצט מיט איהר אין שליטען, דער קוטשער האט אומגעקעהרט דעם קאפ, אנגעקוקט זיינע פארשוינען, צוגעדריקט די קוטשמע איבער די אויגען און די פערד זענין מיט גרויס פרייד אוועק ווי אדלערם.

— א גאנצען טאג האט מיר ווער געטהון דער קאפ פון דעם געכטיגען טשאד.

— געלויבט איז גאטט וואס מיר זענין שוין אלין בשלום איבערגעקומען, נא? האבען

מיר זיך געקענט ריכטען אז היינט וועלען מיר שוין פאהרען אין איינעם? האבען ביידע געזאגט איינער צום אנדערן אונ האבען זיך דערביי שטארק ארומגענומען אונ זיך געגעבען צוויי שטארקע קוש. אז מע איז שוין אבגעפאהרען פינף ווערסט פון דער שטאדט איז שוין דעם יונגען פריילינס קאפ געלעגען אנגעשפארט אויף דעם יונגען מאנס הארץ אונ זי האט געדרימעלט מיט א זיסען שלאף

*

אויף מארגען איז געווארין א קלאנג אין שטאדט אז ר' יאקיל וואבענגעבערס (אזוי האט מען גערופען שרהלעס פאטער) בת יחידה איז פערפאלען געווארין. טהייל האבען געזאגט אז גנבים האבען זי ארויסגעגנבית, מען וויל ביים פאטער אויסרייסען געלד אנדערע האבען געשווארען אז בשעת מען איז געגאנגען פאר טאג אין שול אריין תהלים זאגען — האט מען זי געזעהן ליגען נעבען דער שול, נור מען ווייסט ניט וואו זי איז אהינגעקומען; אנדערע ווידער האבען דערצעהלט — אז מען האט זי געזעהן ביי נאכט ארומגעהן אין שטאדט אונ אז מען איז צו איהר צוגעגאנגען האט זי געגעבען א פליעסקע מיט די האנד, אונ זיך צולאכט אונ אז דער האן האט געגעבען א קריי — איז זי פערשוואונדען געווארין. א טהייל ווידער האבען געזאגט אז די שדים האבען זי פארקויפט פאר א פרינצעסין צו א בן מלך.

יודישער נחת

ערצעהלונג

I.

שט״ל האט זיך דער פאיעזד געריהרט פון דער סטאנציע קאזאטין (דוג. ז. אייזענ־באהן), נאר וואס ווייטער אסעקונדע האבען זיך די ראדער גיכער אנגעהויבען דרעהען דער לאקאמאטיף צו סאפען, דער שווארצער רויך צו וואלען העכער, העכער־ארויף!...

ווי דער פאיעזד האט זיך נאר געריהרט זענען די פאסאזשירען אין די וואגאנען אויך לעבעדיגער געווארען, אללע האבען זיך צורעדט, ווי עפים פרעהליכער געווארען דערפון וואס זיי האבען געפטערט די נודנע סטאנציע קאזאטין וואו דער פאיעזד שטעהט שטענדיג אגאנצע שעה און מע נודעט זיך אן פאר צעהן שעה.

נאר איין פאסאזשיר וואס איז געזעסען אין ווינקעל אויף דעם בענקיל וואו נאר איין מענש קען זיצען, האט זיך ניט אריינגעמישט אין די אללע רייד, ווי גלייך עס איז ביי איהם אלץ איינס – שטעהן אדער פאהרען.

ער פלעגט אפט מאכען לאנגע רייזען מיט דער באהן און איהם איז שוין געוועזען בעקאנט אז עס העלפען ניט די אללע רייד און טענות פון די פאסאזשירען, וואס האבען אללע ליעב, אז באלד ווי זיי באצאהלען פאר אבילעט, צו האבען טענות צו דער אבשטשעסטווא אז ביי זיי איז ניט איינגעפיהרט ווי עס דארף צו זיין; צו די אללע רייד און גיכע וועג־בעקאנטשאפטען האט ער קיין חשק ניט געהאט, ער איז ניט געוועזען דערצו אויפגעלעגט.

אין וועג האבען נאר ליעב אסך צו רעדען אזוינע וועלכע עס איז זיי גוט און פרעהליך אויף דעם הארצען.

אונזער פאסאזשיר איז אבער געוועזען איוד, און איודען היינטיגע צייטען איז זעהר זעלטען צו באגעגענען מיט אפרעהליך פנים, ובפרט נאך אין וועג – ווען ער קלויבט זיך ארויס פון זיין היים – פון זיין ענגער נארע אין דער פרייער וועלט אריין און זעהט ווי די גאנצע וועלט איז פריי און לעבט און ער – קען ניט.

דער יוד איז אזוי שטענדיג פארטראגען מיט זיין פרנסה, אז ער האט קיין צייט ניט צו באטראכטען זיינע צרות, זיין לאגע; נאר אין וועג ווען יעדען מענשען בלייבט

ליידיגע צייט און ביים יודען אויך־פארטראכט ער זיך דערויף, נאר קען זיין א יודען פרעהליך אויף דעם הארצען ווען ער טראכט פון זיין לאגע?...

איסאאק סאלאמאנאוויטש הירשאוויטש, ווי מען האט גערופען אונזער שטילשווייגענדיגען פאסאזשיר, האט זיך איצט אויך פארטראכט איבער זיין לאגע, און ניט נאר דער פאיעזד מיט זיין קלאפען, פייפען, דאס גערודעריי פון די פאסאזשירען, נאר דאכט זיך ווען דער גאנצער פאיעזד זאל זיך איבערקעהרען, וואלט ער עס אויך ניט באמערקט.

ער האט געהאט איבער וואס אזוי טרויעריג זיך צו פארטראכטען!

II.

איסאאק סאלאמאנאוויטש איז איצטער אלט עטליכע און פירציג יאהר, נאר גרוי און פארעלטערט ווי א יוד פון עטליכע און זעכציג. פון זיין היינטמאדישען נאמען קענט איהר שוין אליין פארשטעהן אז ער געהערט צו די היינטוועלטיגע יודען, אדער ווי חסידים זאגען „צו די דייטשען"; ער געהט געקליידעט אויך היינטוועלטיג, שאן, ריין, גאנץ, אביסעל קורצליך, ווי עס פאסט צו מאנער פון אזוינע יאהרען. ער וואהנט אין דער גרויסער שטאדט ק... ער לעבט ניט רייך נאר שאן בעל־ביתיש, זיין הויז באשטעהט פון עטליכע צימער, ניט רייך מעבלירט נאר ריין און פיין. ער האט אזעלטיגע יודישע פרוי, זי איז יונגער פון איהם מיט א יאהר פינף, צו צוויי און צוואנציג יאהר האט ער זיך אין איהר פארליעבט, זי אין איהם, און חאטש זי האט קיין געלד ניט געהאט און זיין משפחה האט געשריען גוואלד אז אזא ארים מיידיל שטעהט זיי ניט אן פאר א שידוך, נאר ער האט זיך איבער איהר צוקריגט מיט דער משפחה און האט מיט איהר חתונה געהאט פאר איהר וואהלקייט און פיינקייט. ער האט מיט איהר דערלעבט עטליכע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, אלע זענען זעלטען שאן, זעלטען געראטהען, דער עלטערער זוהן האט שוין געענדיגט דעם אוניווערזיטעט, דאס צווייטע קינד זיין טאכטער האט געענדיגט די זשענסקיע קורסען מיט א מעדאל, די איבריגע קינדער געהען אין גימנאזיע, נאר די קליינע לערנען דערווייל ביי לעהרערס צו הויז.

זיינע בעקאנטע, וואס זענען אויך פון דער היינטיגער וועלט, זאגען אויף איהם אז ער איז א גליקליכער פאטער, זיין הויז איז א אמת פאמיליענהויז, גאטט מעג בענשען אלע מענשען מיט אזוינע געראטענע פיינע קינדער, מיט אזא פרוי, מיט אזא הויז, מען דארף גאר ניט זיין רייך מען זאל זיין גליקליך.

זיינע בעקאנטע חסידים פון דעם קליינעם שטאדטיל .א פון וועלכען ער איז א געבוירענער און געדענקען איהם עד היום זאגען: אז איציק ר' שלאמקעס איז היינט אגאנצער דייטש, ער וואהנט אין ק.. און הייסט שוין גאר איסאאק סאלאמאנאוויטש, זיינע קינדער געהען אין די שקאלעס ווי די קריסטין, ביי איהם אין שטוב געהט מען אהן א היטעל.

איסאאק סאלאמאנאוויטש איז שוין פון אסאך יאהרען אויף א שטעלע ביי אגרויסען ק... גביר וואס האט אסך זאוואדען. זיין שטעלע בעשטעהט דארין: שטענדיג ארומפאהרען איבער די זאוואדען, אללע וואך קאנטראליערען דעם פראוויאנט פון די ראבאטשים; דאס איז ניט אזא גרויסע שטעלע נאר אויך ניט קיין קליינע, ער נעמט הונדערט פופציג רובעל אחודש חוץ אלע הוצאות; איבער זיינע קינדער וואס זיי לערנען מוז זיין פאמיליע וואהנען אין אגרויסער שטאדט און מיט אזא געהאלט קומט קוים אויס זיין פאמיליע מיט די הוצאות. עס קען זיין ביי איין אנדער פאמיליע אין אגרויסער שטאדט וואלט אזא סומע געוועזען קארג, נאר ווייל זיין פרוי האט געוואוסט אלעם צו פיהרען אין ארדנונג און עקאנאמיש און זיינע קינדער זענין ניט קיין אויס־ברענגער, איז מען מיט דער סומע אויסגעקומען, מען איז קיינעם ניט געוועזען שולדיג. זיין הויז־געזינד איז שטענדיג געוועזען זאט, און אין שטוב איז געוועזען ליכטיג און ווארעם, אללע גאנץ אנגעטהון, און אפשר ניט ווי ביי לייט נאר ווי נעבען לייט

איסאאק סאלאמאנאוויטש האט זיך שטענדיג געפיהלט גליקליך, נאך ביי כבוד האט ער ניט געשטרעבט; זיין הויז, זיין פרוי, זיינע קינדער זענין געוועזען זיין גאנץ לעבען, זיין גאנץ גליק און ער האט זיך געפיהלט אז ער איז מיט דעם זעהר רייך.

זיין הארעוואניע אויף זיין שטעלע איז געוועזען איבערנאטירליך, טאג מיט נאכט האט ער געהארעוועט, שטענדיג אין רעגען, אין קעלט, אין שנעע, ניט דערגעסען, ניט דערשלאפען, זיך ניט אבגערוהט צו דערצייט, נאר ווען ער פלעגט זיך דערמאנען אז „דעם ערשטען" וועט ער האבען דערפאר הונדערט פופציג רובעל פאר זיין פאמיליע, אגאנצען חודש וועלען זיי זיין זאט, אגאנצען חודש וועט זיין פאמיליע לעבען, פלעגען איהם צוקומען קרעפטען און ער פלעגט גאר ניט מיעד ווערען צו הארעווען נאך מיט מעהר פליים, אויף זיך קיין מאל ניט פערגינען אאיבריגען גראשען, כדי זיין ווייב און קינדער זאלען אלעס האבען וואס זיי בעדארפען

דערפאר אבער ווען ער פלעגט אמאל אויף אאבענד קומען צו זיך אהיים איז ער געוועזען דער גליקליכסטער פון אללע גליקליכע, זיין הויז איז געוועזען זיין נאסודאר־סטווא, ער איז דארט געוועזען דער געליעבטער קיסר. וואס קען נאך זיין פאר א מענשען אגרעסער גליק ווי צו זיין פון אללעמען געליעבט? ווא אללע זענען איהם איבערגעגעבען מיט דער גאנצער זעעלע? — ער האט געפיהלט ווי זיין הארעוואניע איז נאך ווינציג!

ניט איין מאל ווען ער פלעגט ביי זיך אין הויז זיצען און ארום איהם זיין ליעבע פרוי און קינדער, וואס איינס איז געוועזען שאנער און געראטענער פון דעם אנדערען, פלעגט ער צו זיך זאגען: ווי דערלעב איך ביי גאטט זיי אללע צו זעהען שוין אויס־געוואקסען, שוין פאלגע מענשען! ווי דערלעב איך חאטש צו זעהען ווי מיין באריס זאל שוין ענדיגען, און מיין מאשע גליקליך... איך זאל קענען רוהיג זעהען ווי זיי בליהען און וואקסען...

דאס איז געוועזען זיין גאנצע האפנונג, זיינע קינדער זאלען ענדיגען, זיי זאלען שוין ווערען אליין מענשען, ער זאל אן זיי שוין זעהען פיעל נחת.

מיט איין ווארט, ער האט געהאפט וואס יעדער היימער געטרייער פאטער האפט. אונ צוליעב דער טהייערער האפנונג הערען די עלטערן ניט אויף צו הארעוועז יאהרענווייז, — זיין גאנצע הארעוואניע איז אויך געוועזען צו ליעב דער גוטער האפנונג, פיעל יאהרען איז ער צו ליעב דעם פארשווארצט געווארען — מיט פערגניגען, ביז נאט האט געהאלפען, ער האט דערלעבט זיינע צוויי עלטערע קינדער האבען שוין געענדיגט אונ דארפען אליין ווערען מענשען — אונ וואס? צוויי יאהר זענין שוין אוועקגעגאנגען זינט זיי האבען געענדיגט אונ זיי געפינען זיך אלץ ביי איהם אין שטוב ווי קליינע קינדער וואס מען דארף ערשט פאר זיי הארעוועז. זיין עלטערער זוהן האט געענדיגט דאקטאר, נאר אויך אלס ארימער סטודענט, ער האט ניט מיט וואס זיך איינצופיהרען אריינען קאבינעט מיט א שאנע דאקטארסקי קארעטע כדי ער זאל האבען פראקטיקע; דארויף קען ער איהם פון די הונדערט פופציג רובעל אחודש ניט געבען קיין געלד. מען לעגט פאר אפילו פאר זיין זוהן א שידוך, א מיאוס מיידיל וואס שפיעלט פיאנא אונ האט צעהן טויזענד רובעל נדן, נאר ער זאגט אז ער וויל זיך ניט פארקויפען, ער איז פארליעבט אין איין ארים שאן מיידיל.

נאר דער געענדיגטער זוהן ארט איהם שוין אזוי ניט, לאז זיין נאך א קינד אין שטוב. טאכטער וועט גאט העלפען, די צייט וועט ווערען בעסער; גאט קען אלעס. נאר נאך מעהר ווערט ער טרויעריג וועגען זיין ליעבער עלטסטער טאכטער. זי האט אויך געענדיגט מיט א מעדאל, זי איז שאן געראטהען מיט אללע מעלות אונ זיצט אויך אין שטוב — נאר שוין ניט ווי א קליין מיידעלע, נאר ווי א דערוואקסענע טאכטער וואס דארף חתונה האבען, אונ ער — איהר פאטער וואס האט זי אזוי ליעב, וואס ווייסט אז קיין שאנערס פון זיין טאכטער איז גאר אויף דער וועלט ניט דא, זעהט יעדען טאג ווי זי זיצט אונ דארט, די אויגען, די באקען פאלען איין, וואס א טאג ווערט זי עלטער. —

.III

דאס אלעס איז איהם איצטער אויפגעקומען אויף די געדאנקען זיצענדיג אזוי פארטראכט אין וואגאן; עטליכע הייסע קיילעכדיגע טהרערען וואס האבען זיך שוין לאנג געקייקעלט אין זיינע אויגען האבען זיך איצט אויסגעגאסען איבער די באקען. —

— וויפיעל, וויפיעל האב איך געהארעוועט אויף מיין לעבען, האט ער אנגעהויבען צו זיך אליין רעדען, אלע מיינע יאהרען אוועקגעגעבען מיינע קינדער. איך האב אזוי פיעל געהאפט... אונ וואס? דער עלטערער זוהן איז ווייטער א קינד, צו טשאטשקע האט ער ניט מיט וואס זיך איינצוארדנען, אונ זי, מיין ליעבסטע טאכטער, ומגליקליך. — איך האב איהר ניט צו געבען קיין צעהן טויזענד רובעל נדן... יהר רעדן זאגען זי זאל נעמען א פריקאשטשיק צו אזוי א גראבען יונגאטש? זי

איז ניט דערצו ערצויגען, דערמיט וועל איך זי אליין דערהרגינען, און איהר גלייבען וויל צעהן טויזענד רובעל... זי וועט זיך ניט וועלען פארקויפען צו אנידעריגער פון איהר, און בארים וויל זיך אויך ניט פארקויפען פאר אביי׳בער כלה... קען איך זיי אין דעם אלעמען בעשולדיגען? איך האב אפילו קיינעם ניט צו בעשולדיגען, זענין זיי דען שלעכטע קינדער? זענין זיי דען ניט אזוינע ווי איך וויל? — עס איז נאר מיין פינסטער מזל איך זאל קיין נחת ניט האבען פון די קינדער, און צו וואס מוטשע איך זיך אזוי פאר די איבריגע קינדער, די אין גימנאזיע, די ביי לעהרער, וואס וועט זיין דער סוף? און ווי פיעל האב איך איבערגעליטען, איידער איך האב מיינע קינדער אזא ערציהונג געגעבען..

דא האט ער זיך דערמאנט זיינע יונגע יאהרען ווי ער האט געליטען פון זיינע חסידישע עלטערן, פון זיין פאנאטישער משפחה, פאר יעדער נארישקייט, וואס ער האט געוויזען אז ער וויל לעבען ווי אמענש גלייך מיט אלע, וואס ער וויל וויסען פון אוועלט גלייך מיט אלע; מען האט איהם גערופען „אפיקורוס" ווען ער האט זיך געלערענט אליין אביסל רוסיש און געליינט אנוצליך ביכעל; ווי ער האט געמוזט אוועק פון דער היים, געליטען הונגער און קעלט, צרות און שאנד פון יעדען מינדעסטען נארישען חניאק, ביז ער האט זיך עפעס אויסגעלערענט און זיך אליין דורכגעשלאגען אוועג, דורך זיינע קענטניסע זיך דערשלאגען צו אשטעלע. א! וויפיעל, וויפיעל האט ער געליטען, ביז ער האט דערלעבט זיך פארפיהרען אזא הויז און ערציהען אזוי קינדער, און איצטער, דרעהט זיך ארום זיין זוהן פוסט און פאס, ער קריגט קיין שטעללע, זיין עלטסטע טאכטער פארזיצט, ווייל ער האט קיין געלד ניט און ער אליין איז מיט זיין גאנץ וויז ניט זיכער, אט אין אשאנעם פריהמארגען קען ער... אין גאנצען ארוים ז ק....

— צו וואס, צו וואס האב איך בעדארפט זיך אזוי מוטשען, אזוי זיך פלאגען, יאגען זיך מיט מיינע עלטערן, מיט מיין גאנצער משפחה, מיט דער גאנצער חסידארניע? וואס האב איך דען געפועלט מעהר ווי מיינע חברים וואס זענין געבליבען חניאקעס עד היום, וואס איז מיר בעסער פאר זיי?

ער האט זיך ווייטער דערמאנט אן זיינע צוויי עלטסטע קינדער וואס זענען גוט, פיין, וואהל, מיט אלע מעלות און ער, זייער פאטער וואס האט אזוי פיעל פון זיי געהאפט, האט פון זיי קיין שטיקעל נחת ניט. זיין הארץ ווערד צוגאסען אז ער דערמאנט זיך אן זיי און אויך אן די קלענערע קינדער וואס ער הארעוועט אזוי פאר זייער ערציהונג. —

צום צווייטען מאל האט ער זיך אין דער שטיל באוואשען מיט טהרערען.

א מענשען ווערט גרינגער ווען ער געפינט די אורזאכע פון זיין שלעכט מזל, פון זיינע צרות, ער זאל קענען כאטש עמיצען באשולדיגען אין דעם אלעמען, כאטש זיך אליין. נאר ער האט קיין אורזאכע ניט געפונען, ער האט נאר באשולדיגט זיין שלעכט מזל, דארום האט ער זיין הארץ אויסגעלאזט צו טהרערען. —

.IV

אין קאנאטין, אזוי ווי נעבען אלע גרויסע סטאנציעס, ציהען זיך אויף ווערסטין לאנג ביי ביידע זייטען באזונדערע קאליעס מיט אנגעגרויזעטע וואגאנען, אלערליי מאגאזינען פאר מאשינען און סחורות, לאנגע פלאטפארמעס מיט ברויט, פעסער צוקער און אלע אנדערע סחורות. קוים איז דער פאיעזד איבערגעקומען די אלע פערעסטרעלקעס, אויסגעפעהלט די אלע „אנגעגרויזעטע פלאטפארמעס" און „טאווארנע וואגאנעס", און ארויף אויף דעם פעלד, האבען די פאסאזשירען אויפגעהערט צו רעדען, אטהייל האבען זיך געזעצט אויף זייערע ערטער, אטהייל האבען זיך אויסגעמאטעט און זיך צוגעשפארט שלאפען.

אין דעם וואגאן וואו איסאאק סאלאמאנאוויטש איז געפאהרען איז ווייטער געווארען גאנץ שטיל און ער האט זיך געקענט נאך מעהר איבערגעבען זיינע טרויעריגע געדאנקען. —

צו דער שטילקייט האט זיך נאך אנגערוקט די נאכט מיט א קליינע חמארע, אין די פענסטער פון די וואגאנעס האט אנגעהויבען פאטשען צו ביסלעך ארעגען. קיינעם פון די פאסאזשירען האט זיך אפילו ניט געגלוסט ארויס טהון פון ארט און אקוק טהון אין פענסטער וואס טהוט זיך אויף דעם פעלד, האטש דער קליינער רעגען האט באלד אויפגעהערט און עס איז גאר שטיל געווארען.

נאר דער פאיעזד האט זיך אין דער שטילקייט געלאזט הערען מיט זיין שטענדיגען גרוישעריי און פייפעריי, אלע דריי פערטעל שעה אויסגעפעהלט א נייע סטאנציע. —

פלוצים אויף דער פאל-סטאנציע „בעלאפיאניצע" וואו דער פאיעזד שטעהט אין גאנצען פינף מינוט, האט זיך ווי פון אגרויסען שטורמווינד שטארק געפענט דאס טהירעל פון דעם וואגאן אז אלע האבען זיך דערשראקען און זיך אומגעקערט זעהען וואס עס טהוט זיך דארט, אפילו איסאאק סאלאמאנאוויטש וואס איז אזוי געוועזען פארטיעפט אז ער האט ניט געהערט דאס גרויסע הילבען פון דעם פאיעזד, האט איצט דערהערט דעם גרויסען שטורמווינד פון דער טהיר, ער האט אויך אנגעהויבען קוקען אויף דער טהיר, זעהען וואס איז דארט.

און אט וואס מען האט געזעהען:

פריהער האט זיך געוויזען אגרויסער זאק וואס האט זיך קוים דורכגעשטופט אין דער לענג פון דעם טהירעל, אונטערן זאק האבען זיך געהערט ווילדע קולות אויף יודיש:

— חיים ליב! געה שוין אריין גיכער, געה! לאז מיך דורך, גיב צו די קלומיקעס.

— שפרה גענענדעל! גיכער, גיכער האט זיך ארויף, דו זאלסט ניט אנווערען די מאשין, הארסט ווי עס פייפט שוין, ער שטעהט דא מעהר ניט ווי פינף מינוט.

— געה שוין, געה שוין חיים ליב, פריהער, נויס איך דען ניט אז ער שטעהט

דָא פִינְף מִינוּט, אִיךְ בִּין שׁוֹין לַאנְג דָא אוֹיפְ'ן מַאשִׁין, לֶעהְרֶען מִיךְ נִיט, גֶעה שׁוֹין דוּרְךְ אוּנ לָאז מִיךְ אַרַיין.

שִׁפְרָה גֶענֶענְדֶעל! דוּ בִּיזְט דָא, שִׁפְרָה גֶענֶענְדֶעל, דוּ הֶערְסְט מַיין קוֹל ווִי אִיךְ שְׁרַיי? הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק צוּ אָן מִיר, דוּ זָאלְסְט מִיךְ נִיט פַארְלִיעֶרְעֶן, שִׁפְרָה גֶענֶעגְדֶעל, אִיךְ בִּין דָא!

עֶר הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרַייֶען „שִׁפְרָה גֶענֶענְדֶעל", ווַייל אִיהם הָאט זִיךְ אַלְץ אוֹיסְגֶעווִיזֶען אַז הִינְטֶער אִיהם שְׁטוּפְּט זִיךְ אַגַאנְצֶער עוֹלָם פוּן הוּנְדֶערְטֶער מֶענְשֶׁען אוּנ זַיין גֶענֶענְדֶעל קֶען זִיךְ נִיט דוּרְכְשְׁטוּפֶּען אוּנ קֶען אִיהם פַארְלִיעֶרֶען, חָאטְשׁ אוֹיף דֶער פַאל-סְטַאנְצִיֶע „בֶּעלָאפִּיַאנִיצֶע" פְלֶעגְט זִיךְ טְרֶעפֶען אִין צְווֵיי טָאג אֵיין פַּאסַאזְשִׁיר, נָאר הַיינְט זֶענֶען גֶעווֶעזֶען צְווֵיי פַאסַאזְשִׁירֶען אִין אֵיין טָאג. —

אוּמְקֶעהְרֶען דֶעם קָאפּ צוּרִיק עֶר זָאל קֶענֶען זֶעהֶען אַז עֶס אִיז קֵיינֶער נִיט דָא נָאר זַיין שִׁפְרָה גֶענֶענְדֶעל אַלֵיין, דֶערוֹיף הָאט חַיִּים לֵיבּ קֵיין צַייט נִיט גֶעהַאט.

אַיוּד הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג לִיעבּ צוּ שְׁטוּפֶּען, אֲפִילוּ אִין דִי אָרְטֶער וואוּ עֶס אִיז גְרוֹים. דֶער יוּד מִיט זַיין טְרוֹיעֶרִיגֶער גֶעשִׁיכְטֶע אִיז שׁוֹין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶען אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא טָאמֶער וֶועט פַאר אִיהם נִיט בְּלַייבֶּען קֵיין אָרְט, בַּארוּם הָאט חַיִּים לֵיבּ גֶעהַאלְטֶען אִין אֵיין שְׁטוּפֶּענֶעשׁ מִיט זַיין זַאק אִין טְהִירֶעל אוּנ מוֹרָא גֶעהַאט אַקוּק טְהוּן צוּרִיק — אֵיין אַנְדֶערֶער זָאל זִיךְ דֶערְווַייל דָא נִיט אַרַיינְחַאפֶּען אוּנ אִיהם וֶועט נִיט בְּלַייבֶּען קֵיין אָרְט. —

אוּמְגְלִיקְלִיכֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶענֶער יוּד!

דֶער גְרוֹיסֶער זַאק הָאט שׁוֹין הַאלְבּ גֶעשְׁטֶעקְט אִין דֶער טְהִיר אוּנ הִינְטֶער אִיהם הָאבֶּען זִיךְ ווַייטֶער גֶעהֶערְט קוֹלוֹת:

— אִיךְ בִּין דָאךְ לֶעבֶּען דִיר, דוּ זֶעהְסְט נִיט, צוּ דִי אוֹיגֶען זֶענִין דִיר אוֹיף דֶער פָּאטִילִיצֶע אַרוֹיס? אַקְרֶענְק אִין דַיין פָּנִים! אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בַּארְף נִיט קֵיין מַאשִׁין — אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר גֶעזָאגְט (זָאגֶען זָאל מֶען נָאךְ דִיר ווִידוּי רבש"ע!) אַז מֶען זָאל דִינְגֶען אַבַּעַל-עֲגָלָה אִיצְטֶער קֶענֶען מִיר בֵּיידֶע נִיט אַרַיין אִין מַאשִׁין!

— דוּ נַארְר! מִיר פָאהְרֶען דָאךְ שׁוֹין עֶט, עֶט, ווַייט — וואוּ אִיז שׁוֹין „בֶּעלָאפִּיַאנִיצֶע"! אוּנ מִיט דֶעם בַּעַל-עֲגָלָה ווָאלְטֶען מִיר זִיךְ נָאךְ גֶעשְׁלֶעפְּט; בַּאלְד וֶועלֶען מִיר אַרַיין, שְׁטוּפּ מִיךְ אוּנ אִיךְ וֶועל שְׁטוּפֶּען דֶעם זַאק וֶועלֶען מִיר בַּאלְד אַרַיין אוּנ וֶועלֶען פָאהְרֶען אוֹיף בֶּענְקְלֶעךְ ווִי אִין דֶער הַיים בַּיים טִישׁ — גִיכֶער, ווָארוּם דֶער קָאנְדוּקְטָאר וֶועט דֶערְזֶעהְן וֶועט עֶר נִיט אַרַיינְלָאזֶען דֶעם זַאק אוּנ הַייסֶען אִיהם אַרַיינְגֶעבֶּען אִין בַּאגַאזְשׁ. —

וֶוען דֶער זַאק אִיז אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין ווַאגָאן, הָאט מֶען עֶרְשְׁט גֶעזֶעהֶען פְרִיהֶער גֶעהֶען אַיוּדֶען מִיט אַגְרוֹיסֶע בָּארְד אוּנ לַאנְגֶע פֵּאוֹת אָנְגֶעטְהוּ! אִין אַטוּלוּפּ (פֶּעלְץ) אוּנ פוּן אוֹיבֶּען אַבוּרְקֶע, בֵּיידֶע הָאנְד פַארְנוּמֶען מִיט קְלוּמֶעקְלֶעךְ, נָאךְ אִיהם אַיוּדֶענֶע פַארְבּוּנְדֶען דֶעם קָאפּ מִיט זִיבֶּעצֶען טִיכְלֶעךְ, אָנְגֶעהַאנְגֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען מִיט קְלוּמֶעקְלֶעךְ, פַארְבּוּנְדֶענֶע טִיכְלֶעךְ, אַצְווֵיי פֶעטֶע טָאפְּלֶעךְ, מִיט אַלֶערְלֵיי בִּינְטְלֶעךְ.

כִּמְעַט דֶער גַאנְצֶער ווַאגָאן אִיז גֶעוָוארֶען פוֹל פוּן זֵייעֶרֶע קְלוּמֶעקְלֶעךְ, דָאס הָאבֶּען

זיי אַלץ פּאַרוקט אונטער די בענקלעך, נאָר עפּעס פון זיי אַליין איז פול און ענג געוואָרען דער וואַגאָן, מיט זייער אַרומדרעהען זיך און געדרודערייי אויפן קול איז געוואָרען אַגאַנצער יריד.

איינגע קריסטען האָבען באַמערקט:

— קוקט נאָר אָן — איין יוד איז אַריין, זעהט וואָס עס טהוט זיך, מען האָרט איהם גרילצען פון אַלע זייטען, יעדען מאַכט ער ענג.

ערשט איצט אַז זיי האָבען זיך אויסגעזעצט, זענען זיי געוואָרען שטיל. אפשר דערפאַר וואָס זיי ... מיעד געוואָרען פון דער שטופּעריי האָבען זיי זיך אָבגערוהט, און אפשר דערפאַר וואָס די יודענע האָט פאַרשטאַנען אַז ווען מען געפינט זיך צווישען מענשען דאַרף מען האָבען „אַפּנים פון מענשען“.

און ווירקליך ניט נאָר זי איז געבליבען שטיל, נאָר זי האָט אויך אָנגעהויבען צורעכט מאַכען איהר קאָפּ, אַז אַלע זיבעצען טיכלעך וואָס זענען אַרומגעבונדען זאָלען ליגען גלייך, כדי זי זאָל „אַפּנים האָבען פון אַמענשען“; דעם מאַן האָט זי ווי אַ מוטער אַקינד באַמערקט ער זאָל שטעלען דעם קאַשקעט (היטעל) גלייך, די פּאות אַביסעל אויסגלייכען, כדי ער זאָל האָבען „אַפּנים פון אַמענשען“

זי האָט נאָך אַמאָל פאַרריכט איהר טואַלעט, אין דער זייט אַקוק געטהון אויף דעם מאַן צו זיצט ער ווי עס דאַרף צו זיין, אַז ער זאָל האָבען „אַפּנים“; ער האָט פאַרשטאַנען איהר קוק און זי געפאָלגט ווי אַקינד וואָס האָט מורא פאַר דער מאַמען.

חאָטש באמת האָט ער זיין ווייבס לאָגיקע מיט איהרע פאָרמאַלנאָסטען אַז מען דאַרף האָבען „אַפּנים פון אַמענשען“ אין גאַנצען געהאַלטען פאַר אַנאַרישקייט, פאַר אַווייבערישע זאַך, וואָרום וואָס איז דער חילוק: ביי זיך אין דער היים אָדער צווישען מענשען, מען איז זיך אומעטום איוד, אַלץ איינס שוואַרץ יאָהר, ער וואָלט אפילו אַבעלן געווען דאָ אין דעם וואַרעמען וואַגאָן אַראָבוואַרפען פון זיך אַלעס און בלייבען שטעהען אין די אַרבעל, נאָר פאַר זיין ווייב פלעגט ער שטענדיג מורא האָבען, זי האָט זיך אין דערהיים און אין קלייט שטענדיג גערעכנט פאַר אַחכמת, פאַר דער בריה, דאַרום האָט ער זי איצטער אויך געפאָלגט און איז געזעסען סטאַטעטשנע.

VI.

נאָר באַל מאַנט אַז ער האָט נאָך קיין מעריב ניט געדאַווענט,
דאָ האָט ער פּ אַנצער מורא פון זיין ווייב, ער האָט זיך אַוואָרף
געטהון ווי אַהו בונדען אַלע קלומעקלעך, אַרויסגעשלעפּט אַפּלאַש
וואַסער, אַהאַל ויף דעם פּאַל, אָנגעמאַכט אַליאַפּ ווי אין אַבאָד
און זיך געשטעי ערד און פּאות, מיט האָנד און מיט פּיס — דאַווענען
מעריב מיט אַז געשוויטשערייי אַז עס האָט געשושקעט געשווישטשעט
איבער דעם גאַ ווייב האָט ניט געוואַגט איהם איבערשלאָגען.

חאטש זי האט געזעהן אז פון אלע זייטען טייטעלט מען מיט די פינגער און מען לאכט, „מען מוז שווייגען, מיר זענען דאך אין גלות" — האט זי ביי זיך געטראכט און האט עס אנגענומען פאר ליעב און געשוויגען.

די קריסטען וואס זענען געזעסען אין וואגאן האבען געקייכט פאר געלעכטער, און די יודען האבען געזאגט: אז אין וואגאן קען מען דאווענען שטיל אהן אזא געפילדער, אז מען זאל ביי יענעם ניט האבען אפנים ווי א משוגענער און מען זאל האבען וואס חוזק צו מאכען פון יודען, גאט נעמט אן שטילע תפלות אויך.

נאר ער האט אפילו ניט באמערקט וואס עס טהוט זיך ארום איהם און האט זיך געטהון זיינס; און ווען ער זאל אפילו יא באמערקען, וואס ארט דאס איהם אז ער וויל זיך מיט גאט אויסטענען ווי איהם געפעלט.

נאך מעריב האט ער זיך ווייטער געזעצט אויף זיין ארט שטיל, פונקט ווי פריהער, ווי גלייך עס איז מיט איהם גאר נישט געשעהן, ער האט אפילו געווארפען אין דער זייט אויגען טאמער וועט ער ערגעץ דערזעהן עפעס איודעלע ער זאל האבען מיט וועמען צו רעדען פון וועלטזאכען, ווארום ווען ער וועט קומען אהיים וועט מען זיך איהם אין קלויז ארומשטעלען און פרעגען: „וואס הערט זיך עפעס אויף דער וועלט?" און ער וועט אפילו ניט וויסען וואס צו ענטפערן; נאר ער האט קיין יודען ניט געקענט דערקענען, ווייל אין וואגאן האט געברענט טונקעל אין יענעם ווינקעל דער לאמטערן דארום האט מען גאר ניט געקענט זעהען. —

ליידיג זיצען, סטאטעטשנע, ווי זיין ווייב האט איהם אלע ווייליע געוואונקען, האט ער לאנג ניט געקענט, אזוי פאהרען און שווייגען דעם גאנצען וועג — פאסט נאר פאר אפאניטש אדער פאר אפריצטע, אבער ניט צו קיין יודען וואס דער קאפ דרעהט זיך איהם שטענדיג און פליהט...

אויף זיין גליק איז אנגעקומען דער קאנדוקטאר מיט זיין ליכטיגע לאמטערן פרעגען אויף בילעטען; אדאנק דער ליכטיגער שיין, האט אונזער סטאטעטשנער פאסאזשיר דערקענט אין איסאאק סאלאמאנאוויטש, זיינעם איין אלטען גוטען באקאנטען פון דער יוגענד „איציק ר' שלאמקעס"; חיים ליב איז דערפון אזוי פרעהליך און דערהיצט געווארען אז ער האט אין אלעם פארגעסען, אפילו אן דער מורא פון זיין שפרה געגענדעל. —

— איציקעל, דיך זעה איך!... האט דער סטאטעטשנע פאסאזשיר אויסגעשריען מיט פרייד און איהם אריינגעשטעקט אברייטען שלום עליכם.

איסאאק סאלאמאנאוויטש האט איהם באלד אויך דערקענט און האט זיך אויך זעהר דערפרייט וואס ער האט זיך באגעגענט מיט זיינעם איין אלטען גוטען ברודער פון דער יוגענד; זיי האבען אסאך יאהרען צוזאמען געלערנט אין איין חדר, אין איין קלויז אין זייער געבורטסשטאט N. חאטש זיי פלעגען זיך אפט קריגען דערפאר וואס איציקעל האט זיך גענומען אין דערזייט און חיים ליב איז געבליבען עד היום אאיש תם, נאר די יאהרען האבען פארגעסען געמאכט זייער שנאה און זיי זענען גע-

בליבען גוטע פריינד; פון דער צייט אן זינט זיי האבען זיך צושיידט זענין שוין דא עטליכע און צוואנציג יאהר.

די גאנצע צייט האבען זיי זיך עטליכע מאל באגעגענט אין וועג און דאס האט זייער פריינדשאפט נאך מעהר פארבונדען, און איינער דעם אנדערן האט ניט גע־שטערט זיך געהען אויף זיין וועג, חיים ליב האט ניט אויפגעהערט ווי תמיד זיך פיהרען זיין חסידיש לעבען, און איסאאק סאלאמאנאוויטש — זיין אייראפאאיש לעבען. —

שוין א יאהר אכט אז זיי האבען זיך ניט געזעהן, און גערעכענט זיך שוין קיין מאל ניט צו באגעגענען, זיי האבען שוין כמעט איינער אן דעם אנדערן פארגעסען, נאר ווי זאגט מען „א בארג מיט א בארג קען זיך ניט באגעגענען, אבער מענשען כל זמן זיי לעבען באגעגענען זיך״.

—ע! אפנים דו ביזט טאקע געווארען א גרויסער דייטש וואס איך האב דיר ביז אהער ניט דערקענט—האט חיים ליב ניט אויפגעהערט צו רעדען אויף א קול און זיך וואונדערן ווי דער אמאליגער איציקעל האט זיך אזוי פארביטען אז עס איז שווער צו דערקענען צו ער איז א יוד. —

— ניין, ברודער, ניט דערפאר; מיר זענין עלטער געווארען דארום האבען מיר זיך ניט דערקענט, האט ער געענטווערט מיט א זיפץ — וואו פאהרסט דו עס? דאס איז דאכט זיך דיין פלונית׳טע?..

שפרה געגענדעל האט דערהערט אז ער רעדט פון איהר, האט זי זיך צורעכט געמאכט די טיכלעך פון קאפ, אראבגעלאזט די פינף אויבערשטע פארקאטשעטע קליידלעך, מיט ביידע פינגער פון דער רעכטער האנט אבגעווישט די ליפען, דערנאך זיי צונויפגעצויגען אין א רינגעלע, פונקט ווי א קליין קינד מאכט חיינדלעך מיט דעם פיסקעלע, דערנאך מיט דער אייגענער האנד אנגעהויבען שלעפען דאס ווייסע נאטיכעל פון דעם פינפטען הינטערשטען קליידעל און זיך אנגערופען:

— יא דאס איז מיין מאנן, ער זאל מיר געזונד זיין, איך זאל דערלעבען מיט איהם ביי אונזער מוזיניק צו דער חופה אז מיר זאלען האבען נחת אין אלע קינדער און אין כל ישראל. מיר פאהרען איצטער צו אונזער זעלדעניאן, זי זאל אונזערע ביינער איבערלעבען; די גאנצע צייט וואס זי איז געוועזען, איך בעט איבער אייער כבוד, אויף דער צייט, האב איך זיך ניט געקענט ארויסרייסען, אלץ אבגעלעגט פון טאג אויף טאג און ניט געקענט—די קלייט ניט געהאט אויף וועמען איבערצולאזען אויף אמינות, אומשטיינס געזאגט אויף איהם איבערלאזען די קלייט איז גלייך ווי איך זאל זי לאזען הפקר, שוין גלייכער זי פארמאכען, נאר קען איך פארמאכען אפילו אויף א מינוט אז דאס קלייטעל איז די גאנצע פרנסה, אומשטיינס געזאגט, מען זאל ניט זינדיגען מיט די רייד; האב איך זיך אלץ געקליבען א גאנצען זומער און ניט געקענט, איצטער איז ביי אונז א בלאטע איבערן גארטעל אז קיין לעבעדיגער מענש קומט ניט אין שטאדט, מען זיצט איבער דעם גאנצען טאג און מען לייזט ניט א גראשען חאטש פארמאך די קלייט און ויץ אין דער היים, און דא האב איך באקומען פון זעלדעניאן אז זי איז שוין

ג״ה בְּשָׁלוֹם, אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט בַּיי דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג, אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, פַאר וָואס זָשֶׁע זָאל אִיךְ נִיט פָאהרֶען? אַז נִיט אִיצְטֶער אִין אַזַא בְּלָאטִיגֶער צַייט, וֶוען דֶען קֶען זִיךְ אַייד אַרוֹיסקְלַייבֶּען פָאהרֶען הָאבֶּען נַחַת פוּן קִינְדֶער? הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶועזֶען אוּנ הָאבּ פַארְמַאכְט דִי קְלֵייט אוּנ מִיר פָאהרֶען אוֹיף אַשַּׁבָּת צוּ זֶעלְדִינְקָא. זָאל לֶעבֶּען אוּנ זַיין גֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק, מִיר זָאלֶען אִין אִיהר הָאבֶּען פִיעל נַחַת אוּנ אִין כָּל יִשְׂרָאֵל...

שִׁפְרָה גֶענֶענְדֶעל הָאט זִיךְ אוֹיף קֵיין מִינוּט נִיט אָבְּגֶערוּהט אוּנ נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדֶען; חַיִּים לֵיבּ אִיז גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן דֶער הוֹיט אוּנ גֶעוָואלְט עֶפֶּעס אוֹיסרֶעדֶען מִיט זַיין אַלְטֶען גוּטֶען פְרַיינְד, נָאר אֵיין קוּק שִׁפְרָה גֶענֶענְדֶעלְס הָאט אִיהם אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּנ עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען זִיצֶען ווִי אַשְׁטוּמֶער. וָוארוּם וֶוען שִׁפְרָה גֶענֶענְדֶעל אִיז אַחָכְמָה, אַבְּרִיָּה אִין קְלֵייט, דַארוּם הָאט זִי גֶעקֶענְט אוּנ גֶעווּאוּסְט צוּ רֶעדֶען מִיט מֶענְשֶׁען אוּנ מִיט וֶועגֶם לֵייט.

IIV.

אִיסַאַק מַאלָאמָאנָאווִיטְשׁ הָאט אָבֶּער גֶעקֶענְט אַזוֹינֶע יִידִישֶׁע ווַייבֶּער אוּנ פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי וֶועט בַּאלְד מִיט אִיהם אַרַיינְקְרִיכֶען אִין דִי קִיךְ־טָאפּ אוּנ דָא וֶועלֶען אַנְדָערֶע אִיהרֶע נַיין מָאס רֵייד קֵיין עֶנְדֶע נִיט נֶעמֶען, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען ווִי חַיִּים לֵיבּ ווִיל עֶהר רֶעדֶען, דַארוּם אִיז עֶר אִיהר אַלֶע מָאל אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין דִי רֵייד אוּנ אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעדֶען מִיט אִיהם. זִי הָאט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט גֶעקוּקְט דֶערוֹיף וָואס עֶר רֶעדְט מִיט חַיִּים לֵיבּ׳ן, אוּנ הָאט טַאקֶע בַּאזוּנְדֶער נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדֶען, אַזוֹי אַז אַלֶע דְרַייא הָאבֶּען צוּ זַאמֶען גְלַייךְ גֶערֶעדְט.

— שׁוֹין לַאנְג אַז דוּ הָאסְט דַיין טָאכְטֶער חֲתוּנָה גֶעמַאכְט? הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט חַיִּים לֵיבּ׳ן.

— שׁוֹין ב״ה פִינְף יָאהר, בִּיז הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר.

— ווִי זָשֶׁע גֶעהט עֶס אִיהר? זִי אִיז בַּיי דִיר דָאס עֶלְטְסְטֶע קִינְד?

— זִי זָאל מִיר זַיין מִיט יָאהרֶען, זִי אִיז בַּיי מִיר דִי דְרִיטֶע. מַיין עֶלְטֶערן זוּהְן הָאבּ אִיךְ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט קֵיין סָאקָאלִיוְקֶע, דִי עֶלְטֶערֶע טָאכְטֶער קֵיין לָאקָאשִׁיוְקֶע, מַיין זֶעלְדִינְקָא זָאל לֶעבֶּען — קֵיין פָּאפִּיוְקֶע, נָאךְ אַקִינְד טַאקֶע נִיט ווַייט פוּן בֶּעלָאפַּאנִיצֶע אוּנ מַיין מֵיידֶעל פוּן אַיָאהר צְוֶועלְף זִי זָאל מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין, רֶעדְט מֶען פוּן טָארָאנוֹויצֶע. גָאט זָאל מִיר נָאךְ הֶעלְפֶען בַּיי מַיין מוּזִינִיק, אַיוּנְגֶעלֶע פוּן זִיבֶּען יָאהר הָאבּ אִיךְ, עֶר זָאל מִיר מַיינֶע בַּיינֶער אִיבֶּערְלֶעבֶּען, וָואלְט אִיךְ שׁוֹין נִיט גֶעהַאט קֵיין טַעֲנוֹת צוּ גָאטְט. —

— ווִי אַזוֹי זָשֶׁע גֶעהט דַיינֶע אַלֶע קִינְדֶער וָואס דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט?

— גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט! אִיךְ בִּין בַּיי זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען נִיט וֶוערְטָה דֶעם חֶסֶד וָואס עֶר טְהוּט מִיט מִיר. מַיין עֶלְטֶערֶער זוּהְן אִיז שׁוֹין ב״ה אַלֵיין אַבַּעַל בַּיִת, אַסוֹחֵר

דער צווייטער איז, ניט צו פארזינדיגען, אריינגעפאלען אין אשמאלץ גרוב—אייביגע קעסט; די אנדערע געהט אויך ב"ה זעהר גוט, געלויבט איז גאט איך האב אין זיי פיעל נחת, עס זאל מיר גאר ניט פארשטערט ווערען און זאל אין זיי האבען נאך מעהר נחת. —

— נא ווי אזוי געהט עס זעלדען צו וועלכער איהר פאהרט איצט צו גאסט ?

— צו זעלדיניאן ? פארשטערט זאל עס מיר ניט ווערען רבש"ע, איהר איז ב"ה בעסער פון אלע, זי איז שוין ב"ה אליין אבעל־בית'טע — זי איז אגבירטע—אנגידות'טע בהמות מיט מילך און פוטער און מיט אלעם גוטען און מיט אגעבענשטער שטוב.

— מיט וואס באשעפטיגט זיך איהר מאנן ?

— איהר מאנן ? — אויף אלע יודען געזאגט געווארען, ער וואהנט אין דארף פאפיוקע ווי אפאמעשטשיק, ער איז אחשוב ביי די גרעסטע פריצים און ביי דער גאנצער נאטשאלסטווא. —

די אלע ווערטער וואס חיים ליב האט געענטווערט, האט פארשטעהט זיך שפרה געגענדעל פריהער אויסגעהאפט און אויך געענטווערט אויף איסאאק סאלאמאנאוויטשעס פראגען; ביידע צוזאמען האבען דערצעהלט זייער נחת פון זייערע קינדער מיט אזא פרייד, מיט אזא גדולה, ווי נאר עלטערן קענען זיך פרייען ווען די קינדער געהט גוט און זיי האבען נחת.

זייערע רייד האבען אזוי געווירקט אויף איסאאק סאלאמאנאוויטשען אז עס האט איהם געבראכט צו טהרערען.

ער האט זיך אליין אקוראט קיין חשבון ניט געקענט אבגעבען וואס אייגענטליך האט איהם געבראכט צו טהרערען: צו פרייד וואס ער זעהט פאר זיך אזוינע גליקליכע עלטערן וואס האבען נחת אין קינדער, צו אפשר דערפאר וואס ער האט איצטער געזעהן ווי אין אשפיגעל ווי ער איז איין אומגליקליכער פאטער און זעהט ניט ארויס קיין שום נחת פון זיינע קינדער.

און איסאאק סאלאמאנאוויטשען איז באלד ארויף אויף די געדאנקען:

— חיים ליב וואס רעכענט זיך אקעגען מיר אקבצן, ער האט אשטיקעל קלייטעל אין אקליינעם בלאטיגען שטעדטיל וואס איז ווערטה בסך הכל צוויי אדער דריי הונדערט רובעל (ווער ווייסט צו עס איז ניט קיין געליהענע און ער צאהלט נאך פראצענט!) זיינע אלע קינדער ערציהען קאסט איהם אפילו ניט איין הונדערט חלק וואס מיך קאסט איין קינד, און וואס? — ער האט חתונה געמאכט שוין כמעט אלע קינדער, געוויס יעדען קינד נדן געגעבען און שאן אויסגעקליידעט אויף וויפיעל ער האט געקענט, און איצטער האבען זיי שוין דערלעבט פון זיי איינקלעך, אלעמען געהט גוט, זיי האבען נחת און פאהרען איצטער האבען נחת! חיים ליב האט געוויס אזוי אין זיין לעבען

ניט געהאָרעוועט און ניט פֿאַרשוואַרצט געוואָרען ווי איך, ער האָט כּמעט קיין מאָל
קיין צרות ניט געהאַט; ווי ער איז אַרויס פֿון קלויז האָט ער באַלד חתונה געהאַט
ווי „טאַטע מאַמע האָבען געהייסען", זיך פֿאַרשפּאָרט קריגען, ווי איך, מיט טאַטע מאַמע,
מיט משפּחה, מיט אַלערליי שלעק פֿון יעדען איבערטראָגען און איבערליידען, פֿאַרשוואַרצט
ווערען ווי איך, איידער זיך דערשלאָגען אַ וועג צום לעבען, ער האָט דאָס אַלעס פֿאַר־
שפּאָרט און איז גליקליכער פֿון מיר, ער האָט דערלעבט אַזוי פֿיעל נחת אין זיינע
קינדער, און איך—אַזוי פֿיעל צרות! ער איז איצט אויף דער עלטער אַזוי פֿרעהליך און
גליקליך און איך?—אַזוי טרויעריג פֿון צרות אויף דער עלטער!..

איסאַאַק סאַלאָמאָנאָוויטש איז שטענדיג געוועזען צופֿרידען מיט זיין לאַגע. צו
קיין רייכקייט האָט ער קיין מאָל ניט געשטרעבט, ובפֿרט נאָך מקנא זיין יענעם וואָס
יענער איז גליקליך. נאָר איצטער האָט ער—איסאַאַק סאַלאָמאָנאָוויטש, שטאַרק מקנא
געוועזען זיין חבר חיים ליב'ן, מיט וועלכען ער פֿלעגט זיך שטענדיג קריגען פֿאַר
וואָס חיים ליב וויל ניט וויסען פֿון דער ליכטיגער שיין פֿון דער בילדונג...

VIII.

דער פּאָיעזד איז זיך געגאַנגען מיט זיין גאַנג. אין דער צייט וואָס אונזערע צוויי
אַלטע חברים האָבען צווישען זיך איבערגערעדט, איז ער אָבגעלאָפען עטליכע סטאַנציעס
און צו דער קליינער סטאַנציע „גניעוויין" וואו די גליקליכע עלטערן האָבען באַדאַרפֿט
אַראָבגעהן, איז אין גאַנצען געבליבען איין סטאַנציע ד. ה. דריי פֿערטיל שעה צייט.—

ביידע אַלטע חברים האָט באַנג געטהון זיך אַזוי גיך צו שיידען, זיי האָבען זיך
אַפֿילו אין גאַנצען ניט אויסגערעדט ווי עס דאַרף צו זיין! אַלעס ווי מען האָט אַמאָל
צוזאַמען געלעבט, צוזאַמען שלעכטס און גוטס געזעהן א. ז. וו.

נאָך מעהר האָט באַנג געטהון חיים ליב'ן, ווייל איהם איז געוועזען פֿרעהליכער
אויף דעם האַרצען.

ער האָט עטליכע מינוט געטראַכט: וואָס טהוט מען עפּעס אַז זיי זאָלען ביידע
נאָך פֿאַרברענגען צוזאַמען, פּלוצים איז ער געפֿאַלען אויף אַ פּלאַן און האָט זיינע ביידע
האַנד אַרויף געלעגט אויף זיין חבר'ס אַקסעל:

— הער נאָר ברודער: זאָג מיר נאָר, וואו פֿאָהרסט דו?

— וואָס הייסט? איך פֿאָהר וועגען מיינע געשעפֿטען, איך דאַרף זיין אין עטליכע
צוואָדען און דערנאָך וועל איך פֿאָהרען צוריק אַהיים קיין ק.

— היינט איז דאָנערשטאָג ביי נאַכט, איציק!..

— נאָ וואָס זשע איז? האָט ער איהם געפֿרעגט פֿאַרוואונדערט.

— מאָרגען איז פֿרייטאָג—זאָג מיר דעם אמת, דו פֿאָהרסט אום שבת אויך?

— וואָס אינטערעסירען דיר נאָך אַזוינע זאַכען ווי יענער פֿיהרט זיך, פּונקט ווי

אמאל אז מיר זענען געוועזען יונגעלייט און זיך געקריגט איבער יעדער פוסטע זאך, אפילו צו מעג מען טראגען אקאפאטע (סורדוט) מיט אשפאלט; דענסטמאל האט אונז געפאסט, אבער איצטער זענען מיר שוין גרויסע יודען!

— ניין, ניט אקעגען דעם פרעג איך דיר, איך פרעג דיך אקעגען עפיס אנדערש, אויב דו פאהרסט ניט?

— ניין, איך פאהר ניט, שבת רוהע איך שטענדיג גלייך מיט אלע יודען, נא אקעגען וואס זשע פרעגסט דו?

חיים ליב איז אונטערגעשפרונגען פאר פרייד.

— אויב אזוי, וויל איך דיר עפעס בעטען, נאר דו זאלסט מיר ניט אבזאגען—פאהר מיט אונז אויף שבת צו אונזערע קינדער...

חיים ליב האט געזעהן ווי זיין חבר שווייגט, ד. ה. ער קען זיך עפעס ניט בעשליעסען צו פאהרען אדער ניט צו פאהרען, אבזאגען פאסט ניט קיין חבר, יא פאהרען — האט ער קיין צייט ניט; דאס אלעס האט ער אויף זיין פנים איבערגעלייענט און האט איהם ניט אבגעלאזט:

— פאלג מיך, וואס טראכטסט דו לאנג? דארפסט דו דעם שבת פארברענגען ערגעץ אין איין אבסבניא צווישען פרעמדע, איז גלייכער צווישען היימישע, און גוטע פריינד; ווען קענען מיר זיך נאך אמאל באגעגענען? גאטט ווייסט!.. אז גאטט האט אונז יא צונויפגעפיהרט, לאמיר פארברענגען א גוטען טאג צוזאמען, חלעבען איך האב אויך קיין צייט ניט און אי"ה באלד זונטאג אין דער פריה פאהרען מיר אויך אהיים, וועלען מיר צוזאמען צופאהרען צום וואקזאל. חלעבען דו וועסט קיין חרטה ניט האבען, דו וועסט זיין אטהייערער גאסט ביי מיינע קינדער און מיר וועלען פארברענגען גוט און פרעהליך דעם שבת. חלעבען טראכט גאר ניט מעהר און פאהר מיט אונז, וואס האט מען אנצוווערען, אלץ איינס, מיר וועלען אייביג ניט לעבען, מיר זענען שוין אלטע יודען, מיר וועלען סאי ווי סאי גיך שטארבען, אלץ איין שווארץ יאהר, לאמיר חאטש לעבען א גוטען טאג! יא הער אויף צו טראכטען, עט געהט שוין באלד צו דער פאיעזד, נעהם צוזאמען דיינע קלומעקלעך.

שפרה געגענדעל האט צוזאמענגענומען אלע איהרע ניין מאס רייד איהם איבער-צורעדען ער זאל פאהרען מיט זיי, און ווי עס איז באקאנט: איודענע קען אפילו איבער-רעדען דעם רוח ובפרט נאך אפראסטען בשר ודם.

איף דער סטאנציע געזעגען זענען זיי אלע דריי אראבגעגאנגען. —

IX.

פון דער סטאנציע ביז אין דארף פאפיווקע וואו זייער טאכטער זעלדיניא האט געוואהנט האט מען נאך באדארפט פאהרען מיט אפוהר עטליכע ווערסט.

ניין איינער אבענד איז אנגעקומען דער פאיעזד אויף דער סטאנציע. באלד האבען זיי געדונגען אקריסטליכע פוהר פאר דריי גילדען, ד. ה. צו גילדען אפארשוין; נאר ווען דער קריסט האט דערזעהען שפרה געגענדעלם קלומעקלעך, האט ער זיך אזוי דערשראקען ביז מען האט איהם געמוזט צולעגען נאך אגילדען. ער זאל קומען צו זיך, דענטסמאל זענען זיי מיט מזל אוועקגעפאהרען

אין אנהויב, איידער איסאאק סאלאמאנאוויטש האט זיך איינגעזעסען אויף דער פוהר, האט איהם אפילו באנג געטהון וואס פלוצים פון דער העלער הויט איז ער געפאהרען גאסטען, אונ ער האט אנגעהויבען אליין זיך עסען דאס הארץ:

— בין איך דען אפוסטע־פאסניק? האב איך דען מעהר ניט וואס צו טהון?

נאר ווען ער איז שוין אבגעפאהרען צווערסט ווייט פון דער סטאנציע אונ האט מעהר ניט געזעהען ארום זיך ווי הימעל, גרינע פעלדער, שמעקענדיגע וועלדער, די פרייע פרישע לופט; דאס אלעס האט אויף איהם אזוי גוט געווירקט אז עס האט איהם אנגעהויבען שטארק הנאה טהון וואס ער איז געפאהרען, ער האט ביי זיך בארעכענט אז חיים ליב איז טאקע גערעכט וואס ער זאגט: „אלץ איין שווארץ יאהר, סאי ווי סאי וועט מען שטארבען; לאז מען חאטש לעבען אגוטען טאג". —

די ליעבע נאטור, די פרייע פעלדער האט אלע מאהל אויף איהם מעהר געווירקט אזוי שטארק, אז ער האט פארגעסען אן אללע זיינע צרות, אן אלע זיינע געשעפטען מיט וואס ער איז פארנומען טאג אונ נאכט. מיט איין ווארט—ער האט זיך געפיהלט פריי ווי איונגער מאנן וואס האט נאך אויף זיך קיין שום פפליכטען נים, אלעס איז פאר איהם גרייט, אלעס איז באשאפען געווארען צו ליעב זיינע פערגניגען, אונ די שאנע פרייע פעלדער אונ וועלדער איז אויך פון זיינטוועגען...

— ווי גוט, וואס איך האב חאטש זיך אויף אמינוט אין גאנצען ארויסגעשפאנט פון דעם איביגען יאך אונ לעב חאטש אמינוט פריי! ווען חיים ליב זאל מיך ניט געוועזען צורעדען וואלט איך אויך אפשר אזוי מיינע אלע יאהרען אבגעלעבט אונ זיך ניט אויסגעקליבען אמינוט צייט צו לעבען פריי אונ גוט.

ווען ער האט דאס אלעס געטראכט ביי זיך, האט ער ניט אויפגעהערט מקנא צו זיין חיים ליב'ן, ווי ער ווייסט גוט צו לעבען.

חיים ליב מיט זיין ווייב האבען דעם גאנצען וועג אפילו ניט באמערקט די אלע פערגעניגען פון דער ליעבער נאטור וואס איסאאק סאלאמאנאוויטש האט איבערגעפיהלט. אונ באמת, וואס קעהר זיך אן די רייכע נאטור מיט שפרה געגענדעל אדער אפילו מיט חיים ליב'ן? — זיי זענען דעם גאנצען וועג געוועזען פארנומען מיט עפעס אנדערש אונ האבען שטארק איבערגערעדט צווישען זיך וועגען דער באהן אונ וועגען דעם קריסט.

— היינט זעה ווער איז גערעכט, איך צו דו? היינט זעה ווי מיט דיינע קריסטען איז גוט צו פאהרען, אונ דו האסט נאך געוואלט דינגען אקריסט פון בעלאפיאניצע; למשל ווען מיר זאלען איצטער פאהרען מיט דער באהן וואלטען מיר שוין לאנג געוועזען ביי זעלדיניאן אונ איצטער שלעפען מיר זיך באנאכט, אלץ איבער דיינע קריסטען!

— פון דעסטוועגען וואלט איך ניט פארביטען איין קריסט פאר דיינע אלע מאשינען, אומשטיינס געזאגט, מיט דער מאשין ווייסט מען דען אז מען פאהרט? שטענדיג אין איילעניש אין פליהעניש, שטענדיג קיין צייט ניט, שטענדיג ווערט מען אן, שטענדיג האט מען מורא טאמער וועט דער סטאראזש געבען א קלונג.

— זעצט מען זיך פריהער אויף דער מאשין איידער דער סטאראזש קלינגט, פאר־שפארט מען די אלע שרעקענישען. —

— גוט איז דיר צו זאגען אז דו ביזט ניט קיין בעל בתטע און האסט אפילו צייט זיך איינצוקוקען אין קלויז אויף א גאנצען טאג. —

— אז מען האט קיין צייט ניט זיצט מען אין דער היים פאהרט מען ניט.

— זיצט מען אין דער היים! פאהרט מען ניט! איז שפרה געגענדיל געווארען אין כעס, אומשטיינס געזאגט, ביי דיר איז אלעס רעכט אפילו ווען גאט העלפט אז א קינד קומט איבער בשלום; ביזט דען א טאטע ווי אלע טאטעס? ביי דיר איז אלעס רעכט! אוודאי איז דיר אזוי גרינג צו רעדען אז דיר קומען אן קינדער אזוי גרינג...

שפרה געגענדעל האט זיך צווויינט אדער גלייכער געזאגט צו פעסטעט פאר דעם מאן, כדי זיינע גוטע ברידער זאלען אליין זעהען ווי זי האט ביי איהם פון תמיד אן א פינסטערע וועלט.

דא האט איסאאק סאלאמאנאוויטש געבעך געמוזט אוועק ווארפען זיינע פרייע געדאנקען און זיך אריינמישען צווישען מאן און ווייב.

— וואס איז פלוצים פאר וויינען? האט ער געפרעגט.

דא האט זי זיך ערשט צו חליפעט:

— איהר פרעגט מיך, ליעבער יוד, וואס איך וויין? איך מעג אוודאי וויינען אויף מיינע יאהרען און טאג וואס איך בין גאר צו איהם אנגעקומען.

— נא, עס איז שוין איצט ניט כדאי פאר אייך זיך צו קלאגען; איהר האט שוין ברוך השם מגדל געוועזען צוזאמען קינדער און וועט שוין ביז הונדערט און צוואנציג יאהר אזוי אבלעבען די וועלט.

— קינדער! אייך מאנסבילען איז גרינג אזוי צו זאגען, מיינער האט אסך גע־האריעוועט אויף די קינדער? ווען ניט איך און פריהער גאט, און איהם קימט עם אלץ אזוי גרינג אן און ער ווייסט אפילו ניט ווי מיך צו שעצען. —

חיים ליב האט געבעך איצט געשוויגען ווי א פארשולדיגטער, ער האט שוין געקענט זיין שפרה געגענדעל, ווי באלד עס האט זיך נאר געפונגען א פרעמדער מענש, האט זי ליעב געהאט ארויסצושפרינגען און זיך קלאגען וואס פאר א שלימזלטע וועלט זי האט, האטש ער האט קיין מאל ניט געוואוסט פאר וואס; ער האט ליעב געהאט זיין

שפרה געגעגרעל, זי איהם אויך, אונ איינס פאר דעם אנדערן וואלט ניט אוועקגעגעבען קיין זאק בארשט, נאר אזוי האט זי שוין ליעב געהאט, אבי זיך פעסטען כדי ער זאל זי איבערבעטען. ער האט ווי תמיד איצטער אויך געוואלט איהר צוליעב טהון, אונ זי איבערבעטען, נאר ווען זיין גוטער ברודער האט איהם אנגעהויבען שטראפען אז עס איז זעהר ניט שאן וואס ער שאצט ניט זיין ווייב, איז חיים ליב אביסיל ברוגז געווארען אויף זיין ווייב וואס זי טשעפעט זיך צו איהם אומזיסט אונ געענטווערט אוועקמאכענדיג מיט די האנד:

— עט, זי איז גאר איודענע.

דא האט זי זיך אויפגעהאפט:

— היינט זעהט איהר שוין, מיין ליעבער יוד, ווי ער בעגעהט זיך מיט מיר! וואס פאר אדאליע איך האב ביי איהם, היינט זעהט איהר שוין!... נאר וואס העלפט עס וואס די גאנצע וועלט זענין מיינע עדות ווי ער באגעהט זיך מיט מיר!...

זי האט גענומען דאס טיכעל צו די אויגען, איסאאק סאלאמאנאוויטש האט גוט אויסגעמוסערט זיין גוטען ברודער דערפאר, ביז איהר איז געווארען גרינגער אונ זיי זענין פרעהליך אריינגעפאהרען אין דארף.

X.

ביי זעלדעניאן אין שטוב זענין שוין אלע פענסטער געוועזען פינסטער, זי איז געלעגען אין בעט מיט צוויי קינדער חוץ אפיצעלע ביי דער ברוסט, אונ איהר מאן יאנקעל אקעגען אויף דעם באנק-בעטעל אויך מיט צוויי קינדער ביי די זייטען. זיי האבען שוין געדרימעלט. זעלדע האט צום ערשטען דערהערט ווי מען קלאפט. מיט פארמאכטע אויגען האט זי אנגעהויבען שרייען:

— יאנקעל, געה עפען די טהיר, מען קלאפט, יאנקעל עפען!... יאנקעל דו הערסט, יאנקעל!... מען קלאפט, יאנקעל עפען!... יא-א-אנקעל!!!...

יאנקעל האט דערהערט, געמאכט „בררררא!" אונ זיך איבערגעקעהרט אויף דער צווייטער זייט. —

יאנקעל איז באמת געוועזען זעהר פארהארעוועט פון די היינטיגע יודישע צרה-דיגע פרנסות אין די דערפער, אונ איז ערשט פאר אהאלבער שעה געפאלען אויף זיין געלעגער ווי אדערהרגעטער.

פאר עטליכע יאהרען האט ער געהאט אשענק אין דארף, נאר אין דער לעצטער צייט זינד די וואלאסטנאי פיסארס האבען ביים נייעם פריגאווואר געהייסען, אז יאנקעל זאל ווערען אויס שענקער. „אדאנק וואס זיין איידים איז אגרויסער חשוב ביי נאטשאל-

סטווא", האט ער זיך געמאכט אקלייטיל אין דארף און חוץ דעם געהאלטען אפלעשעל בראנפען באהאלטען אונטערן בעט, און פלעגט פארקויפען זיינע באקאנטע אהן א פאטענט, נאטירליך מעהר ווי ער האט געלייזט אין קלייט. און פון דעם פלעשעל האט ער מעהר אוועקגעבארגט, ווארום ער האט פאר דער גאנצער וועלט מורא געהאט. — מיט איין ווארט, יאנקיל האט גוט געוואוסט אז זיין גאנצע הארעוואניע, זיין לעצטער גראשען קריכט אריין אין יענעם אומזיסט, נאר וואס האט ער געקענט טהון? מען דארף זיך פארט לעבען. ריהרען זיך פון ארט אין שטאדט, זאגט מען איז נאך ערגער, די שטאדט-לייט זענען מקנא די דארפסלייט, ווי אזוי עס איז קאסט דאך וואהנונג און באהייצונג וואלוועל, אשטיקעל קוה קען מען אויך האלטען, אמעסטיל קארטאפלים קויפט מען אויך וואלוועל, און טאמער גיט אב איינער אטאפ מעהל פאר וואס ער האט אנגעבארגט איז זיך אוודאי אדאנק גאט, הייגט גער מאך פון זיך אהל און ריהר זיך פון דעם ארט.

אזוי האט יאנקעל זיך געטראכט און האט ווייטער געוואהנט אין דארף, באגנוגט זיך מיט זיין שלעכטער לאגע; ובפרט ער פלעגט קומען פון דער שטאדט ווען ער פלעגט זיך אנהערען ווי יודען איז היינט שלעכט און ביטער, פלעגט ער זאגען זיין געלדען:

— געלויבט איז דער וואס לעבט איביג וואס ער פארלאזט אונז ניט מיט אונזערע קינדערלעך, און יאנקעל פלעגט ווייטער פון קלייטעל בארגען, פון פלעשעל בארגען. ווייטער געלעבט. —

פון די אלע צרות האט נאר איין יאנקעל געוואוסט. אנדערע פלעגען זיך וועגען זיין לאגע אויסדריקען ווי דער שטייגער איז ביי יודען:

— ווי אזוי געהט עס יאנקעלין אין דארף?

— עס נישט קשה, געלויבט איז גאט ער האט אדירה, ער האט אקלייט, ער האט אקוה, אלעס קאסט דארט האלב אומזיסט און גאט פארלאזט איהם ניט. —

היינטיגען טאג איז יאנקעלס הארץ געוועזען זעהר פארביטערט, עס איז שוין דאנערשטאג, עס איז שוין באלד שבת און עס איז נאך ניט דא קיין פיש ניט קיין פלייש. דעם גאנצען טאג האט ער גאר געשריבען אין ביכעל: פון איוואנען קומט, פון סטעפאנען קומט און זא ווייטער. זעלדע האט געלעבט מיט יאנקלען פונקט ווי איהר מאמע מיט דעם טאטען, דאס הייסט: געליעבט זיך און געשאלטען זיך. —

ווען זעלדע האט איהם אנגעהויבען וועקען, האט ער אנגעהויבען רעדען פון שלאף ווי דער שטייגער איז ביי די וואס ווערען אנטשלאפען שטארק פון גרוים הארעוואניע, פון פיעל דאגות און צרות, פון אסך דארען דעם קאפ.

— יאנקעל עפען די טהיר, יאנקעל!... האט זי אלץ געשריגען מיט פארמאכטע אויגען.

— בררררא... שרייבען... האט ער גערעדט פון שלאף.

— שרייבען זאל מען דיר פון קדחת, עפּען !...

— בררך... איך קלאג זיך...

— קלאגען זאל איך נאך דיין קאפּ רבונו של עולם, די טהיר !...

— ברררא... איך וואלט גענומען אפּאטענט... ברררא...

— געמען זאל דיר דער רוח טאטע הארצעדיגער, עפּען !...

— בררך... זיך איבער פיהרען אין שטאדט... ברררא...

— פיהרען זאל מען דיך שוין צום טאטער, זיסער גאט, די טהיר!... עפּען שוין !

— בררך... אוועקוואַרפען די וויסטע פרנסה ברררא...

— וואַרפען זאל עס דיך הויך ווי די הייזער, יאנקעל !...

— ברררא... פון אלע זייט דריקט מען... ברררא...

— דריקען זאל עס דיר אין די קישקעס אין אלע גדערים, טאטע געטרייער !... די טהיר !...

אין טהיר האט מען אנגעהויבען זעהר שטארק צו קלאפּען, זעלדע האט שוין קיין כח ניט געהאט צו שרייען, זי איז אראפּ מיט גרויס כעס פון בעט, וועקענדיג און טארערענדיג איהר יאנקלען, האט זי מיט איהרע לעצטע כחות און איין אטהעם אויסגעשיט אזוינע פעריל :

די הערסט גאר ניט, פארלעגען זאל עס דיר... אפינסטער, אוויסטער סוף אויף דיין קאפּ, אויף דיינע הענד און פיס, אויף דיין לייב און לעבען, איין אויסהאפּענעש מיט איין אויסשפּארעניש זאל אויף דיר אנפאלען היינטיגע נאכט רבונו של עולם ! עס זאל פון דיר ווערען ערד און אש ! פינסטער און וויסט זאל דיר זיין וואו דו וועסט זיך קערען און ווענדין מיט עשו'ס קינדער און מיט אלע מיינע ליעבע רבונו של עולם, אמן !!!

יאנקעל האט זיך אויפגעחאפּט און געלאפען די טהיר עפענען...

* *
*

א ליכט האט זיך אנגעצונדען, די קינדערלעך האבען זיך אויפגעחאפּט, טאטע-מאמע, אפּרעמדער יוד, אפּאר פאלק, קלומעקלעך, אטומאן פון דער שלעכטער ענגער נאכט-לופט.

א געשריי : טאטע, מאמע, זיידע, באבע, טאכטער, איידעם, שוועער, שוויגער ! איסאאק סאלאמאנאוויטשען דרעהט זיך דער קאפּ, עס איז ניט גוט אויף צו חלישן, נאר ער שטארקט זיך און האלט זיך אויף די פיס—ער וויל ניט פארשטערען דעם נחת.

ווען נאך די פרעהליכע קולות איז געווארען אביסעל שטילער, האט שפרה געענדעל געפרעגט די טאכטער :

— וואס האסט דו אונז אזוי לאנג געלאזט שטעהן אונטער דער טהיר ? מיר האבען אזוי פיעל געקלאפּט.

— איך האב באלד דערהערט ווי מען קלאפט, נאר איידער איך האב איהם דערוועקט, ער האט זיך געביך אזוי אנגעהארעוועט אז ער האט דעם קאפ ניט געקענט אויפהייבען, איך האב איהם אזוי פיעל אנגעשאלטען עס זאל נאר אין ים אריינפאלען. רבונו של עולם! האט זעלדע געענטפערט מיט רחמנות.

מען האט אנגעהויבען שטעלען אסאמאוואר צו ליעב די געסט. איסאאק סאלאמאנאוויטש האט זיך ארומגעקוקט, די גאנצע וואהנונג איז באשטאנען פון איין צימער מיט א קיך, חוץ עפים אלאך מיט אפענסטער וואו עס איז געוועזען די קלייט, אומעטום בלאטיג, שווארץ, קויטיג, די קינדערלעך פארשמירט, אבגעריסען, אבגעשליעסען... דעם גאנצען פרייטיגדיגען און שבתדיגען טאג איז איסאאק סאלאמאנאוויטש זעהר טרויריג געוועזען אויף דעם יודישען נחת, נאר ווען ער האט געזעהן ווי די עלטערען פרייען זיך זעהר פון זייערע קינדער און איניקלעך האט ער זיך געמאכט אז מען זאל אן איהם ניט דערקענען.

— ווי אזוי געהט אייך ר׳ יאנקעל, ווי אזוי געהט אייך אין דער פרנסה, זענט איהר צופרידען מיט אייער לאגע? האט איסאאק סאלאמאנאוויטש געפרעגט, ווייל ער איז געוועזען זעהר פארוואונדערט דערפון, ווי ער זעהט דא אזא ארומקייט, אזא בלאטיג לעבען און קיינער קלאגט זיך ניט.

— געלויבט איז גאט, האט יאנקעל געענטפערט, גאט פארלאזט ניט קיין יודען. —

— וואס איז אייער פרנסה און מיט וואס פארנעהמט איהר זיך?

— מיט וואס? האט יאנקעל געענטפערט ווי דער שטייגער איז ביי יודען אויך מיט א פראגע — מיט וואס פארנעמען זיך אלע יודען? געלויבט איז גאט, ביי היינטיגע שווערע צייטען פאר יודען, ווי פון אלע זייטען רייסט מען ארויס דעם ביסען פון זיין מויל, היינטיגע שווערע צייטען אז גאט פארלאזט מיך ניט מיט מיין ווייב און קינדער, האב איך גאר צו איהם קיין טענות ניט און געלויבט איז זיין נאמען.

איסאאק סאלאמאנאוויטש האט געזעהן אז ער וועט ביי דעם יודען זיך ניט דערפרעגען וואס ער וויל, האט ער אבגעשוויגען, און זיך נאר געוואונדערט ווי דער יאנקעל וואס לעבט אזוי ארים איז אזוי צופרידען מיט זיין לאגע.

חיים ליב מיט זיין ווייב האבען גאר אנגעקוואלען הארענדיג ווי דער איידעם האט זיצענדיג ביים טיש אזוי געלויבט גאט וואס ער פארלאזט איהם ניט. —

אזוי פרעהליך האבען די עלטערן פארבראכט מיט זייערע קינדער און איניקלעך דעם גאנצען פרייטאג און שבת. פרייטאג האט מען געגעסען זייער אברייטען ראסעלפלייש מיט פרישע בולקעס, פרייטיג צו נאכטס, שבת נאכען דאווענען, שלש סעודות, האט מען אפגעפראוועט אויף דעם העכסטען אופן מיט אלע געוועהנליכע שבתדיגע מאכלים

און מיט אסף זמירות, שבת צו נאכטס מיט א ברייטער הבדלה און מען האט געפיהלט איינער אין דעם אנדערן דעם אמת'ן יודישען נחת.

זונטאג גאנץ פריה זענען חיים ליב, שפרה געגענדיל מיט איסאאק סאלאמאנאוויטש צוריק געפאהרען צום וואגזאל גנ. עוואן. די קינדער האבען די עלטערן מיטגעגעבען א טעפעל פוטער מיט א טאפ קעז.

די עלטערן האבען א גאנצען וועג ניט אויפגעהערט לויבען גאט פאר דעם נחת.
איסאאק סאלאמאנאוויטש האט די גאנצע צוויי טאג און אויך דעם גאנצען וועג ניט אויפגעהערט טראכטען און זיך וואונדערען אויף זייער נחת.

צום סוף האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען און ברידערליך געפרעגט חיים ליב'ן:

— זאג מיר נאר ברודער, וואס איז מיט דיר אזוי די פרייד? איך מוז דיר זאגען דעם אמת אז איך זעה גאר ניט דיינע קינדער און דיר זאל אזוי זיין גוט ווי דו פרייעסט זיך, איך זעה מעהר ניט ווי זיי איז אזוי שלעכט גלייך מיט אלע יודען אין איצטיגער צייט.

— פאר וואס? האט ער פארוואונדערט געפרעגט.

— זאג מיר נאר וואס איז דאס פאר א גוטסקייט, ער וואהנט אין דארף אויף היגערשע פיסלעך, ער האט מורא אז היינט מארגען זאל מען איהם ניט ארויסטרייבען, זיין גאנץ לעבען באשטייט אין נסים, הייסט דאס אלעבען?

— וואס־זשע ווילסט דו? ווי אזוי דען ווילסט דו זאל א יוד לעבען?

— וואס הייסט ווי אזוי? — ווי מענשען, אט ווי זיי, יעדער וואהנט זיך אויף זיין ארט פערזיכערט, יעדענס פרנסה איז ביי זיי פארזיכערט, ער האט ניט קיין מורא, אט אזוי הייסט געלעבט.

— ע, ברודער! וואו ביזט דו פארקראכען! ווען יודען זאלען לעבען אזוי וואלטען זיי זיך אין גלות ניט געוועזען, און אז מיר יודען זענען אין גלות, דארפען מיר אללעס אנגעמען פאר ליעב, ווארום מסתמא הייסט גאט אז יודען זאלען נאך זיין אין גלות, דארום דארפען מיר איהם לויבען פאר יעדען טאג וואס מען לעבט איבער, ווארום ביי אזא גלות לעבען יודען נאר דורך נסים. מיר יודען זענען שוין פון טויזענדער יאהרען אן געוואהנט צו לעבען דורך נסים, דארום דארפען מיר זיין צופרידען.

— איך מוז דיר זאגען דעם אמת אז איך בין ניט צופרידען, חאטש איך פארדיען מעהר פון דיר און לעב שאנער פון דיר.

— פאר וואס־זשע? דאכט זיך פארקעהרט, אז דו פארדיענסט מעהר און לעבסט שאנער דארפסט דו נאך מעהרער זיין צופרידען און נאך מעהר דאנקען גאט וואס ער פארלאזט דיך ניט.

— פאר וואס־זשע, פרעגסט דו? טאקע דערפאר וואס איך האב דיר שוין פריהער

געזאגט: פאר וואס זאלען מיר יודען זיין ערגער פון אנדערע פעלקער? היינט ווי אזוי קען איך זיין צופרידען, הייסט דען דאס אלעבען?

— פאר וואס ניט, וויל לעבען ווי איוד וועסט דו זיין אויך צופרידען גלייך מיט מיר חאטש מיר טראגען איבער אזוי פיעל צרות. דו ביזט אבער איוד אונ ווילסט לעבען ווי אקריסט דארום קענסט דו ניט זיין צו פרידען.

— איך פארשטעה דיך גאר ניט וואס דו רעדסט, חיים ליב!

— אט לאמיר גאר אוועקווארפען דעם שמועס, איך בין ניט קיין חקרן אונ קען ניט רעדען פון אויפגעקלערטע זאכען. לעב דיר ווי די ווילסט אונ איך וועל זיך לעבען ווי איך וויל. גלויב מיר אז אין מיין לעבען איז אויך דא גוטס וואס עס איז דא וואס מקנא צו זיין, גלויב מיר אז איך וואלט זיך ניט פארביטען מיט קיין שום אנדערען. געלויבט איז גאטט איך האב זיך שוין באלד אבגעלעבט מיין וועלט אונ האב קינדערלעך אונ אייניקלעך, זיי זאלען נאר מיינע ביינער איבערלעבען, איך האב ברוך השם אן זיי נחת אונ געלויבט איז גאט דערפאר, איך האב ברוך השם צו איהם קיין טענות ניט, אונ אז מיין יאנקעל איז קיין מאל ניט פארזיכערט מיט זיין פרנסה אונ האט שטענדיג מורא, זאל עס מיך אנהויבען צו ארען, עס איז ניט ווערט קיין צוברעכענעם גראשען מען זאל נאר דערפון טראכטען; אז מען וועט טרייבען לאז מען טרייבען, מיין יאנקעל איז איוד גלייך מיט אלע אונ גאט וועט יודען קיין מאל ניט פארלאזען. איך בין שטענדיג צופרידען אונ וואלט מיין לאגע מיט קיינעם ניט פארבייטען אפילו מיט די וואס דו ביזט אזוי מקנא. איך שווער דיר אז ניט יעדער וועט דערלעבען אזוי פיעל נחת אן קינדער ווי איך. אומשטיינס געזאגט ווי אזוי לעבט אזוינער?— זיין גאנץ גוט לעבען איז נאר אין דעם: ער עסט מעהר, ער טרינקט מעהר, ער שלאפט מעהר, ער רוהט זיך אויס די ביינער מעהר, אונ דער פראסטער יוד ווי איך וויניציגער, וואס־זשע איז פאר אזא אומגליק? דער יוד איז טאקע אזוי געוואהנט — וויניציגער, צו ביסלעך, צו קאפעלעך, פאסט טאקע צום יודען — דאס איז יודיש, דערפאר אבער ווי לאנג שמייסט מען אנדערע! ווער האט אזא נחת פון קינדער ווי איוד? זאג מיר נאר וואס ווערט פון קינדער ביי יענע?...

— נא אונ ביי אייך יודען? — וואס ווערט פון יודישע קינדער? האט ער איהם איבערגעשלאגען.

— וואס ווערט פון יודישע קינדער, פרעגסט דו? הא, חא! — אויך אפראגע — יודישע קינדער מאכט מען חתונה צו דער צייט מיט זייער גלייכען, זיי האבען קינדער אונ ווערען אליין יודען, אונ טאטע מאמע האבען נחת! זאג אליין, איציק, חאטש דו ביזט מקנא אנדערע, נאר זאג אליין, איז ניט געוועזען אפארגניגען צוצוזעהען ווי מיינע קינדער לעבען, ווי אזוי זיי האבען שוין ברוך השם פינף קינדער אונ פיהרען זיך אליין ביז הונדערט אונ צוואנציג יאהר בעל־הבתיש, היינט ווי אזוי זאלען טאטע מאמע ניט אנקוועלען אונ ניט האבען נחת? זאג אליין ווער פון דיינע לייט וואלט פארבראכט אזא

פריערען טאג שבת ווי מיר האבען פארבראכט, אונ דו האסט נאך ניט געוואלט פאהרען אונ זיך לאנג געלאזט בעטען!

איסאאק האט אנגעהויבען שמייכלען. —

— א, א, דו שמייכעלסט שוין, עס טהוט דיר שוין הנאה וואס דו ביזט געפאהרען מיט אונז! אזוי ברודער האב איך דיך ליעב, אלץ איינס זענען מיר שוין אלטע יודען, ווער ווייסט ווען מיר וועלען זיך באגעגענען, אלץ איין שווארץ יאהר, האבען מיר חאטש פארבראכט אגוטען טאג צוזאמען.

חיים ליב האט די לעצטע ווארטער געזאגט מיט אזוי פיעל פרייד, אזוי אנגעקוואלען, אז דער נחת איז געלעגען ביי איהם אויף דעם פנים אונ אויף די ליפען. זיין גוטער ברודער האט קיין הארץ ניט געהאט איהם צו שטערען זיין פרייד, דארום האט ער איהם מעהר ניט איבערגעפרעגט וועגען דעם שמועס וואס זיי האבען גערעדט.

אויף דער סטאנציע גניעוואן האבען זיי זיך אלע זעהר ווארים אונ פריינדליך געזעגענט, שפרה געגענדעל האט צוגעוואונשען: לאז אונז גאט העלפען מיר זאלען איינס אין דעם אנדערען האבען פיעל נחת אין אונזערע קינדער אונ קינדס קינדער ווי אונז יודען שטעהט מאקע אן. —

די ארץ ישראל פושקע.

ערצעהלונג

I.

אנייע חברה

אין דעם שטעדטיל ... א איז אויך געווארען אחברה „חובבי ציון" אונ ווי עס פיהרט זיך ביי יודען איז דער אנהויב געוועזן מיט אברען, ווי מען זאגט „מיט פייער". „דאס פינטעלע יוד" האט זיך ביי יעדען דערוואכט אונ אנגעצונדען. כמעט מעהר ווי א האלב שטעדטיל האבען זיך פערשריבען פאר „טשלענעס", אפילו פרויען מיט פריילין האבען זיך אויך פארשריבען, יעדער האט באלד באצאהלט אין דער „חברה" זיין נדבה וואס עס קומט פאר דעם ערשטען חודש, אפילו דער גבאי דער פראצענטניק וואס האט גערעכענט היינט מארגען אלייטישען שידוך טוהן מיט זיין בתולה, האט יעצטיגס מאהל ניט אבגעזאגט די יונגע גבאים פון דער חברה וואס זענען געקומען צו איהם אונ האט זיי באלד געגעבען צוויי קערבלעך. די יונגע לייטלעך האבען אנגעקוואלען וואס זיי איז געראטען אז ביי זיי אין שטעדטיל איז אויך געווארען א חברה „חובבי ציון" גלייך ווי אין אללע אנדערע שטאדט, אונ טאקי באלד האט א היגער משכיל וועגען דעם מודיע געוועזן אין די יודישע צייטונגען מיט אפייערדיגע קארעספאנדענציע ווי אזוי זייער שטעדטיל וואס איז פון תמיד אן געזונקען אין דער פינסטער, אין דער בלאטע אונ יעצט האט ארויין געשיינט צו זיי אויך די ליכטיגע זונן אונ האט אנגעהויבען אויסטריקענען די בלאטע—עס איז ביי זיי אויך געווארען א חברה „חובבי ציון", אויסגערעכענט וועמען מען האט געמאכט פאר גבאי, קאססיר א. ז. וו. אונ צום מעהר אבגעלויבט זייער גביר פאר זיינע צוויי רובל וואס ער האט געגעבען דער חברה, אויסגערעכענט דעם גבירס מעלות אז כמעט דאס גאנצע שטעדטיל לעבט פון איהם ד. ה. פאר פופצעהן יאהר ווען דאס שטעדטיל איז ניט היינט געדאכט אבגעברענט געווארען אז מענשען האבען זיך געוואלגערט אין די גאסען אונ געשטארבען פאר הונגער האט דער גביר געשענקט צוויי קארענע זאקלעך מעהל.

איין יאהר איז פון דער צייט אוועקגעגאנגען און ווער מיר חברה? וואס מיר חברה? עס האט זיך אזוי געענדיגט ווי עס ענדיגט זיך שטענדיג ביי יודען. אנגעהויבען האט מען מיט א ברען, נאר וואס ווייטער איז מען קעלטער און קעלטער געווארען, דעם צווייטען חודש האבען שוין ניט אללע טשלעגעס באצאהלט, דעם דריטען נאך וויניגער, דער גביר פון שטאדט וואס מען האט איהם פאר א יאהרען אזוי אבגעלויבט אין די צייטונגען, האט שוין אודאי מעהר ניט געוואלט צאהלען די צוויי רובעל יעדען חודש וויל מיט זיין בתולה האט ער שוין אלייטישען שידוך געטהון, היינט צו וואס זאל ער יעצט ארויסווארפען צוויי קערבלעך? באלד ווי ער האט שוין א שידוך געטהון, אארט איהם שוין ניט ווען מען וועט זאגען אז ער איז ניט קיין „חובב ציון". פריהער האט דאס איהם געפאסט צו א שידוך, אבער יעצט צו וואס טויג עס איהם?

מיט איין ווארט אין א צייט פון איין יאהר איז אוים חברה „חובבי ציון" געווארען אין .N נאר געצעלטע עטליכע יונגע לייט האבען געקרעכצט און געזיפצט וואס פון דער חברה איז אזוי גיך „אויסגעווארען", זיי האבען בעשולדיגט אין דעם דאס גאנצע שטאדטיל אז עס איז בלינדע מענשען, זיי ווילען פון קיין זאך ניט וויסען אפילו פון א היילינע אידעע, יעדער האט נאר זיך אין זינען, עס ארט זיי אפילו ניט אזוינע זאכען וואס ברענגען נוטצען אללע יודען און דעם גאנצען יודענטהום, מיט איין ווארט די יודען פון .N זענען גאר ניט קיין יודען נאר פראסט פארדארבענע מענשען.

מעהר פון אללע האט זיך גענומען צום הארצען איין אמתער חובב ציון פון .N ראשון ליפמאנן, א יונגער מאנן פון א יאהר דרייסיג, ניט קיין גביר נאר אויך ניט קיין ארעמאנן ער האט געהאט א אמת יודישע פרוי וואס האט איהם מיט געפיהלט אין אללעמען, ליפמאנען האט פראסט דאס הארץ וועה געטהון וואס עס איז אזוי גיך געווארען אוים חברה, די זאך האט איהם אריין געבראכט אין עפים א מין כעס אויף אללע יודען בכלל און אויף .א'ער יודען בפרט און פלעגט דאס אפט מיט כעס ארויסזאגען זיין פרוי.

— אומזיסט! עס איז ניט דא מיט וועמען צו ארבייטען! יודען זענען דען אויך מענשען? צו יעדער זאך חאפט מען זיך אן און קיין זאך האלט ניט אוים. קען דען זיין א בעסערע זאך ווי א חברה חובבי ציון? דאס דאכט זיך דארף יעדער יוד פארשטעהן, דאכט זיך ווען יעדער יוד גיט פינף קאפיקעס א חודש וויפיעל גוטס וואלט פאר יודען ארויסגעקומען, נא? וואס איז געווארען? די ערשטע פינף קאפיקעס האט יעדער געגעבען און דערנאך זענען אללע ווי פארפאללען געווארען. ניין, מיט יודען וועט מען גאר ניט מאכען, פינף קאפיקעס איז ביי איינינע יודען טייערער פון אללע יודען מיט דעם יודענטהום צוזאממען. זעהסט דו דאווענען א סך, לויפען אין וואסער, שאקלען זיך ביים דאווענען אט דאס זשאלעוועט ער ניט, נאר גלויב מיר אז ער טהוט דאס אויך נאר דערפאר וויל דאס אלעס קאסט איהם קיין געלד ניט; גלויב מיר ווען פאר יעדעס מאהל דאווענען, פאר יעדעס מאהל שאקלען זיך זאל אזא סארט יוד דארפען צאהלען האטש איין

קאפיקע, ווייס איך ניט צו וואלט ער אזוי פיעל געדאוועוועט און געשאקעלט זיך.

— אז דו ווערסט אין כעס ווייסט דו שוין גאר נישט וואס דו רעדסט — האט איהם זיין ווייב דערויף געענטפערט, — דו זאלצט שוין גאר איבער, גרשון. ניט אלע יודען זענען אזוי ווי דו מיינסט. עס איז דא טייערע יודען, וואוילע יודען, אמתע יודען, עס איז דא שלעכטע אויך. צום בעדויערען ווען מען וויל מאכען ביי יודען א גוטע זאך ווענדעט מען זיך דאס מעהר ניט צו אמתע יודען, און נאך מעהר איז דאס שלעכט וואס אין דער גוטער זאך צווישען יודען זענען די רעדעל-פיהרער צוממערסט פאלשע יודען און פאר דעם גראשען זענען זיי גרייט אלעס צו פארקויפען. ניין גרשון, יודען זענען א טייער פאלק.

אין א צייט שפעטער איז גרשון געקוממען א היים א צוטראגענער, דערשראקען א ווארף געטהון אויף דעם טיש א בלאט צייטונג און מיט כעס זיך אנגערופען:

— נא! אט האסט דו דיר מיין ווייב דיינע טייערע יודעלעך וואס דו קוועלסט אזוי פון זיי.

און גרשון האט איהר דערצעהלט אז ווי עס לאזט זיך איצט אויס, האט מען פון די געלד וואס מען האט צוזאממען געקליבען פאר ישוב ארץ ישראל און עס אוועק געשיקט מען זאל עס אוועקשיקען ווי מען דארף, האט מען גאר פון דעם געלד זיך ארא־בגעלאזט אין קעשענע, און איינינע זענען זיך גאר מיט דעם געלד בעגאנגען ווי מיט זייער אייגענס.

— נא קען מען עפּיס מאכען ביי יודען? האט גרשון ווייטער ניט אויפגעהערט רעדען מיט זיין פרוי — זיי זענען גאר קיין מענשען ניט, מען איז גאר א נארר, וואס מען מיינט אז מען קען נאך עפּעס טהון. אזא מעשה זאל זיך טרעפען!

— באלד בעשולדינסט דו אלע יודען, איבער צוויי דריי פערדארבענע מענשען — גנבים, וואס האבען זיך אליין געמאכט ביי יודען פאר רעדעלפיהרער. זייט ניט קיין נארנים און שיקט ניט קיין געלד יעדען ווער עס וועט נאר וועלען זאגען „שיקט מיר". מיט וואס זשע זענען שולדיג אללע יודען? דאס יודישע פאלק? די טייערע אידעע פון ישוב ארץ ישראל? פאר וואס זשע דארף מען שוין ביי זיך אראבפאלען און גאר ניט וועלען טהון פאר דער אידעע?

פון דעסטוועגען האט זיך פון דער צייט מעהר גרשונען ניט אויפגעהויבען די האנד ער זאל עפּיס ווייטער טהון פאר דער אידעע, האטש אלס אמתער חובב ציון האט ער געוואלט טהון מיט זיין גאנץ לעבען, נאר ער האט אויפגעהערט צו גלויבען צו מען קען גאר עפּעס טהון.

II.

די פושקע.

אין 1890 ווען די רעגירונג יר״ה האט ערלויבט „די אבשטשעסטווא צו זאמלען געלד צו שטיצען יודישע קאלאניסטען און בעלי מלאכה אין ארץ ישראל״, איז גיך ווי זאנגען־שטראלען די גוטע נייעס אנגעקוממען אין אללע שטאדט און שטאדטלעך וואו יודען וואהנען. דער ערשטער אין אונזער שטאדטעל N. האט זיך דערוואוסט גרשון ליפמאן. א פרעהליכער, א יום־טובדיגער האט ער יעדען דערצעהלט פון דער גוטער נייעס.

— איצט קענען מיר טהון, איצט וועט שוין ניט זיין ווי ביז אהער ווער עס האט נאר געוואלט דער איז געווארען ארעדעל־פיהרער ביי יודען און געהייסען זיך שיקען געלד אויף איבער צו שיקען „ווי מען דארף״, און עס האבען זיך געפונען אזעלכע נארנים ווי מיר און האבען געשיקט. איצט זענען מיר באמת זיכער אז יעדער גראשען וועט טאקע אנקוממען „ווי מען דארף״.

— וואס זשע דארף מען איצט טהון? האבען איהם איניגע געפרעגט.

— וואס הייסט וואס, לויט נאך דעם אוסטאוו פון דע אבשטשעסטווא וועלען מיר זעהען עס זאל זיין א סך טשלענים וואס זאלען צאהלען געלד.

— וואס זשע וועט דערפון ארויס קוממען? האט זיך איינער אנגערופען — עס וועט זיין דאס זעלבע וואס פריהער, אין אנהויב וועט זיך יעדער פארשרייבען און בעצא־לען און וואס ווייטער וועט ווערען ווינציגער, מען וועט קאלט ווערען, מען וועט אפילו פארגעסען צו צאהלען, אויף אזא אופן וועט די נייע אבשטשעסטווא ווייניג קענען געדויערען. עס דארף ניט ווינציגער ווערען נאר אלע מאהל מעהרער, דאן קען מען עפעס טהון און קוממען צו א צוועק.

— איך מיין רב גרשון, אויסער „טשעלענעס״ זאל מען איינפיהרען צווישען יודען עפעס אזעלכעס מיט וואס דער יוד איז פון תמיד אן געוואהנט ער זאל שטענדיג געבען געלד, איך מיין מען זאל איינפיהרען „פושקעס״.

— וואס הייסט „פושקעס״? האט רב גרשון געפרעגט פערוואונדערט.

— איך מיין פראסטע „פושקעס״ אזוי ווי „רב מאיר בעל נס פושקעס״. ווי פיעל יעהנדלינגער יאהרען זענען שוין ביי יודען איינגעפיהרט אט די פושקעס און דער יוד הערט ניט אויף צו ווארפען אין די פושקעס גראשענס. פון די גראשענס וואלט זיך א סך מעהר אנגענוממען ווי די סוממע וואס א „טשלען״ דארף צאהלען און דער עיקר וואס דער יוד וואלט קיין מאהל ניט אויפגעהערט צו ווארפען אין פושקע גראשענס, דאס

האט דער יוד ליעב. אויף דער „פולע וואך" ווארפט אין פושקע נאר דער בעל־בית נאר אללע אין שטוב, אפילו קינדער; ווערט איינער געזונד פון חס ושלום א קריינק ווארפט ער אין פושקע. בכלל איז איינגעפיהרט ביי יודען צו זאגען: אז איך וועל אויספיהרען דאס אדער יענץ וועל איך בלי נדר אריין ווארפען אין פושקע אזוי פיעל אדער אזוי פיעל אונ מען הערט ניט אויף צו ווארפען גראשענס, זיי זענען אויך ניט שווער ביי יעדען יודען אפילו ביים ניט פערמעגליכען, אונ אין א צייט פון א יאהר ווערט פון זיי עטליכע קערבלעך. דאס יודישע פאלק ווייסט ניט אונ ווילל ניט וויסען פון דער נייער סיסטעם צדקה געבען—פון „טשלענעס" מיט „פאטשאטנע טשלענעס", דאס יודישע פאלק איז פון הונדערטער יאהרען נאר געוואהנט צו געבען צדקה מיט דער יודישער סיסטעם ד. ה.—פושקעס, דער יוד ווערט ניט מיעד צו ווארפען אין א צדקה־פושקע געלד זיין גאנץ לעבען, אונ אהן דעם פאלקס הילף מיט גראשענס וועט די אבטשעסטווא לאנג ניט קענען עקסיסטירען.—

גרשון האט זיך ענטשלאסען מאכען א אנהויב ד. ה. ביי זיך אין שטוב מאכען א פושקע. ער האט געשיקט נאך אליקום דעם אלטען בלעבער, דער האט זיך א סך געדונגען, גרשון האט איהם מעהר ניט געוואלט געבען ווי א האלבען רובל אונ אליקים האט ניט געוואלט וועניגער ווי א גאנץ רובל, ענדליך איז געבליבען פאר פינף גילדען, נאר אויף דער פושקע זאל זיין די ווארטער אויסגעפארבט: „צדקה לישוב ארץ ישראל".

ווען אליקום איז אוועק געגאנגען האט גרשון מיט כעס געזאגט זיין פרוי:

—אט האסטו דיר דיינע טייערע יודען—פאר א פושקע אויף אזא צדקה זאך דינגט ער זיך אויך אונ ווילל נאך פארדיענען. איך האב איהם דערצעהלט אללעס אויף וואס די פושקע איז אונ ער ווילל פון גאר נישט וויסען ווי גלייך ער איז גאר קיין יוד נישט.—

—וואס זשע? געוויס איז ער א ארעמאנן, ער קען ניט ארבייטען אומזיסט. באלד ווערסטו דו אין כעס אז יענער איז שוין קיין יוד ניט. מען דארף אזוי ניט זיין אונ זאגען אין דער גיך וועגען מענשען—האט זי איהם געענטפערט.

—גיה, עס איז ניט דא מיט וועמען צו רעדען, דו ביסט זיך שטענדיג א קאלטער לונג אונ לעבער, דיך ארט דען עפעס? א מענש מיט א פארגליווערט הארץ!

—האסט א טעות, גרשון, איך בין ניט אזוי קאלט וויא דוא מיינסט, איך בין נאר ניט פון די נאטורען וואס צינדען זיך אן גיך אונ קיהלען זיך אב גיך—האט זי איהם געענטפערט.

III.

אין דעם ארעמען יודישען גאסעל.

אליקום דער אלטער בלעכער איז היינט געקוממען אהיים אין זיין קליין ארעם שטיבעל פרעהליכער ווי תמיד, דאס האט באלד באמערקט אין זיין פנים זיין אייניקעל אמיידעל פון א יאהר אכטצעהן, זיין גאנץ פארמעג וואס עס איז איהם איבער געבליבען אויף דער אלטער פון זיין איין אונ איינציגער פארשטארבענער טאכטער.

רבקהלען זענען זעהר יונג איהרע עלטערען אבגעשטארבען אונ זי איז ערצויגען געווארען ביי איהר זיידען אין שטוב. זי האט איהם ליעב געהאט ווי מען קען נאר ליעב האבען א פאטער מיט א מוטער צוזאממען. ווען זי איז נאך גאר א קינד געוועזן האט זיא זעהר ליעב געהאט זיטצען ביי איהם אויף די האנד אונ שפיעלען זיך מיט זיין בארד, אונ ווער שמועסט נאך שבת ווען ער האט געהאט צייט פלעגט ער איהר דערצעהלען שאנע מעשות פון יודען. זי האט זעהר ליעב געהאט צו הערען פון יעדען דערצעהלען שאנע מעשות. נאר קיינער האט אזוי שאן ניט דערצעהלט ווי איהר זיידע.

—געוויס האט דער זיידע בעקוממען א גוט שטיקעל ארבייט אז ער איז אזוי פרעהליך, האט זיך רבקהלע געטראכט קוקענדיג אויף דעם זיידענס צופריעדענעם געזיכט—ער וועט מיר שוין קענען דערלעגען צעהן גילדען, אונ א האלב קערבעל האב איך זיך שוין לאנג אנגעקליבען, וועל איך זיך קענען מאכען א ניי קליידעל.

אויסער דעם קליידעל האט רבקהלע נאך פערלאנגט עטליכע זאכען, נאר וועגען אללעס האט זי מורא געהאט טראכטען—דאס איז שוין צופיעל, סיידען ווען גאט וועט שוין גאר בעגליקען דעם זיידען, עפעס א גוטע וואך ער זאל איהם געבען, אזא גוטע וואך ווי א מאהל ווען איך בין נאך אפילו אויף דער וועלט ניט געוועזן, דערצעהלט דער זיידע, האט ער געהאט גוטע וואכען, ער פלעגט אין איין וואך פערדיענען פופצען אדער צוואנציג קערבלעך. אוי ווען דער זיידע זאל איצט אויך אזוי פיעל פערדיענען, וואלט ער מיך שאן באקליידעט, איך וואלט אויך געהאט א זאנטיקעל, א היטעלע, האנדשקעלעך אונ וואלט אויך אלע שבת פאר נאכט געקאנט שפאציערען מיט יוסף מענדלען אין שטאדט אויף דעם בולוואר צווישען די ביימלעך ווי אלע אנדערע מיידלעך.

דערפון פלעגט רבקה'לע מיט יוסף מענדלען אפט רעדען אבענדס ווען ער פלעגט אריינקוממען צו זיי נאך דער ארבייט „אביסעל זיטצען".

יוסף מענדיל איז געוועזן אארבייטער ביי א סטאליאר אונ פלעגט נאר פארדיענען דאס וואס א מענש מוז האבען, אויף קיין לוקסוס אבער האט עס איהם ניט געטראגען. חאטש ער האט זעהר געוואלט מיט רבקה'לען אויך געהן שפאצירען שבת פאר נאכט

ווי אללע אנדערע, נאר זיי האבען זיך אבער געשעמט מיט די ארעמע קליידער וואס זיי זענען געגאנגען.

אונ ניט איין מאהל האבען זיי צווישען זיך אבגערעדט זיי זאלען אנהויבען דערויף קלויבען צוזאממען געלד, אונ מיט דער צייט אנגראשען צו אנגראשען, א צעהנער צו א צעהנער איז געוואָרען א האלב קערבעל. די קאססע האט זיך געפונען ביי רבקה'לען.

איהר זיידע האט אויך געוואוסט דערפון אונ ער האט זיי געוואלט העלפען, אפילו ערגיץ לייען, זיך פארשולדיגען, נאר רבקה'לע האט געוואוסט ווי דעם זיידען קריינקט ווען ער האט ניט צו באצאהלען „אין דער צייט" האט זי ניט דערלאזט דערצו. „גאט וועט געבען א גוטע וואך וועסט דו אונז געבען. איצט דארף מען ניט, מיר וועלען דערווייל קלויבען — מיר האבען שוין א האלב קערבעל".

אליקים האט געקוקט אויף זיין רבקה'לען מיט יוסף מענדלען ווי אויף יונגע קינדער וואס ווען גאט וועט העלפען וועט אין ניכסטען זיין פון זיי א גלייך פארפאלג, ווייל פון קינדהייט אן האבען זיי זיך ליעב ווי דאס לעבען. ביידע יונגע יתומים געוואקסען אויף איין גאס, זי האט חאטש א זיידען אונ ער האט גאר ניט. ווען ער איז א קינד געוועזען האט ער זיך געוואלגערט ביי איהם, דערנאך האט דער סטאליאר פון דער גאס בעדארפט האבען אלערען יונגעל האט ער איהם אוועקגעגעבען פריהער אהן עסען אונ איצט שוין מיט עסען, אויך מיט א גראשען אין דער זייט. ביי דער ארבעט איז ער אויסגעוואקסען א גרויסער בחור מיט געזונדטע האנד אונ פלייצעס, דערצו האט ער שוין פון לאנג געהאט צוויי שווארצע אויגען אונ געדיכטע האר אויף וועלכע רבקה'לע האט ליעב געהאט שטענדיג קוקען ווען ער פלעג נאר קוממען צו זיי א ביסל זיטצען. יוסף מענדיל האט זיך אזוי צוגעבונדען צו אליקים בלעבערס הויז אז עס איז נאך איין אבענד ניט אוועקגעגאנגען ער זאל ניט קוממען „א ביסיל זיטצען", אונ ווען ער האט בעדארפט אוועקגעהן פלעגט ער זיך אברייסען ווי מיט צוואנגען, אזוי שטארק האט עס איהם געצויגען צו רבקה'לען, חאטש זי איז ניט געוועזען אזא גרויסע שאנע, נאר א שווארצע, נאר פון דעם טונקעלן געזיכט האבען שטענדיג ארויסגעקוקט צוויי גוטע שווארץ סאממעטענע אויגען, דורך וועלכע מען האט ארויסגעזעהן ווי דורך א שפיגעל א אונשולדיג גוט הארץ, א ריינע נשמה אונ לויטערע געדאנקען. אט די דאזיגע צוויי אויגען האבען צו זיך צוגעקאוועט יוסף מענדלען ווי מיט אייזערנע קייטען.

ניט איין מאהל פלעגען זיי ביי דער שטוב אויף דער פריזבע איבערזיטצען זומער נאכט אונ עס איז זיי אזוי גוט געוועזען צו זיטצען אז זיי האבען גאר פארגעסען אז מען דארף שלאפען; וואו נאר זיי האבען זיך אומגעקוקט איז אזוי געוועזען שאן אונ גוט, פראסט א דערקוויקעניש. עס איז נאר א ביסעל געוועזען דושנע אין דעם איינגען יודישען ארעמען גאסעל וואו זיי האבען געוואהנט, נאר א ווינטעלע פלעגט אויף זיי רחמנות האבען אונ פארטראגען צו זיי ערגיץ פון א ווייטען גארטען א ביסעלע גוטען ריח פון

אלערליי שמעקענדיגע בלומען, און זיי, די ארעמע יונגע פארליעבטע, פלעגען דאס חאפען, אריין ציהען אין זיך דאס ביסעלע גוטען ריח און זאגען איינס צום אנדערען:

— אך וואס פאר טייערע גוטע לופט עס איז היינט, וואס פאר א שאנע גוטע נאכט, פראסט א דערקוויקעניש!

אז זיי זענען עלטער געווארען און נאך מעהר אין דער לעצטער צייט אזוי זיטצענדיג אויף דער פריזבע און קוקענדיג אויף דער שאנער זומער נאכט וואס ציהט, ציהט אזוי צום לעבען, האבען זיי אנגעהויבען שטארק זיפצען וועגען דעם וואס זיי זענען געבליבען אזוי ארעם אז ווייטער פון דער פריזבע, ווייטער פון זייער שמאל גאסעל קענען זיי צוזאממען א טריט ניט געהן, ווייל זי האט זיך ניט אין וואס אנצוטהון ווי מען דארף געהן אין גאס שפאציערען [illegible], אם דאס וואס זי טראגט אויף זיך מעהר פארמאגט זי ניט, אפשר נאך א קליידעל אויף איבער צו וואשען, און ער, יוסף מענדעל האט אויך ניט קיין שבתדיגע קליידער, נאר ער איז א מאנסבעל אבער זי? אללע מיידלאך געהן שבת אזוי שאן אינגעטהון נאר זי ניט! און שפאציערען אויף דעם בולוואר צווישען די בוימלעך וואו עס שמעקט אזוי גוט, וויל זיך זיי זעהר צוזאממען — „א ווי גוט, ווי גליקליך וואלטען מיר געווען ווען מיר זאלען זיין רייך"! פלעגען זיי די לעצטע צייט אפט זאגען איינס דעם אנדערען.

— ווען מיר זאלען זיין רייך, האט רבקה'לע זיך אנגערופען, וואלטען מיר חתן כלה געווארען מיט מזל האט דער זיידע געזאגט, דו וואלסט מיר געשיקט כלה מתנות א גילדענע בראש מיט דריי פינגערלעך און דיר וואלט דער זיידע געשיקט א זילבערען זייגערעל מיט א גילדען קייטעל; מיר וואלטען געגאנגען שאן אנגעטהון, שבת פארנאכט וואלטען מיר געגאנגען שפאציערען און יום טוב וואלטען מיר געגאנגען איינס צום אנדערען „יום טוב ביטען". א יא עס וואלט געווען אזוי גוט יוסף מענדעל! דער זיידע האט אויך אזוי געזאגט, ער האט דיך אזוי ליעב ווי מיך, האט ער געזאגט.

רבקה'לע האט אין דער לעצטיגער נאכט דערזעהן ווי יוסף מענדעל'ס אויגען האבען זיך אנגעפיללט פולל מיט טרעהרען, נאר זיינע אויגען האבען געלאכט אט פונקט אזוי ווי א קליין קינד וויינט זיך אן און פלוצים דערזעהט ער אנקומען דאס בעקאנטע ליעבע געזיכט פון זיין מוטטער, עס הויבט אהן שמייכלען, די טרעהרען שטעלען זיך אב און בליסקעווען מיט א שטארקען גלאנץ.

— וואס וויינסט דו נארר? האט רבקה'לע געזאגט מיט א שמייכעל אויך מיט טרערען אין די אויגען און מיט איהרע קליינע שאנע הענדעלעך איז אויסגעווישט די טרערען, נאר נאך איהר אויסווישען האבען זיך די טרעהרען געפונען וועגען און האבען זיך אנגעהויבען גיסען איבער זיינע באקען. דערפיהלענדיג איהרע, רבקה'לעס האנד אויף

זיין געזיכט האט ער א ציטער געטאהן מיט אלע זיינע אֵבָרִים און האט זיך אזוי געפיהלט גליקליך און די טרעהרען האבען זיך איהם געשטעלט אין האלז, זיך פארחלינעט און א ווארט ניט געקאנט אויסרעדען.

אין דעם מאמענט האבען זיי ביידע געפיהלט אז זייערע טרעהרען זענען ניט פון צָרוֹת נאר פון גליק.

זייער גליק האט אבער לאנג ניט געדויערט. באלד האבען זיי זיך דערמאנט אז זיי זענען דערווייל אזוי ארעם, און גרויסע האפפענונגען זיי זאלען ווערען א מאהל רייך איז אויך דערווייל ניט געוועזן. דער זיידע פארדיענט קוים אויף דעם טאג לעבען, כאטש זי פארשפארט פון אללעם און קאכט און וואשט אליין; יוסף מענדיל האט אויך מעהר ניט, פאר זיין טאג ארבייט, נאר דאס עססען און קוים אללעם וואס מען דארף ביטיג, אללע הארעוועז אזוי שווער אויף דעם שטיקעל ברוידט!... און אזוי טרויעריג פארטראכט אהן ווארטער האבען זיי אנגעהויבען קוקען אויף דעם הימעל, דערמאנט זיך אז דארט הויך, הויך, העכער פון די אללע טונקעלע ווייסע און רויטליכע „נְשָׁמוֹת" און „נְשָׁמָהלעך" וואס שווימען איצט ארום אונטער דעם הימעל, העכער, העכער און מער אללע זיבען הימלען געפינט זיך א גרויסער טייערער גאטט וואס, ווי דער זיידע האט זיי ביידע דערצעהלט, האט ער בעשאפען הימעל און ערד, די זון מיט דער לְבָנָה מיט אללע שטערען, מיט בְּהֵמוֹת, מיט אללע חַיּוֹת, מיט אללע מִינִים שְׁרָצִים און פֿראשטען, מיט אללע בוימער און פרוכטען, מיט אָדָם און חַוָּה'ן און די שלאנג האט ער אויך בעשאפען, ווארים פריהר, האט דער זיידע דערצעהלט, איז דאס אללעס וואס מיר זעהן איצט נאר ניט געוועזן, עס איז נאר געוועזן וויסט און לער, דער גאטט וואס האט נֹחַ הַצַּדִּיק מַצִּיל געוועזן פון מַבּוּל (אזא גרויסען וואסער האט גאטט דערנסמאהל אנגעשיקט אויף דער וועלט פון זינדיגע מענשען) און אונזער מוטטער שָׂרָה'ס מאנן אַבְרָהָם וואס מען האט אריין געווארפען אין קאלך אויוען האט ער אויך מַצִּיל געוועזן, דערנאך האט ער זיין זוהן יִצְחָק'ן מַצִּיל געוועזן פון דער עֲקֵדָה, גאטט זאל חַס וְשָׁלוֹם ניט געוועזן צו דער מינוט צושיקען זיין מַלְאָךְ וואלט שוין זיין זוהן יִצְחָק געוועזן געקוילעט, און יַעֲקֹב ווען ער האט זיך געבארעט ביים טייך מיט די קרינ־לעך האט גאטט איהם אויך מַצִּיל געוועזן.

קוקענדיג און פערטראכטענדיג אזוי אויף דעם הימעל און וועגען גאטט וואס איז העכער פון אללע זיבען הימלען, האט זיך יוסף מענדעל מיט רִבְקָה'לען אויך דערמאנט ווי דער זיידע האט דערצעהלט, ווי אזוי אונזער טייערער גאטט האט דורך משה'ן ארויסגעפיהרט די יודען פון גָלוּת מִצְרַיִם וואו זיי האבען אזוי פיעל צָרוֹת געליטען פון די יודישע שׂוֹנְאִים, ווי משה האט געשפאלטען דעם יַם מיט זיין שטא־קען, אללע יודען זענען איבערגעגאנגען טרוקען און זיין שוועסטער מִרְיָם מיט פויקלעך און טאצען אין די האנד און מיט א שאן געזאנג האט געזונגען און געלויבט גאטט, אויך האט דער זיידע דערצעהלט ווי יודען האבען געהאלטען א סך מִלְחָמוֹת און איינגע־

נומען די פְּלִשְׁתִּים, ווי זיי זענען געווען פערציג יאָהר אין דער מִדְבָּר און גאָטט האָט זיי דערנאָך געהאָלפען. דער זיידע האָט זיי עטליכע מאָהל דערצעהלט אַז גאָטט האָט ליעב צו העלפען די וועלכע עס איז שלעכט. ער האָט ליעב צו העלפען אָרימע, מען דאַרף איהם נאָר ערענסט בעטען און ניט אויפהערען צו האָפפען אויף איהם און זיך ניט אויפהערען צו פיהרען גוט און אָרענטליך ווי גאָטט האָט ליעב, וועט ער געוויס העלפען יעדען נאָך זיין פערלאַנג.

שטיקער, שטיקלעך חמאָרע אין פערשיעדענע געשטאַלטען און קאָליערען האָבען ווייטער און ווייטער געשוואוממען און געשוואוממט איבער דעם טילבענען זומערדיגען הימעל.

— זעהסט די יוסף מענדיל, האָט רבקה'לע פּלוצים פון איהר פאַרטראַכטיגקייט זיך אָנגערופען פאַרדרייטענדיג דעם קאָפּף און מיט איין פינגער אָנגעוויזען אויף דעם הימעל, זעהסט דו דאָרט יוסף מענדיל, אָט די ווייסע קלענערע נְשָׁמָה, דאָס קען אפשר זיין מיין מאַמעס נְשָׁמָה, און אָט דאָרט זעהסט דו אַ גרעסערע נְשָׁמָה אַביסעלע טינקעלער, אָט דאָס קען אפשר זיין מיין טאַטענס נְשָׁמָה.

— איך זעה — האָט יוסף מענדיל איהר געענטפערט און אויך אָנגעוויזען מיט איין פינגער אויף אַ אַנדער עק הימעל — זעהסט דו דאָרט צוויי גרויסע נְשָׁמוֹת פליהען אַזוי גיך, דאָס קען אפשר זיין מיין טאַטע מיט מיין מאַמען.

— איך זעה, האָט רבקה'לע געזאָגט און זענען ווייטער אויף אַ צייט אַנטשוויגען געוואָרען און ווייטער זיך פאַרטראַכט אָהן וואָרטער אויף דעם הימעל, מיט פאַרריסענע קאָפּ און מיט פאַרצויגענע אויגען, און... און זיי האָבען געזעהען ווי זייערע טייערע גוטע טאַטע־מאַמעס זענען אַללע מאָהל גיכער און געשווינדער געפלויגען און געפלויגען אָהן אַ עק, ביז אונטער אַללע זיבען הימלען, און זיך געשטעלט אויף די קניע פאַר דעם ליעבען טייערען גאָטט און געוויינט און געבעטען ער זאָל רַחֲמָנוּת האָבען אויף זייערע קינדער, זיי זאָלען שוין מעהר ניט זיין אָרעם, און דער טייערער גרויסער גאָטט וואָס האָט רַחֲמָנוּת אויף אַללע אָרעמע יְתוֹמִים הערט אויס זייערע געבעטען און פאַרנעמט זייערע טרעהרען און שמייכעלט צו זיי אַזוי זיס, אַזוי גוט, און פון זיין שמייכלען ווערט שאָן און ליכטיג אויף דעם גאַנצען הימעל און אויף אַללע זיבען וועלטען, און רבקה'לע מיט יוסף מענדלען זעהן ווי פון איין עק הימעל ווערט אויך אַזוי ליכטיגער און ליכטיגער, שאָנער און שאָנער. זיי זעהען ווי די זונן געהט אויף אַזוי שאָן און אַ סך פייגעלעך האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און פליהען אַקעגען דער פריהמאָרגענדיגער זונן מיט אַ פרעהליך געפּיפּטשעריי און געזינגעריי, מיט אַ לויב צו גאָטט.

אין דעם אָרימען יודישען גאַסעל האָט מען זיך אויך אָנגעהויבען אויפכאַפּען פון שלאָף, מען האָט זיך געוואַשען, געזאָגט בְּרָכוֹת, געלויבט גאָטט און יעדער האָט זיך גענוממען צו זיין אַרבייט.

רבקה'לע מיט יוסף מענדלען האבען דאס געזעהען און האבען אויך דאס זעלבע געטהון.

IV.

דאס נייע שטיק בלעך.

פון דער נאכט אן האבען די צוויי יונגע מענשען פון דעסטוועגען ניט איין מאל פארגעסען אז גאטט קען העלפען, ניט איין מאל האבען זיי שוין פארלוירען די האפנונג אויף רייך אמאהל צו ווערען זיי זאלען זיך קענען עפעס בעקליידען. ווער שמועסט נאך זיי זאלען נאך זיין אין שטאנד חתן כלה ווערען, דערנאך חתונה האבען און פארפיהרען זיך צוזאממען א הויז וואו דער זיידע זאל זיך שוין אויך קענען אויף דער עלטער אברוהען, ער איז שוין אזוי אלט און קראנק, ער האט שוין קיין כח צו הארעווען.

ניט איין מאהל האבען זיי אנגעווארען די האפנונג און זיך געפיהלט זעהר אונגליקליך.

נאר פון דער צייט זינט זיי האבען זיך פעסט גערעשעט קלויבען צוזאממען געלד און אין דער קאססע ביי רבקה'לען האט זיך שוין צוביסלעך אנגעקליבען א האלב קערבעל, האט זיך די האפנונג ווייטער אביסעל אומגעקעהרט צו זיי, ווארום אז פון איינציגע גראשענס מיט קאפיקעס קען ווערען א האלב קערבעל, קען זיך פון א האלב קערבעל אודאי ווערין א גאנץ קערבעל און פון איין קערבעל אודאי און אודאי צעהן און פון צעהן קערבלעך איז שוין גאר גרינג, עס זאל ווערען מיט דער צייט עטליכע צעהנער קערבלעך, ווארום „געלד געהט זיך צו געלד". אזוי ווייטער און אזוי ווייטער האט זיך די האפנונג ווייטער אביסעל אומגעקעהרט צו רבקהלען מיט יוסף מענדלען.

היינט אז דער זיידע איז פון דער גאס אהיים געקומען אזוי פרעהליך מיט א נייע שטיק בלעך אונטערען ארעם און האט זיך אזוי באלד נאך דעם עסען פרעהליך גענומען צו דער ארבייט, האט רבקה'לע באלד פארשטאנען אז ער האט היינט בעקומען א גוט שטיקעל ארבייט ביי וועלכען ער וועט גוט פארדיענען, ווארום דאס וואס ער האט געקויפט נייעס בלעך איז אודאי א סימן אז ער נעמט א גוטען פרייז. שוין לאנג אז דער זיידע האט ניט געארבייט פון נייעס בלעך נאר פון אלטען. רבקה'לע איז דעם טאג פרעהליך געוועזען, ווייל זי האט געוואוסט אז פון דעם פערדיענסט וועט דער זיידע געווים עפּיס צולעגען צו דער קאססע, אפשר א גילדען און אפשר א גאנץ פערטעלע, ווער ווייסט? אפשר נאך מעהר! זי האט היינט מעהר ווי אללע טאג מיט אונגעדולד ערווארטעט דעם פארנאכט, יוסף מענדעל זאל קוממען וואס פריהר. איהר הארץ האט אליין ניט געקענט דערטראגען איהר פרייד, זי האט זיך געוואלט טהיילע

מיט יוסף מענדלין, דער היינטיגער טאג איז געוועזן צו לאנג פאר איהר, זי האט זיך גיט געקענט איינהאלטען און אריבערגעלאפען צו דעם סטאליאר וואו יוסף מענדיל האט געארבייט, טאקי אויף דעם אייגענעם גאסעל, און האט איהם אויף גיך געזאגט, אז אויב עס וועט מעגליך זיין זאל ער היינט זיך סטארען קומען וואס פריהר.

יוסף מענדיל איז טאקי היינט געקומען פריהר ווי תמיד, אזוי אז ער האט נאך דעם אלטען אליקים'ען געטראפען ביי דער ארבייט פון דעם נייעם שטיק בלעך.

— נאך ארבייט איהר, ר' אליקים?

— יא מיין קינד, איך מוז די ארבייט היינט ענדיגען, זי איז זעהר א נייטיגע. —

— וואס זשע איז דאס פאר ארבייט, וואס מאכט איהר און צו איז דאס חאטש א גוט שטיקעל ארבייט, אז עס לוינט אייך ארבייטען פון אזא נייעם בלעך און אזוי איילענדיג?

— יא מיין קינד, עס איז א גוט שטיקעל ארבייט, א טייער שטיקעל ארבייט, געלויבט זיין ליעבער נאמען וואס איך האב דערלעבט צו ארבייטען אזא ארבייט, איך בין עס ניט ווערט ביי גאטט, איך בין שוין ניט קיין יונגער מאנן.

— וואס זשע וועט זיין פון דער ארבייט? האט יוסף מענדיל מיט רבקה'לען צוזאממען פערוואונדערט געפרעגט.

— וואס וועט זיין? חא חא! האט ר' אליקים געזאגט און אויף זיין געזיכט האט זיך געוויזען א שמייכעל, שוין לאנג אז די קינדער האבען אויף איהם ניט געזעהען אזא פרעהליכען שמייכעל — וואס וועט זיין פרעגט איהר? אוי יונגע קינדערלעך, איהר זענט נאך אזוי יונג און ווייסט נאך גאר ניט! נא אז איך וועל אייך זאגען אז פון דעם שטיק בלעך וועל איך מאכען א פושקע, נא וועט איהר דען עפים דערפון פארשטעהן? א פושקע איז א פושקע, איך האב שוין א סך פושקעס געמאכט אויף מיין לעבען, פושקעס אויף צוקער, פושקעס אויף קאנפעקטען און פיר איינגעמאכטס, פושקעס פאר דעם שמש פון דער חברה קדישא, פושקעס אויף טהע מיט צוקער צו האלטען, איך ווייס? איך קען זיך דען אנגעדיינקען? אט ניט לאנג האב איך געמאכט עטליכע פושקעס פאר „מאיר בעל נס" וואו מע ווארפט געלד פאר ארימע יודען וואס פאהרען קיין ארץ ישראל שטארבען. יא איך קען מיך דען דערמאנען? ערשט יענע וואך האב איך געמאכט צוויי פושקעס פאר אונזער יודישען דייטש, דער אריסטאקראט בעריל פייגעס, איין פושקע פאר איהם ער זאל האבען וואו צו האלטען פאמאדע און שווארצע פארב צו דער בארד, און די צווייטע פאר זיין ווייב זי זאל האלטען פודרא מיט אלערליי פארבען און געמעלעריי צום פנים, אויך א בעזונדערע פושקע אויף פערשיעדענע בארשטעלעך מיט פלאשעלעך. מאלע וואס איך האב אין מיין לעבען געארבייט אלערליי פושקעס? אבער, קינדערלעך, אזא טייערע פושקע האב איך

אין מיין גאנץ לעבען ניט געארבייט, ניט איך און ניט קיין שום בלעכער. געלויבט
זיין ליעבען נאמען וואס איך האב נאך זוכה געווען צו דערלעבען צו מאכען אזא
טייערע פושקע. נאר איך זעה זיך, קינדערלעך, ווי אייך ווילט זיך זעהער וויסען און
פארשטעהען וואס איז דאס טייערקייט פון דער פושקע, וועל איך אייך דערצעהלען.

די קינדער האבען שוין געקענט דעם זיידען אז דאנן ווען עס האט זיך איהם
געגלוסט דערצעהלען האט ער ליעב געהאט און פערגעניגען געהאט ווען די צוהערערס
האבען געקוקט אויף איהם און מיט אונגעדולד ערוואַרטעט ווען ער וועט שוין
אנהויבען"...

יעצט האט ר' אליקים אליין געזעהען ווי די קינדער ווילען איהם זעהער הערען.
האט ער זיך איצט מיט א בעזאנדער פערגעניגען צוגעגרייט צום דערצעהלען. ר' אליקים
האט ליעב געהאט דערצעהלען פאוואליע, זיך אבשטעלען ווי מען דארף און קוקען
זיינע צוהערער גלייך אין די אויגען. קיין גרעסער פערגעניגען איז פאר איהם ניט
געווען ווען ער האט באמערקט ווי זיינע צוהערער האבען זיך פאר אינטערעסירט
פון זיין דערצעהלען.

ר' אליקים האט מיט דער פאלע גוט אויסגעווישט די גלאזלעך פון זיין בריל,
אויסגעשנייצט די נאז, אויסגעגלייכט די בארד. די קינדער האבען זיך אין דער צייט דער-
וויל גוט אויסגעבאסטעט אויף צוזיטצען ביים ווארסטאט, וויל זיי האבען שוין געפיהלט
אז דער זיידע וועט איצט דערצעהלען אז עס וועט זיין א פערגעניגען צו הערען. ר'
אליקים האט אויסגעשנייצט די נאז נאך אמאהל, אויסגעגלייכט די בארד, גענומען זיך
ארבייטען דאס שטיק נייע בלעך און אנגעהויבען דערצעהלען:

— איך האב שוין דאכט זיך דערצאהלט ווי מיר יודען זענען אמאהל געווען א
גרויס פאלק, מיר האבען געהאט אונזער ערד, אונזער לאנד, „ארץ ישראל" רופען מיר
עס נאך היינט אויך. מיר האבען געהאט מלכים און ווען שלמה המלך האט געקעניגט
איז זיך יעדער יוד געזעסען אונטער זיין וויינשטאק און אלע מלכים פון דער גאנצער
וועלט האבען שלמה'ן געבראכט טייערע מתנות פון גאלד מיט זילבער און טייערע
שטיינער מיט פורפורוואל און געבויעט אניי בית המקדש, נאר אז יודען איז גוט
האבען זיי פארגעסען אין זייער גאט וואס האט זיי און זייערע עלטערען שטענדיג אזוי
פיעל גוטס געטהון, פון אלערליי צרות ארויסגעראטעוועט, און הייבען אן דיענען פרעמדע
אפגעטער. ניט איין מאהל האט גאט זיי געזאגט דורך זיינע נביאים: איך בעט אייך
מיינע קינדערלעך פארגעסט ניט אן מיר, ברייניגט מיך ניט אריין אין כעס און אויב
איהר וועט זיך ניט אומקערען צו מיר וועל איך אייך שטראפען, נאר זייערע אויערען
זענען געווען פארשטאפט פון צו הערען. לאנג האט גאט איינגעהאלטען זיין כעס, ער
דאט זיי פון דעסטוועגען נאך אלע מאהל פיעל גוטס געטהון, חאטש זיי האבען עס
ניט פארדיענט. נאר די יודען האבען שוין צופיעל איהם אריין געבראכט אין כעס ביז

עס איז חרוב געוואָרען דאָס בית המקדש און מיר זענען פאַרטריבען געוואָרען אין גלות. לאַנג אָבער האָט גאָט אויף אונז, זיינע קינדער, זיך ניט געקאָנט האַלטען, ער האָט אונז דערנאָך צוריק אומגעקעהרט פון גלות אשור און בבל קיין ארץ ישראל; צוריק איז אויפגעבויט געוואָרען די הייליגע שטאָדט ירושלים און נאָך אַמאָהל אויסגעבויעט געוואָרען דאָס בית המקדש. מיר האָבען נאָך אפילו דערנאָך גענוג צרות געהאַט פון דעם מלך אנטיוכוסען און פון אַלע אַנדערע שלעק און טאַקי פון אונזערע אייגענע ברידער וואָס ווי באַלד זיי זענען צוריק געקומען אַהיים און עס איז זיי געוואָרען אַביסעל בעסער האָבען זיי זיך שוין גענומען אין שלעכטען וועג. אַלץ זיך געוואָלט פיהרען ווי ביי די פרעמדע פעלקער, זיך אָנגעהויבען שעמען מיט יודישע מנהגים און מיט דעם נאָמען "יוד". דערפאַר טאַקי האָט זיי גאָט אָנגעשיקט דעם שלעכטען מלך אנטיוכוס וואָס האָט אונז געטהון צום טויט ביז מיר האָבען זיך ווידער דערמאָנט אין גאָט און געקערט זיך צו איהם.

— אַך קינדערלעך! גוט און ליכטיג איז געוואָרען אין אונזער נייעם בית המקדש און אין אונזער לאַנד ווען מתתיהו בן יוחנן מיט זיינע פינף זיהן — די מכביער זענען אויפגעשטאַנען! האָט ר׳ אליקים אויסגעשריגען מיט גרויס שמחה און דער האַמער וואָס האָט זיך געפונען אין זיין רעכטער האַנד האָט געטהון דריי פרעהליכע קלאַפ איבער דעם נייעם בלעך פון וועלכען עס באַרף באַלד ווערען אויסגעבויגען אין פאָרעם פון אַ פושקע.

ר׳ אליקים האָט פרעהליך און מיט אַשמייכעל אויף זיין געזיכט דערצעהלט זיינע קינדער דאָס גרויסקייט פון די מכביער מיט זייערע מלחמות וואָס זיי האָבען איינגענומען און נאָך מעהר פון דעם יודישען גבור יהודה המכבי און ווי יודען האָבען זיך גוט געלעבט אין די מכביערס צייטען, און דער האַמער אונטער ר׳ אליקים׳ס האַנד האָט די גאַנצע צייט געקלאַפט און געקלאַפט פרעהליך מיט אַאַנגענעמען טאַקט איבער די בלעך. דאָס קלאַפען פון דעם האַמער האָט די קינדער ניט געשטערט צו הערען, נאָר פאַרקעהרט אין דעם קלאַפען האָט זיך זיי אויסגעוויזען אַז מען קלאַפט מיט פויקען און טאַצען, מען שפיעלט אין מיט געזאַנג פיהרט מען מיט גרויס פאַראַד דעם גבור יהודה קיין ירושלים מיט אַסך יודיש חיל וואָס האָבען זיך ווי גבורים אומגעקעהרט פון דער מלחמה און בענייעט דאָס בית המקדש.

— אַך קינדערלעך! גוט און פרעהליך איז אונז דענסטמאָהל געווען אויף דעם הארצען, יעדער יוד איז זיך ווידער געזעסען אויף זיין ערד אונטער זיין ווייןשטאָק און געלויבט גאָט. אַך קינדערלעך!...

— טיק טאַק, טאַק טיק, האָט דער האַמער פרעהליך אַן דעם טאַקט זיך אָנגערופען איבער דעם נייעם בלעך פון דער פושקע.

— ביידע, לאָז, וואַרט אויס, האָט רִבְקה'לֶע אִיהם איבּערגעשלאָגען די אַרבּייט. אַרומנעמענדיג אִיהם אונ זיך צוקושט.

יוֹסֵף מֶענדיל האָט זיך אִיצט זאַטט ניט געקאָנט אָנקוקען אויף דעם ביידען מיט דעם אייניקעל, עפּיס שאָנער זענען זיי געוואָרען, עפּיס יונגער איז דער ביידע געוואָרען עפּיס אַמין נייער חֵן האָט אויף זיי ביידע גערוהט אַז עס איז אַ פֶערגעניגען געווען צו קוקען.

ר׳ אֱלְיָקִים האָט ווייטער מיט שטאָלץ ניט אויפגעהערט צו דערצאָהלען דאָס גרויסקייט פון יודען אין יענער צייט, דער האַמער האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּען צום טאַקט אונ ר׳ אֱלְיָקִים האָט פאַר גרויס שִׂמְחָה צולעצט צוויי מאָהל אויסגעשנייצט די נאָז, איין מאָהל אויסגעגלייכט די באָרד אונ דריי שמעק טאַבּאַק געטהון.

V.

„צְדָקָה לְיִשׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל"

פְּלוּצִים האָט אויף ר׳ אֱלְיָקִים'ס שיינענדיג-פריהליך געזיכט זיך אָנגערוקט אַ חמאַרע, זיינע אויגען האָבען אויפגעהערט גלאַנצען, די קווייטשען פון זיין געזיכט זענען טיעפער אונ טיעפער געוואָרען, אויף זיין געזיכט האָבען זיך געוויזען עטליכע טיעפע קנייטשען, אונ דער האַמער אין זיין האַנד האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אויף דעם בלעך שטיל, עפּיס טרויריגם, שרעקליך טרויריגם אַז עס האָט אָנגעהויבען רייסען ביים האַרצען. אונ ר׳ אֱלְיָקִים האָט מיט אַ טיעפען זיפץ פון האַרצען ווייטער אָנגעהויבען דערצאָהלען:

— נאַ קינדערלעך, איצטער איז אויך אַזוי. ווי נאָר יודען איז גוט געוואָרען האָבען זיי ווייטער אָנגעהויבען פאַרגעסען אין גאָט, זיך שלעכט אויפגעפיהרט אַקעגען אִיהם אונ אַקעגען זייערע ברידער, עס איז זיי נאָר געפעהלען לעבען אונ נאַכטהון פרעמדע פאָלקער. לאַנג האָט גאָט איינגעהאַלטען זיין צאָרען ביז ער האָט אָנגעשיקט אויף זיי די ראָמער מיט טיטוּס דעם רָשָׁע. דער דאָזיגער רָשָׁע, טיטוּס האָט באַלעגערט די היילִיגע שטאָדט יְרוּשָׁלַיִם, צובּראָכען אַלע פעסטונגען, פאַרבּרענט דאָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַ סך טויזענטער יודען זענען געשטאָרבען פאַר הונגער אונ נאָך מעהר טויזענטער יודען האָט טיטוּס דער רָשָׁע, געהייסען הַרְגֶענען, אַ טהייל געקאָוועט אין קייטען, אַוועקגעפיהרט אין פלען, טויזענטער פאַרמוטשעט אין די געפיינגניסען אונ טויזענטער פון אונז האָט מען איבּערגעגעבען הונגעריגע ווילדע חַיוֹת אויפצועסען לעבּעדיגערהייט, די שטאָדט יְרוּשָׁלַיִם איז געבּליבען אַ ביטערע אָרעמע אַלְמָנָה אונ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פאַרוויסט אונ פאַרוויסטעט. פון יענער צייט אָן האָבען מיר יודען אָנגעהויבען בּלאָנדזען אין דער פרעמד

פון איין לאנד צום אנדערען לאנד אונ ווער עס האט נאר געוואלט דער האט אונז געשלאגען, געטריבען אונ אונזער פלייש געבראטען אונ געברענט

ר' אליקים האט זיך פארחלינעט, ער האט מעהר ניט געקענט רעדען אונ איינ טרעהרען האבען זיך אהן ווארטער אנגעהויבען גיסען איבער זיינע באקען.

— טיק טאק, טאק טיק האט שטילל וויינענדיג זיך אנגערופען דער האמער איבער דעם בלעך. רבקה'לען האט עס שטארק אנגענומען אונ פארקלעמט ביים הארצען, זי האט זיך צוחליפעט אונ געווישט זיך די אויגען; יוסף מענדלען האט זיך אויך געשטעלט טרערען אין די אויגען אונ ער האט זיך קוים איינגעהאלטען פון וויינען.

— נאר קינדערלעך גאטט פארלאזט אונז ניט, האט דער אלטער ר' אליקים אויסגעווישט זיינע פארטרעהרטע אויגען — שוין באלד צוויי טויזענד יאהר איז אוועק געגאנגען פון דער צייט אן, אונ מיר יודען לעבען נאך; אונזער תורה, אונזער אמונה איז ביי אונז געבליבען אונ אונזער ליעבע צו דעם הייליגען לאנד איז נאך ביי אונז ניט פארלאשען געווארען. נאר אזוי ווי צוריק מיט צוויי טויזענד יאהר אזוי אויך די גאנצע צייט אונ אויך אין מיינע צייטען ווען נאר יודען איז גוט געווארען האבען זיי זיך דערווייטערט פון דער יודישער אמונה, זיך אנגעהויבען שעמען מיט דעם נאמען „יוד". איך געדיינק אליין, מיינע אויגען האבען עס אליין געזעהן ווי קינדער וואס האבען נאך געגעסען ביי זייערע עלטערען, ערליכע יודען, געלערענט זיך אונ ערצויגען געווארען אויף זייער מיהע אונ געלד, האבען אויף דער גאס ווען זיי האבען באגעגענט זייערע עלטערען זיך פארקערט אויף א אנדער גאס אבי מיט זייערע אייגענע יודישע עלטערען זיך ניט באגעגענען, מען זאל אויף דער גאס ניט זאגען אז זיי זענען יודען. אומעטום האט מען זיך געשעמט מיט דעם נאמען „יוד", די ליעבע צום הייליגען לאנד האט שוין אנגעהויבען אין גאנצען צו פארלאשען ווערען, נאר געצאהלטע אלטע יודען אונ ווייבער פלעגען פאהרען קיין ארץ ישראל שטארבען אונ פלעגען אונז צושיקען א ביסעל ערד וואס מיר פלעגען עס האלטען ביי זיך אין שטוב, אט דערמיט האבען מיר זיך געקוויקט. אבער די הייליגע פעלדער אויף וועלכע מיר האבען אזוי פיעל יאהרען גליקליך געלעבט געאקערט אונ געפאשעט שאף, די הייליגע ערד וואס האט זיך אנגעזאפט אונ אנגעטרונקען מיט בלוט פון אונזערע טייערע יודישע גבורים, די ערד אויף וועלכע עס ליגען אונזערע הייליגע נביאים, מלכים, צדיקים אונ אונזער גאנצער אמאהליגער יחוס, אונזער שטאלץ, אויף דער הייליגער ערד אקערען זייען אונ פאשען שאף אלע פאלקער פון דער וועלט נאר ניט יודען, פלוצים ווי עפעס א גאטס-שטראף האט זיך א שטורימווינד אויפגעהויבען אויף יודען אונ ווי צוריק מיט צוויי טויזענטער יאהר האבען מיר זיך דערמאנט אז מיר זענען יודען, אונ די ליעבע צו אונזער הייליג לאנד האט זיך אנגעהויבען שטארקען, פיעל פון אונזערע בעסטע יודישע יונגע לייט אונ יודען מיט ווייבער אונ

קינדער האבען אנגעהויבען פאהרען קיין ארץ ישראל ניט נאר אויף אבצולעבען דארט די עלטערע יאהרען ד. ה. שטארבען דארט, נאר אויף צו ארבייטען, אקערען, זייען פעלדער, פאשען שאף אויף אונזער היילינע ערד. איצט געפינען זיך דארט א סך יודישע דארפער (קאלאניעס) מיט טויזענד יודישע מושיקעס-אקערבויער און א סך טויזענטער יודישע קינדער וואקסען יעצט אין ערציהען זיך צוזאממען מיט אונזער היילינע ערד. נאר אזוי ווי עס איז נאך אלין דער אנהויב ברויכען זיך די דאזיגע יודישע אקערבויער מען זאל זיי מיטהעלפען, האט אונזער רעגירונג זאל לעבען און געזונד זיין, אונטער דער זיכערקייט וועלכע מיר יודען וואהנען איצט, האט אונז ערלויבט געבען יעדער נאך זיין שטאנד געלד צו שטיצען אונזערע ברידער די קאלאניסטען און בעלי מלאכות אין ארץ ישראל, און אט פון דעם נייעם בלעך וואס איהר זעהט, קינדערלעך, און וואס איך האב זוכה געווען ביי גאטט צו ארבייטען איצט, וועל איך באלד מאכען א פושקע אין וועלכער יעדער וועט מעגען ווארפען געלד צו שטיצען אונזערע ברידער וואס ארבייטען די היילינע ערד אין ארץ ישראל. איצט ווייסט איהר שוין קינדערלעך וואס פאר א טייערע ארבייט איך ארבייט איצט!

רב אליקים האט אויפגעהערט דערצעהלען און פרעהליכער און גיכער האט אנגעהויבען קלאפען דער האממער איבער דעם בלעך.

אזוי א שעה אין דער נאכט האט פרעהליך ווי א גוטע מזיק געקלאפט דער האממער ביז די פושקע איז פערטיג געווארען. דערנאך האט ער אויף דער פושקע אויסגעפארבט מיט שאנע יודישע אותיות: „צדקה לישוב ארץ ישראל“ און די פושקע געשטעלט אויף דעם פענסטער מריקענען איבער נאכט.

VI.

דער ערשטער קלונג.

אויף מארגען ווען גרשון איז געזעסען מיט זיין פאמיליע ביי דער טהע, האט זיך געעפענט די טהיר און אליקים דער אלטער בלעכער איז אריין געגאנגען מיט א „גוט מארגען“ און מיט א נייער פושקע אין דער האנד. אללע האבען זי ארום געקוקט און געפונען אז זי איז אויסגעצייכענט און שאן געמאכט.

— פון דעסטוועגען האט איהר, ר' אליקים, צו טייער גענומען פאר דער פושקע.

— פינף גילדען פאר אזא פושקע איז ניט טייער. גלויבט מיר איך האב קיין איבעריגע ניט גענומען, געמאכט פון נייעם בלעך. זעהט בעסער ווי די איז געמאכט גוט.

— מען קען ניט זאגען, די ארבייט איז גוט, נאר א האלב קערבעל זאלט איך געווען גענוג. נאר לאז שוין זיין, שלאגט־זשע צו אט דא צו דער וואנט געבען דער טהיר, וועל איך אייך באצאהלען — האט גרשון געזאגט און אנגעוויזען מיט דער האנד געבען דער טהיר פון עם־שטוב.

ר' אליקים האט פון קעשענע ארויסגענומען זיין האממער מיט צוועקליך און אין צוויי מינוט מיט עטליכע זיבערע קלאפ איז די פושקע שוין געווען צוגעשלאגען און זיא האט שוין בעשיינט די עם־שטוב. גרשון האט איהם באצאהלט פינף גילדען, ר' אליקים האט גענומען דאס געלד אין האנד, געשטאנען עפעס, זיך ארומגעקוקט ווי איינער וואס וויל אז קיינער זאלל ניט זיין דערביי, נאר אללע אין שטוב און די קינדערלעך זענען אלץ געשטאנען און אנגעקוקט די פושקע. פלוצים האט זיך ר' אליקים אנגערופען:

— זייט אזוי גוט ר' גרשון און ערלויבט מיר... מיין נדבה זאל זיין די ערשטע. און אזוי רעדענדיג, ניט ווארטענדיג אויף ענטפער, האט ר' אליקים אראבגעלאזט די פינף גילדען, פון דער פושקע האט זיך דאס ערשטע מאהל געהערט עטליכע קלינג, און ר' אליקים איז שוין געווען פון יענער זייט טהיר און פאר איילעניש פארגעסען זאגען „א גוטען טאג".

גרשון איז איהם די מינוט נאכגעלאפען און נאך געשריגען: ר' אליקים, קערט זיך אום, נאט אייך אנדערע פינף גילדען פאר אייער ארבייט! נאר ר' אליקים האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט, נאר געמאכט מיט די האנד ווי איינער זאגט „ניין, ניין", און איז ווייטער געלאפען, בלאס און רויט און פארשעמט ווי גלייך ער האט עפעס געגנבעט און מען יאגט איהם נאך, אזוי אז דער יונגער גרשון האט דעם אלטען אליקים בלעבער ניט געקאנט חאפען.

* *
*

אין עטליכע טאג ארום זענען רבקהלע מיט יוסף מענדלען צוגעגאנגען צום אלטען ר' אליקים'ן ביידע פארשעמט, דאס בלוט האט זיך זיי געשטעלט אין פנים און מיט אראבגעלאזטע אויגען.

— ציידע! איך וויל אייך עפעס בעטען... האט רבקהלע זיך אנגערופען.

— רב אליקים, איך האב אייך עפעס צו בעטען... האט יוסף מענדעל געזאגט.

— וואס איז קינדערלעך? שעמט זיך ניט, זאגט.

— מיר ווילען אייך בעטען איהר זאלט אונז זאגען וואו האט איהר אוועקגעטראגען די טייערע פושקע וואס איהר האט געמאכט.

— צו ר' גרשון ליפמאן אויף דער ברייטער גאס. וואס איז [illegible]דערלעך? — זיי האבען געשוויגען ניט געקענט אנהויבען רעדען.

— שעמט זיך ניט קינדערלעך, זאגט, איהר מעגט מיר זאגען — האט ר׳ אליקים זיי אנגעהויבען גלעטען איבער די באקען.

— מיר ווילען אונזער קאססע דאס האלבע קערבעל וואס מיר האבען צונויפגעזאמעלט... אוועקגעבען אונזערע יודען וואס ארבייטען אונזערע הייליגע ערד אויף וועלכען דאס שאנע בית המקדש איז געשטאנען און וואו מיר האבען אמאהל געוואהנט דארט אונטער א ווייגשטאק. מיר דארפען מעהר קיין געלט ניט. זיידע, טייערער זיידעניו, זיים אונז, לאז אונז אוועק געבען, מיר דארפען מעהר קיין געלד. מיר האבען שוין אללעס... האבען זיך די קינדער ניט אויפגעהערט צו בעטען ביי איהם, ער זאל זיי ערלויבען זייער קאססע אוועקצושיינקען. ר׳ אליקים האט זיי געוואלט ענטפערען נאר ער האט ניט געקענט, ער האט נאר די קינדער ארומגענומען, געדריקט זיי געטולעט זיי שטארק צום הארצען, און טרעהרען פון פרייד האבען זיך געקייקעלט איבער זיינע געקנייטשטע באקען און צוגאסען זיך אין זיין ווייס גרויע בארד.

— איך בין גליקליך, מיינע טייערע קינדער — האט ר׳ אליקים קוים אנגעהויבען רעדען מיט א ציטערדיג קול — איך בין גליקליך וואס איך זעה דאס אללעס. איהר וועט קינדערלעך אויך זיין גליקליך, איהר וועט זיין גליקליבע חתן כלה און וועט האבען א גליקליך לעבען. געלויבט גאט דער פאר, איך האב עס אזוי פיעל ביי איהם ניט פארדיענט. געבענשט זאל זיין זיין נאמען, און געבענשט זאלט איהר זיין פון איהם מיט א סך יאהרען און מיט געזונד און אייערע הערצער זאלען שטענדיג פיהלען אזוי גלייך ווי איצט, אויף אייערע ריינע הערצער זאל קיין מאהל קיין פלעק ניט פאלען אזוי ווי איצט, דאנן וועט איהר שטענדיג זיין גליקליך און רייך. געהט געהט קינדערלעך אויף דער ברייטער גאס צו רב גרשון ליפמאן אין א גוטער שעה, מיינע טייערע חתן כלה.

— מיר זענען שוין דען חתן כלה? האט רבקה׳לע געפרעגט ביים זיידען.

— חתן כלה מיינע טייערע קינדער, מיט געזונד און מיט ריינע יודישע הארצער. דאס איז אייער נדן און חתן כלה מתנות וואס גאט דער פאטער פון אלע יתומים האט אייך געשיינקט. איהר וועט געוויס זיין גליקליך און רייך.

פון דעם אלטען ר׳ אליקים׳ען האט זיך ווייטער געגאסען טרעהרען פון גליק, טרעהרען פון העכסטער ליעבע...

* *
*

עס איז ווייטער געוועזען א זוממער נאכט ווי רבקה׳לע מיט יוסף מענדל׳ען זענען געזעסען אויף דער פריזבע פון דעם זיידענס שטיבעל אויף דעם ארימען יודישען גאסעל; א ווינטעל האט ווייטער מיט זיך געטראגען נוטע ריחות פון ניט ווייטע

גארטנער און פעלדער און האט פארבייליפענדיג דאס ארימע יודישע גאסעל אויך אביסעל אראבגעלאזט. די יונגע לייט האבען ווייטער אויף גיך אריין געשעפט אין זיך דאס ביסעלע גוטע לופט וואס דאס ווינטעלע האט זיי געשיינקט פארביילויפענדיג זייער ארים גאסעל. —

— וואס פאר א טייערע נאכט, וואס פאר א גוטע לופט איז איצט! האבען זיי איינס צום אנדערען געזאגט, און האבען זיך ווייטער אהן ווארטער פערטיעפט אין זייערע געדאנקען.

אויף דעם הימעל האבען ווייטער אנגעהויבען וואקסען און געהען אלערליי שטיקער און שטיקלעך חמארעס. זיי האבען ווי אין יענער נאכט איצט אויך פארריסען צום הימעל די קאפלעך, נאר אין די שטיקער און שטיקלעך חמארעס האבען זיי שוין ניט געזעהען דאס וואס אין יענער זוממער נאכט. זיי האבען איצטער אין די פערשידענע פיגורען פון די חמארעס געזעהען בערג, טענעבוימער. אט דארט אין יענעם עק וואו עס געפינט זיך צוזאממען א סך שטיקער חמארעס זעהען זיי דעם אלטען „לבנון”, אט דארט זעהט אויס ווי א גרויסער בארג—דער „הר הזיתים”. צווישען די חמארעס קוקט ארויס א גרויס שטיק הימעל, דאס איז א גרויסער פלאטץ אין יהודה און אט זעהט מען אלטע פעסטונגען וואס איז איבערגעבליבען פון די אמאהליגע יודישע מלחמות. אט יענץ שטיק חמארע האט א פנים ווי די אלטע וואנד וואס איז איבערגעבליבען פון דעם חורבן בית המקדש, און אט טאקי דא, זעהען זיי, די היילינע שטאדט ירושלים מיט די גלייכע דאכער און ארום א געמויערטע וואנד. צווישען די אלע חמארעס ציהט זיך א לאנגער פאס הימעל און רבקה׳לע מיט יוסף מענדלען זעהען דא דעם „ירדן” וואס ציהט זיך אזוי לאנג און ווערט פארפאלען אהן אן עק.

ווער קען זיך נאך אזוי פארטראכטען ווי צוויי פארליעבטע אונשולדיגע קינדער מיט ריינע הערצער ווי רבקה׳לע מיט יוסף מענדלען! אלעס וואס נאר אין זייער פאנטאזיע איז בעשאפען געווארען פון דעם זיידענס שאנע מעשות, האבען זיי עס באלד געזעהען לעבעדיג פאר זייערע אויגען און זייער פאנטאזיע האט זיי געבראכט צו אזא גרויסען גראד אז זיי האבען גאר פארגעסען אז זיי זיטצען אויף דער ערד, אויף דער פריזבע פון דעם זיידענס שטיבעל אין ארימען יודישען גאסעל, נאר זיי אליין געפינען זיך אין גאנצען דארט דארט ווייט מיט „זיי” צוזאממען; אט געהען זיי מיט א גאנצער קאמפאניע יודישע קאלאניסטען מיט זייערע ווייבער און קינדער, די ארבייטען צוזאמען, מען אקערט, מען גראבט, מען זייעט ווייץ, קארען און גערשטען, מען רייסט פון ביימער און ביימעלעך טייטלען, אתרוגים, ווייטרויבען... אט דארט שטעהען די מאנסבעלען און פון א ברונען טרינקט מען אן די פעלדער, די זון ווארעמט, דער שווייס רינט און מען ווישט זיך אב מיט די פאלעס. עס ווערט נאכט, מען לעגט אוועק די ארבייט, עס ווערט קיהלער, מען איז מיד, מען עסט וועטשערע און

מען לעגט זיך שלאפען אונטערען ליטערען הימעל און עס שמעקט אזוי גוט פון אללע זייטען, און מען שלאפט זיס געשמאק.

און אט איז געקומען דער ליעבער יום טוב, מען ארבייט מעהר ניט, מען איז ניט אויסגעשמיערט, נאר מען איז אנגעטהון און מען געהט קאמפאניעס וויז צו גאסט פון איין דארף צום אנדערען דארף איבער וויינגארטנער, טייטעלבוימער, איבער גארטנער וואו עס וואקסען זיסע וויינטרויבען, פאמאראנצען, לימענעס, און אויך געהט מען איבער גארטנער וואו עס וואקסען ראזשענקעס, מאנדלען, איילבירטען און נאך טייערע פרוכטען, מען עסט וויפיעל מען וויל, מען געהט און מען זינגט אללע און מען געהט ווייטער......

די צווייטע טאג יום טוב... יודישע קאלאניסטען זאממלען זיך פון פערשיעדענע דארפער און מיט א גרויס געזאנג איז מען אללע צוזאממען עולה רגל קיין ירושלים...

ווייטער און נאך ווייטער, העכער און העכער האט ניט אויפגעהערט [illegible] שפיעלען די פאנטאזיע ביי די צוויי יודישע קינדער...

צְווֵיי פֶּאסְלִיךְ וויין

(עֶרְצֶאהְלוּנְג פּוּן בֶּעסְסַאראבֶּער יוּדִישֶׁען לֶעבֶּען)

I.

דָאס בֶּעסְסַאראבֶּער יוּנְגֶעל

וֶוען זַיין מַאמֶע אִיז מִיט אִיצִי בֶּערֶעלֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן קִינְדְבֶּעט הָאט מֶען פוּן אוּנְטֶער אִיהר בֶּעט אַרוֹיסְגֶעשַׁארְט אַוָואגֶען מִיט אָבְגֶעגְרִיזֶעטֶע בֵּיינֶער פוּן קָאבּ-הִינֶער, קַאטְשְׁקֶעס, גֶאנְז, הִינְדִיקֶעס, יוּנְגֶע הִינְדֶעלֶעךְ, אוּנ פוּן אַסַךְ נָאךְ אַנְדֶערֶע כְּשֵׁרֶה עוֹפוֹת, וָואס אַ כְּשֵׁרֶה יוּדֶענֶע מֶעג עֶסֶען.

בַּיי פֶּעסְיֶע גָאלְדֶען, אִיצִי בֶּערֶעלֶעס מוּטֶער, אִיז אַ קִינְדְבֶּעט אַלְץ אֵיינְס גֶעוֶוען וִוי בַּיי אֵיינִיגֶע דַאמֶען פָאהְרֶען יֶעדֶען זוּמֶער קַיין אוֹיסְלַאנְד אוֹיף „פָאפְרַאווְקֶע״. נוּר פֶּעסְיֶע גָאלְדֶע בַּיי זִיךְ אִין בֶּעט, בְּשַׁעַת קִינְדְבֶּעט, הָאט זִיךְ פִיעל בֶּעסֶער פָאפְרַאוֶועט אִין גֶעזוּנְד וִוי דִי דַאמֶען אִין אוֹיסְלַאנְד אִין דִי טַייֶערֶע בָּאדֶער.

אַזַא קִינְדְבֶּעט צוּ הָאבֶּען וִוי פֶּעסְיֶע גָאלְדֶע, הָאט טַאקֶע נוּר גֶעקָאנְט אוֹיספִיהְרֶען דִי וָואס וואהוּנְט אִין דֶעם גֶעבֶּענְשְׁטֶען בֶּעסַארַאבִּיֶע וואוּ מֶען טְרִינְקְט וַויין מִיט עֶמֶער, וַויינְטְרוֹיבֶּען עֶסְט מֶען אוֹיפְ'ן פִיד, פֶעטֶע קַאדֶעס גְלִיטְשְׁט זִיךְ אִין הַאלְדְז אַרַיין וִויא אוֹיף אַ גוּטֶען שְׁלִיטוּועגִס, אוּנ מַאמֶעלִיגֶע?—„מַאמֶעלִיגֶע שְׁנַיידְט מֶען מִיט אַ שְׁטְרִיק אוּנ מֶען בֶּענְשְׁט וִוי אַ פְלִיעג״, זָאגֶען זֶעלְבְּסְט דִי בֶּעסַאראבֶּער יוּדֶען.

אָט אִין דֶעם גְלִיקְלִיכֶען גֶעגֶענְד אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אוּנְזֶער אִיצִי בֶּערֶעלֶע פוּן נִיט קַיין רַייכֶע נוּר פוּן אַ גְלִיקְלִיכֶער מוּטֶער וֶועלְכֶע מֶען הָאט אִין דֶעם קְלֵיינֶעם בֶּעסְסַאראבֶּער שְׁטֶעדְטֶעל גֶערוּפֶען „פֶּעסְיֶע גָאלְדֶע חַאלַאמֵיידַא״.

נָאךְ בַּיי דֶער מוּטֶערְס בְּרוּסְט הָאט אִיצִי בֶּערֶעלֶע מֶעהר וויין גֶעטְרִינְקֶען וִוי דֶער מַאמֶעס מִילְךְ, זֶעהְר פְרִיה הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִיסְלֶעךְ אוּנ נָאךְ

פריהער האט זיך איהם אויסגעשניטען צוויי פעדערשטע און פיער באקציינער. צווישען שוועסטערליך און ברודערליך האט ער זיך כמעט שטענדיג אויף דער ערד געוואלגערט, און אזוי שפיעלענדיג איז מען אבגעשלאפען אין דער קינדערשער קאמפאניע די גאנצע נאכט, דיא מוטטער האט זיך קיין סך ניט געקאנט אבגעבען מיט איהם, ווארום ווי ער האט זיך נאר געשטעלט אויף די פיסלעך איז ער שוין אויס "מיזיניק" געווארען... זי איז ווייטער געווען פארנומען מיט זעטצען אין שטייג קאפ-הינער זיי זאלען ביז דער קינדבעט פעט ווערען, אדער געשטאנען ביים אויבען געבאקען "פוטער-בילקעס" און דער נאך אין ליינווענדענע זאקלעך זיי אויסגעהאנגען איבער דער סטעליע (פאטאלאק) זיי זאלען זיך ביז דער נייער קינדבעט גוט אויסטריקענען — זיי זאלען זיך אין מויל "צושיטען".

פעסיע גאלדעס קינדבעטן מיט איהרע פעטע קאפ-הינער און פוטער-בילקעס האט געשמ'ט אין שטאדטעל.

שפעטער מיט יאהרען ווען פעסיע גאלדע איז געווארען אאלטע יודענע פלעגט מען דערצעהלען אז דאס וואס זי איז קיין עין הרע אויף זער אלטער אזוי געזונד האט זי צו פערדאנקען איהרע אמאהליגע קינדבעטען, זי פלעגט שטענדיג לאכען פון היינטיגע ווייבערשע קראנק מיט זייער שטענדיג דאקטארען זיך אויף די זאכען. — אמאהל פלעגט זי זאגען, איז גאר ניט געווען ביי ווייבער אזעלכע מאדנע קריינק מיט אזעלכע מאדנע נאמען. קינדלען איז ביי פעסיע גאלדען געווען א שפיעלע-בען, זיא פלעגט נאר וויא מען זאגט "דאס קינד פון זיך ארויסווארפען" און דער נאך האט זי שוין געגעסען קאפ-הינער מיט פוטער-בולקעס און זופען פעטע יאכלעך, די קינדער פלעגען זיך ביי איהר אליין וואקסען ווי קראפעווע, ווען א קינד איז ח"ו ניט געזונד געווארען אויף דעם בייכעל, האט זיא עס געגעבען טרינקען וויין, האט דאס קאפעל ווי געטהון — אויך וויין, א פינגער האט ווי געטהון — ווייטער וויין, ווען אפילו א קינד האט זיך פראסט צווויינט האט זי עס אנדערש ניט איינגענעמען נאר מיט וויין. אין דער צייט ווען די וויינטרויבען זענען צייטיג געווארען, האט מען שוין אללע קריינק אויך אויס געהיילט מיט ווינטרויבען, מיט איין ווארט, מיט וויין און וויינטרויבען האט זיך אנגעהויבען און מיט וויין און וויינטרויבען האט זיך געענדיגט, אויף וויין און וויינטרויבען זענען אללע בעססאראבער קינדער ערצויגען, אויף וויין און וויינטרויבען איז אונזער איצי בערעלע אויך אויפגעוואקסען.

צו אכט יאהר האט שוין איצי בערעלע געקאנט אללע מאלדאוואנעס מיט וועלכע זיין פאטער האט געהאנדעלט ד. ה. די מאלדאוואנעס וואס האבען געהאט ווייגארטענער מיט פלאנטאציעס פון טאבאק ארום דעם שטאדטעל וואו זיינע עלטערען האבען געוואוהנט און געהאנדעלט.

צו צעהן יאהר איז ער שוין ארומגעשפרינגען צווישען די בארג און טאהלען וואו דאס מעהר וואקסען די ווינטרויבען.

צו פערצעהן יאהר האט ער שוין געטרעטען דעם ווין און בעקומען ביז פינף גילדען פון פאס.

צו זעכצעהן יאהר האט ער שוין געוואוסט ווי צו פאפושעוען (בינדען אין סוויאזקעס) אויף די פלאנטאציעס דעם טאבאק, אין דער ארבייט האט ער שוין מעהר געלד פארדיענט.

צו ניינצעהן יאהר האט איהם א פארוואלגערטער, פארבלאנדזשעטער ליטוואק אויס־געלערנט קיים דאווענען פאר „א מאמעליגא" מיט א פאסעלע בעססאראבער ווין און איצי בערעלע האט שוין דאנן געהייסען א פאלקאמענער מענש און טאקע אין דעם זעלבען יאהר האט מען איהם אנגעהויבען רעדען גאנץ פיינע שידוכים.

און פאר וואס ניט? — איצי בערעלע, אויסער זיין קליינער וואוקס, איז געוועזען זעהר א וואולער בחור, א קיילעכדיג פנים, פוללע באקען, ברייטע פלייצעס, א קאפ האר א געדיכטער, א שאן קיילעכדיג בייכעלע האט זיך איהם אויך געשניטען, א בארדעלע האט זיך נאך מיט א יאהר צוריק אנגעהויבען שיטען, אקערבליך צוויי הונדערט האט ער אויך צוזאמענגעקלויבען פון זיין אייגענער הארעוואניע, חאטש קלאפ און צייל.

חתונה האבען, א בעל בית ווערען ד. ה. א בעל בית ווערען פון אייגענע עטליכע פאסלעך ווין און פון איין אייגענער „מאמעליגא" האט זיך איצי בערלען זעהר און זעהר געוואלט כמעט דאס חיות איז איהם אויסגעגאנגען, ווען ער פלעגט טראכטען דער פון.

און טראכטען האט איצי בערעלע ליעב געהאט זעהר פיעל!

II.

חלומות צווישען ווינטרויבען.

ראש חודש אלול הויבט מען אן בלאזען... און אפילו א פיש אין וואסער הויבט אן ציטערען... יעדער דערמאנט זיך אין זיינע זינד פון א גאנץ יאהר און יעדער וויל זיך אין דעם פארכטיגען חודש אבריינינגען. אלט און יונג, מאנסבילען און ווייבער, קינד און קייט און ווער עס האט נאר פיס לויפט פאר טאג, אין דער פריה, און אויף דער נאכט אין שול „דאווענען" „זאגען" און „בייטען"... דאס זעהט מען אין אללע אנדערע יודישע שטאדט. פאר בעססאראבער יודען אבער איז דער חודש אלול די בעסטע צייט פון א גאנץ יאהר, אין דער צייט זענען אין בעססאראביע די שאנסטע נאכט פון גאנצען זוממער, אין די שאנע נאכט היט אונזער איצי בערעלע זיין קליינעם ווינגארטען ווי די אויגען אין קאפ, ער עסט, שלאפט און לעבט דארט, וויל אין דעם ווינגארטען האט ער אריין געלייגט זיין גאנץ לעבען — א האלב יאהר שווערע ארבייט צוזאמען מיט זיין גאנץ פארמעגען ד. ה. זיין גאנצען קאפיטאל וואס באשטעהט פון צוויי הונדערט

קערבלעך וואס ער האט אזוי שווער און ביטער פאר הארעוועט אין זיינע אללע יאהרען.

די זילבערנע לבנה שפאציערט איצט אויף דעם שאנעם לויטערען הימעל, און באגיסט מיט שאטענס די בארג, בארגליך און טאהלען, איצי בערעלע קריכט ארום אויך ווי א שאטען צווישען די נידריגע ווינטרויבען בוימלעך, וועלכע בייגען זיך נאך נידריגער צו דער ערד פון זייערע שווערע צווייגען מיט פיעל אנגעגאסענע ווינטרויבען, מיט א מעסערעל שניידט ער אב א קליין צווייגעל און פארזיכט.

— נאך א צעהן - פופצעהן טאג, וועט מען שוין אנהויבען טרעטען דעם וויין, רעדט ער צו זיך אליין פארזוכענדיג א פאר ווינטרויבען און סמאקעוועט מיט די ליפען.

— גאטט זאל העלפען עס זאל זיין שאנע פאגאדא, עס זאל ניט געהן קיין רעגען, די ווינטרויבען זאלען זיך ניט שפאלטען, זיי זאלען פון רעגען ניט וואסעריג ווערען, אגרייטענעש (אוראזשאי) איז שוין ב"ה דא, עס זאל נאר ניט געהן קיין רעגען, בעט זיך איצי בערעלע און פארגלאצט מיט די אויגען צו גאט אין הימעל ארויף, און געהט אויף א אנדער ארט פארזיכען די ווינטרויבען און ווייטער טראכט ער אין טויזענטען מאל דאס איינענע ד. ה. „גאטט זאל שיינקען א שאנע פאגאדא אהן שום רעגען".

פון דארט געהט ער צו זיין „קאלעיבא" 1) וואס איז אינטערגעשפארט מיט שטעקינס געדעקט מיט א ראגאזשא און מיט גרינע בלאטטער צואממען מיט די פרוטיעס, אט אין דער „קאלעיבא" שלאפט ער באנאכט און איז באשיצט פון רעגען.

כמעט יעדע נאכט פאר דעם שלאף צו לעגט ער א קליין פייערעל געבען זיין זוממער וואהנונג און קאכט זיך א „מאמעליגא", ער מישט מיט צוויי לאנגע שטאקעלעך די גאנצע צייט ווען די „מאמעליגא" קאכט ביז עס ווערט פארטיג, דער נאך בלאזט ער עס זאל זיך אביסעל אבקיהלען און עסט בלאזענדיג, נאכהער פארטרינקט ער מיט וויין פון א גרויסער ערדענער באנקע וועלכע ער האט גענומען זיך שטענדיג אנגעגרייט.

וויל עס איז איצט א שאנע פאגאדא לייגט ער זיך שלאפען געבען זיין „קאלעיבא" אונטערען פרייען הימעל. ער קען אבער נאך ניט שלאפען, ער ליעגט אזוי און רויכערט א פארוויקעלטען פאפיראס „טיטין". די שאנע נאכט און די געזונדטע פרייע לופט לאזט ניט שלאפען זי ציהט צו זיך... צו זיך...

— אז עס וועט ניט געהן קיין רעגען, פאנטאזיערט ווידער אויף זיין געלעגער איצי בערעלע — וועל איך פון היינטיגען גרייטענעש זיך קענען צו שלאגען צו

1) בודקא, שאלאש אדער א מין פאלאטקא וואס באשיצט דעם היטער פון רעגען.

פיער הונדערט קערבלעך און אז גאט וועט וועלען אפשר צי טאקי גאנצע „תקי" נאר וואס וועט זיין דער נאך? — עס וועט אוועק געהן די פרעהליבע צייט 1) און עס הויבט זיך אן אזא לאנגער אימעטיגער ווינטער מיט לאנגע נאכט אז מען קען משוגע ווערען פון אומעטיגקייט עס ווערט אזש נמאס דאס לעבען... א ווען גאט העלפט מיר, איך זאל שוין אויך ווערען א בעל בית!... אוי ווי בין איך מקנא א בעל בית!... ער האט זיך זיין שטוב מיט א בעל-בית-טע, זיין קעלער, וואו אב צושטעללען איין איבעריג פעסעל ווין און נאך וואס פאר א ווין! — אלטען און נייעם, אלערליי רויטען און ווייסען, און ווען עס געהט אוועק די ארבייט צייט. ד. ה. ווען מען נעמט צו די עטליכע גילדען ביי די וואס לויפען זיך אן צו אונז פון דער גאנצער וועלט קויפען ווין, דענסטמאהל ווען מען ווערט פרייער פון דער ארבייט, הויבט זיך ערשט אן א לעבען פאר א בעל בית; מען קאטשעט זיך ארויס א צוויי-דריי פאסליך אויף „ווימיראזיק" מען מאכט זיך א „איינעקעל" א „אור-איינעקעל" 1) און וואס נאר דאס הארץ גליסט, עס איז זיך פראסט א תענוג אראב צו געהן צו זיך אין א אייגענעם קעלער אריין, מען פארזיכט דא, דארט, פון דאנען, פון יענעם, פון דעם גרויסען פאסעל. פון דעם קליינעם פאסעל. מען טראגט ארויף אין שטוב איין פלאש... פינף פלאש... פיפצען פלאש... די טרינקסט. דיין ווייב און קינדער טרינקען, גאסט טרינקען. אין שטיב ווערט ווארים, די ווינטער נאכט זעגען גרויס, דאס ווייב דערלאנגט א „מאמעליגע" מיט פוטער און „ברינזע". עס שלינגט זיך און גליטשט זיך די מאמעליגע ווי אויף א גיטען שליט וועגס, און דער ווין!? — דער ווין גיסט

1) אין בעסאראביע הייסט די פרעהליבע צייט די דריי חדשים אלול, תשרי, און חשון ווייל אין דער צייט ווערט צייטיג די וויינטרויבען, מען טרעט דעם ווין, מען פערקויפט און פון קליין ביז גרויס זענען אין דער צייט זעהר בעשעפטיגט און מען פערדיענט געלד.

2) אין יעדען ווין געפינט זיך פון נאטור א טהייל וואסער ווען מען וויל אז אין דעם ווין זאל זיך געפינען ווינציגער וואסער שטעלט מען דאס פאס ווין א געוויסע צייט אויף דעם פראסט. דער טהייל וואסער ווערט שטענדיג פון פראסט פארפרוירען און זעלבסט דער ווין קיין מאהל ניט. בשעת דאס וואסער געפונט זיך אין פארפרוירענעם אייז, צאפט מען אב דעם ריינעם ווין. און אזא ווין רופט מען „ווימיראזיק". ווען מען וויל אבער אז אין דעם „ווימיראזיק" זאל זיך באמת ניט געפינען קיין טראפען וואסער, נעמט מען דעם „ווימראזיק" און מען פריהרט איהם אויף דעם פראסט דאס צווייטע מאהל, מען צאפט ווייטער אב דעם ווין און דאס וואס עס בלייבט אין פאס פארפרוירען אין שטיקליך אייז, אזא ווין רופט מען „איינעקעל". ווען מען פריהרט אויס א „איינעקעל" רופט מען אזא ווין „אור-איינעקעל", דאס פיערטע מאהל ווען מען פריהרט און מען צאפט אב, הייסט אזא ווין „אור אור-איינעקעל". א בעססאראבער האט אמאהל מיר געוויזען א סארט ווין בערימענדיג זיך מיט די ווערטער: „דער ווין" איז שוין דער צעהנטער דור" דאס איז טייטש אז ער האט איהם צעהן מאהל געלאזט פריהרען און צעהן מאהל געצאפט.

זיך אונ גִיסְט זיך . . . עֶר נֶעמְט אָן וואו מֶען דַארְף . . . מֶען הֶערְט אִיהְם . . . מֶען הוֹיבְּט אָן צוּ פִילֶען אַז מֶען הָאט הֶאנְד מִיט פִּיס . . . יֶעדֶער אֵבֶר רִירְט זִיךְ צִי בִּיסְלֶעךְ אונ אַלֶע מָאל שְׁטַארְקֶער . . . עֶס הֶערְט זִיךְ ווִי דִי פִּיס הוֹיבֶּען זִיךְ אוֹיךְ אָן צוּ רִירֶען, אַלֶע מָאל רוּהֶעווְדִיגֶער אונ רִירֶעווְדִיגֶער . . . אָט פּוּנְקְט ווִי דֶער פָּאיֶעוְד הוֹיבְּט זִיךְ אָן צִירִירֶען פוּן אוּנְזֶער ווַאגְזָאל וָואס פִיהְרְט פוּן אוּנְז אַוֶועק טָאג טֶאגְלִיךְ אִין דֶער ווֶעלְט אַרַיין ווַיאגָאנֶעס אוּנְזֶער ווַיין – אוּנְזֶער לֶעבֶּען! . . . עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ בָּאמְבְּלֶען אוּנְטֶער דֶער נָאז אַ טְרוֹירִיגֶער נָאר שְׁטוּלֶער זִיסֶער "זְשָׁאק" אָדֶער אַ "וָואלָאכֶעל", אִיךְ הֶער ווִי אַזוֹי טֶאנְצֶענְדִיג שְׁרַייֶען דִי גֶאסְט "שְׁטַארְקֶער . . ." לֶעבֶּעדִיגֶער . . . "פּוּם! . . ." אַזַא בִּיסֶעל ווַיין ווִי בַּיי אִיצִי בֶּערֶעלֶען גֶעפִינְט זִיךְ נִיט אִין גַאנְץ בֶּעסַאַרַאבְּיֶע, אַזַא "מַאמָעלִיגֶע" ווִי אִיצִי בֶּערֶעלֶעס ווַייבּ קָאכְט – קָאכְט זִיךְ נִיט אִין גַאנְץ מָאלְדָאווְיֶע, שְׁטַארְקֶער – לֶעבֶּעדִיגֶער! . . . דָאס הַארְץ פוּן אַ בֶּעסַאַרַאבֶּער בַּעל בַּיִת קְווֶעלְט אָן הֶערֶענְדִיג אַזֶעלְכֶע ווֶערְטֶער אונ אוֹיף אַ אָנְגֶעקְווֶעלְט הַארְץ גִיסְט זִיךְ נָאךְ בֶּעסֶער אונ גְלַאטֶער אוּנְזֶער בֶּעסַאַרַאבֶּער ווַיין. עֶס ווֶערְט נָאךְ ווַארִימֶער אִין יֶעדֶען אֵבֶר – פוּן אַ סַךְ ווַיין טְרִינְקֶען, דְרִימֶעלְט זִיךְ נָאר זִיס אַיין אונ מֶען הֶערְט דַאנְן אִין זִיסֶען דְרִימֶעל ווִי עֶפִּיס אַ שֶׁאנֶע שְׁטִילֶע מוּזִיק שְׁפִּיעֶלְט אִין דִי אוֹיעֶרֶען, מֶען פְלִיעט אִין דֶער הוֹיךְ, הוֹיכֶער פוּן אַלֶע פַארווַאקְסֶענֶע בֶּערְג אונ גְרִינֶע בּוֹימֶער, הוֹיכֶער, בִּיז אִין הִימֶעל, מֶען דֶערְמָאנְט זִיךְ אִין דֶעם גְרוֹיסֶען גָאטְט מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע ווָאוּנְדֶער אונ זַיין שֶׁאן לִיכְטִיג פְרֶעהְלִיךְ ווֶעלְטֶעלֶע מֶען פְלִיהְט, מֶען פְלִיהְט . . . אָט אִיז מֶען נָאהֶענְט צוּ אִיהְם . . . מֶען זֶעהְט, ווִי אַלֶע זַיינֶע מַלְאָכִים מִיט פוּלֶע אָנְגֶענָאסֶענֶע בֶּעכֶער ווַיין אִין דִי הֶאנְד שְׁפִּיעֶלֶען אונ זִינְגֶען דֶעם שְׁטִילֶען זִיסֶען הַארְצְרַייסֶענְדִיגֶען "זְשָׁאק" אָדֶער אַ "וָואלֶעכֶעל" . . .

. . . . אִ י צִ י בֶּ עֶ רֶ עֶ לֶ ע הָאט זִיךְ פוּן דֶעם בֶּעסַאַרַאבֶּער זִיסֶען חָלוֹם אוֹיפְגֶע־חַאפְּט לִיגֶענְדִיג גֶעבֶּען זַיין "קָאלֶעיבָּאוּ" נָאר וָואס דִי אוֹיפְגֶעגַאנְגֶענֶע זוּנְן הָאט אִיהְם שׁוֹין גֶעקוּקְט גְלַייךְ אִין דִי אוֹיגֶען, אונ אִיצִי בֶּערֶעלֶע אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, פוּן דִי ווַיינְ־טְרוֹיבֶּען־בְּלֶעטְלִיךְ הָאט גֶעקָאפֶּעט בְּרִילְיַאנְטֶענֶע רָאסֶע־טְרֶערֶען, אונ עֶר הָאט ווַייטֶער מִיט שְׁטָאקְלֶעךְ אִינְטֶערְגֶעשְׁפַּארְט דִי בּוֹימְלֶעךְ וָואס הָאבֶּען אִיבֶּערְנַאכְט אָנְגֶע־הוֹיבֶּען דִי קָאפְּלֶעךְ צוּא דֶער עֶרְד אונ זֵיי הָאבֶּען אוֹיךְ גְלַייךְ מִיט אַנְדֶערֶע גְלִיקְלִיכֶע גֶעקוּקְט אונ גֶעשְׁפִּיעגֶעלְט זִיךְ אִין דֶער פְרִיהְמָארְגֶענְדִיגֶער זוּנְן, אונ אִיצִי בֶּערֶעלֶע הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטֶען פוּן דֶעם זִיסֶען חָלוֹם פוּן הַיינְטִיגֶער נַאכְט אונ אַלֶיין גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ: – אוֹי אַ בַּעל בַּיִת! אַ בַּעל בַּיִת! וָואס קוּמְט מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין גַאנְצֶער אַרְבַּייט אונ פַאר ווֶעמֶען הָארֶעווֶע אִיךְ? . . . פֶּע, עֶס הָאט זִיךְ מִיר שׁוֹין דֶער־גֶעסֶען צוּ זַיין אַ "בּוֹיֶעט" (בָּחוּר).

III.

א בעל בית פון א קעלער וויין.

פון דעם היינטיגען אוראַוואַשאי האָט איצי בערעלע פאַרדיענט מעהר ווי ער האָט ערוואַרטעט, ער פאַרמאָגט שוין איצטער זעקס הונדערטער און מען האָט איהם שטאַרקער אָנגעהויבען רעדען נאָך לייטעשערע שידוכים. טאַקע היינטיגס יאהר איז ער למזל א חתן געוואָרען און חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסט שאָן געזונד מיידעל, וואָס איז אויך שטענדיג געוואוהנט צו האָרעווען, זי האָט געקאָנט גוט קאָכען און וואַשען, ביין אויפראַמען אין שטוב און געקאָנט אויסגעצייכענט אַרבייטען זאָקען און „פאַרנעהן די שטוב" דער צו האָט מען איצי בערעלען פאַר איהר צו געגעבען טויזענד קאַרבען גרן און עטליכע יאהר קאַסט.

זיצענדיג אויף קאַסט האָט איהם זיין יונג ווייבעל אָבגעהיט, זיין בייכעל האָט אָנגעהויבען וואַקסען גראָסער, קיילעכדיגער און שאָנער, די באַקען רויטער, דאָס בערדעל געדיכטער און די פּלייצע מיט דעם קאַרק ברייטער און פעטער ווי עס פּאַסט פאַר אַ לייטישען בעססאַראַבטשיק — איין איידעמעל וואָס פאַלט אַריין אין אַ בעססאַראַבער שמאַלץ גרוב.

געהאַנדעלט האָט איצי בערעלע ווי פריהער, נאָר גראָסער און זיין קאַפּיטאַל האָט געוואַקסען מיט יעדען טאָג.

אָבער נאָך ניט דאָס האָט איצי בערעלע געמיינט, טאַקע חתונה געהאַט, זעהר שאָן, עס געהט איהם ב"ה גוט, מיט דעם ווייב האָט ער אַ גוט לעבען, אַלעס איז טאַקע גוט אָבער דאָס בעססאַראַבער בעל ביתיש לעבען פון וועלכען ער פלעגט שטענדיג טראַכטען איז ניט דאָ! ער האָט ניט זיין קעלער וויין — איז ער ניט קיין בעל בית. אמת דעם שווערס קעלער איז פאַר איהם אָפען, ער טרינקט אָבער ניט פון זיין פּאַסעל — אַז ניט זיין אַרבייט, עס איז ניט דער טעם ווי פון אייגענם, ער איז מעהר ניט ווי אַ קאַסט קינד, אַ איידעמעל.

גאַנצע פינף יאהר האָט ער זיך אַזוי נעבעך געמיטשעט ביים שווער אויף קאַסט און אויף דעם זעקסטען יאהר איז איצי בערעלע מיט גאָטס כח אַ בעל בית געוואָרען מיט עטליכע טויזענד קערבלעך קאַפּיטאַל און מיט עטליכע קינדערלעך.

אַ בעל הבית איז ער געוואָרען פון אַ אייגען געקויפט הייזעל פון דריי צימערין מיט אַ קעך, אויסער אַ פּלאַטץ, און מיט אַ גרויסען קעלער וואָס האָט זיך געשניטען אונטער דעם גאַנצען הייזעל, און אונטער דעם פּלאַטץ. פון דעם טאָג אָן האָט מען איהם אין שטאָדטיל שוין אויפגעהערט פאַרציהען זיין נאָמען, מען האָט ביי איהם צו גענומען דעם „עלע", צוגעשטעלט „רב" און מען האָט איהם אָנגעהויבען רופען „רב איצי בער".

פון זינט רב איצי בער איז אַראָב פון קאַסט און געוואָרען אַליין אַ בעל בית

פאר זיך, האט ער אנגעהויבען וואקסען פון אללע זייטען; זיין קאפיטאל מיט זיין ביכעל האבען געוואקסען, זיין ווייב האט געוואקסען אין דער ברייט, זיינע קינדער האבען אויך אונטער געוואקסען און נאך גראסער פון אלע האט אויסגעוואקסען זיין אייגענער קעלער ויין.

און ווירקליך רב איצי בערס קעלער ויין האט געשם'ט אין גאנצען שטאדטיל, ער האט דארט געהאט זיהן, איניקלעך, אור-איניקלעך, און גלאט אזוי א פאר פאסער און פאסלעך פון היינטיג יאהרעדיגען — „ב ײ ע ס" וויין, און פיעל, פיעל גליקליכע נאכט האט ער אזוי פארבראכט ווי ער האט זיך א מאהל אין דער יוגענד, בחור וויז, פארגעשטעלט דאנן ווען ער פלעגט געבען זיין „קאלעיבא" אבהיטען זיין קליינעם וויינגארטען און ניט נאר קיין נאכט נאר זיין גאנץ לעבען האט ער אזוי גליקליך פארבראכט, ער פלעגט אליין זאגען אז וואס ער האט געוואלט האט ער אין זיין לעבען אויסגעפיהרט און ווירקליך האט ער אויסגעפיהרט אללעס וואס נאר א בעססאראבער קאן פערלאנגען פון דעם לעבען ד. ה. שטענדיג געגעסען און שטענדיג פארטרינקען מיט וויין, ווער שמועסט נאך צוזאממען מיט חברה, גוטע ברידער וואס קען נאך זיין פאר א גליקליכער לעבען!

רב איצי בער האט אללע זיינע יאהרען אפט ליעב געהאט זיך זאגען זיינע ווערטלעך ווי למשל: „פון אמת'ן וויין ווערט מען קיין מאהל ניט שיכור, פון טרינקען א סך וויין הייבט אן דער מענש צופיהלען זיינע אייגענע האנד און פים, און וואס איז מען פאר א מענש אויף דער וועלט, וואס איז דאס אומשטיינס געזאגט, פאר א לעבען אז מען האט האנד און פים און מען פיהלט זיי ניט אז מען האט זיי"...

ניט קוקענדיג וואס אין זיין קעלער האט זיך געפינען א סך סארטען וויין, נאר רב איצי בער האט ליעב געהאט צו טרינקען נאר פון „זיין סארט" — ווען עס האט זיך גיענדיגט אין פאס זיין בעליעבטער סארט האט שטענדיג פיעל צייט געדויערט איידער ער האט זיך צו געקליבען א נייעם סארט וואס זאל איהם אין גאנצען געפעלען, אין דעם פאך איז ער געוועזען א גרויסער אויסטראכטער, א קאפריזניק, א גרויסער פארבראקירער.

אין דעם בעסטען וויין וואס אנדערע מבינים האבען איהם געפינען פאר איין אנטיק פאר א פעפערעל, האט רב איצי בער געפינען אכטצעהן חסרונות און ווען יענע פלעגען איהם פערוואונדערט פרעגען.

— סטייטש, רב איצי בער! — וואס רעדט איהר? וואס זאגט איהר? — אט דער וויין איז שלעכט, מיר זענען ב"ה ניט צו פערזינדיגען אויך צווישען ויין געבוירען און זאגען אייך אז קיין בעסערער פון איהם איז גאר ניט דא, עס שטייט פינף קערבלעך א עמער אויף דעם „ארט" און אלע סוחרים חאפען איהם ווי לאקשען.

— עס קען זיין, פלעגט ער ענטוועהרען — נאר מיט דעם סארט איז גוט צו האנדלען און פארקויפען, און אפילו מכבד זיין גאסט מיט איהם אבער מיר אויף צו טרינקען טויג ער ניט.

רֶב אִיצִי בֶּערֶען זָאל גֶעפֶעהלֶען הָאט דֶער וַויין גָאר נִיט בֶּעדַארְפְט זַיין גוּט אָדֶער בַּייעֶר נָאר עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען „מַזָל״ — רֶב אִיצִי בֶּער הָאט לִיעבּ גֶעהַאט אַז דָאס גְלֶאזֶעל וַויין וָואס עֶר טְרִינְקְט זָאל עֶס אִיהם אַ טְשֶׁעפֶּע טְהוּן נִיט אִין שְׁפִּיץ צוּנְג ווִי מְבִינִים הָאבֶּען לִיעבּ, נָאר אִין דֶער מִיט צוּנְג, זָאל רֶב אִיצִי בֶּערֶען טְשֶׁעפֶּען, אִין „שְׁלִינְג״ זָאל עֶס אוֹיךְ אַ בִּיסֶעל אָנְרֵירֶען אוּנ אוֹיף דֶעם הַארְץ „זָאל זִיךְ עֶס לֶעגֶען ווִי אַ סְמֶעטֶענֶע״.

אַז רֶב אִיצִי בֶּערֶען פְלֶעגְט אֵיין מָאהל אִין צְוֵויי יָאהר אוֹיסגֶעהְן „זַיין״ וַויין הָאט דָאס יֶעדֶער דֶערְקֶענְט אוֹיף זַיין פָּנִים, וָואס עֶס הָאט מֶעהר גֶעדוֹיֶערְט אֵיידֶער עֶר הָאט זִיךְ צוּ גֶעקְלוֹיבֶּען „זַיין סָארְט״, הָאט זַיין גֶעזִיכְט שְׁלֶעכְטֶער אוֹיסגֶעזֶעהְן, דִי אוֹיגֶען הָאבֶּען פַארלוֹירֶען זֵייעֶר קָאלֵיער דִי בַּאקֶען אֵיינגֶעפַאלֶען, דֶער־קָארְק נִיט אַזוֹי רוּיט ווִי תָּמִיד נוּר מִיט מֶעהר קְנֵייטְשֶׁען, דִי הֶענְד אוּנ פִּיס אָבְּגֶעלָאזְט ווִי נָאךְ גֶעשְׁלֶעפְט זַיי, אוּנ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֶעהלִיכְקֵייט אִיז אַוֶועק פוּן אִיהם, עֶר פְלֶעגְט זֶעהְר וֶוינְצִיג רֶעדֶען, אוּנ זִיךְ נָאר בֶּעקְלָאגֶען אַז עֶס בְּרֶעכְט אִיהם יֶעדֶער אֵבֶר, עֶר שְׁלָאפְט נִיט, עֶסְט נִיט, אוּנ טְרִינְקְט נִיט.

אַזַא פַארֶענְדֶערוּנְג הָאט מֶען אִיהם בַּאמֶערְקְט נִיט נָאר וֶוען עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אָהְן „זַיין סָארְט״ וַויין נָאר שׁוֹין בַּאלְד וֶוען עֶר פְלֶעגְט בַּאמֶערְקֶען אַז אִין „זַיין פַאסֶעל״ מַאנְגְט שׁוֹין... וַוייל עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט ווִי שְׁוֶוער אוּנ בִּיטֶער עֶס קוּמְט אִיהם אָן אֵיידֶער עֶר דֶערְקְלוֹיבְּט זִיךְ זַיין סָארְט וָואס אִיהם שְׁמֶעקְט אוּנ ווִי עֶר הָאט לִיעבּ.

ווִי שְׁלֶעכְט אוּנ אוּמגְלִיקְלִיךְ עֶר הָאט אוֹיסגֶעזֶעהְן אַז עֶס הָאט אִיהם אוֹיסגֶעפֶעהלְט, אַזוֹי גוּט הָאט עֶר אוֹיסגֶעזֶעהְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלוֹיבֶּען אַ נַיי פַאס וַויין ווִי עֶר הָאט לִיעבּ, גֶערֶעדְט מִיט יֶעדֶען אוּנ יֶעדֶעס מָאהל פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פַאר זַיינֶע הוֹיזלַייט אוּנ בֶּעקַאנְט בֶּערִיהמֶען „אַז דֶער הַיינְטִיגֶער סָארְט אִיז בֶּעסֶער פוּן אַלֶע וָואס עֶר הָאט נָאר אִין זַיין לֶעבֶּען גֶעטְרִינְקֶען״. אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ אִיז רֶב אִיצִי בֶּער גֶעוֶועזֶען וֶוען יֶענֶער וָואס עֶר הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען פֶערזוּכֶען פוּן „זַיין סָארְט״ הָאט אִיהם פַארְטַאקֶעוֶועט: „אַז עֶס אִיז וִוירְקְלִיךְ אַ גוּטֶער סָארְט״.

וָואס זָאגְסְטוּ, עֶפֶּעס גְלַאט אַזוֹי מִיט אַ גְרִינְגֶערֶען לֶעבֶּער, אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶער וַויין, פְלֶעגְט זִיךְ רֶב אִיצִי בֶּער דַאנְן אוֹיף יֶענֶעם אַרוֹיפְחַאפֶּען מִיט שִׂמְחָה.

— וָואס דֶען, עֶר אִיז שְׁלֶעכְט, עֶס אִיז טַאקִי אַ גוּט, גֶעזוּנְד גְלֶאזֶעל וַויין.

— נֵיין בְּרַאטִי (בְּרוּדֶער), אִיךְ זֶעה אַז דוּ ווַייסְט נִישְׁט אוּנ פִיהלְסְט נִישְׁט וָואס דִי טְרִינְקְסְט.

— וָואס רֶעדְט אִיהר. רֶב אִיצִי בֶּער, בִּין אִיךְ דֶען נִיט־קֵיין בֶּעסַסַאראבֶּער קִינְד אוּנ הָאבּ אֶפְשַׁר קֵיין וַויין גֶעטְרִינְקֶען, הָאט זִיךְ יֶענֶער ווִי בַּאלֵיידִיגְט.

— נֵיין, אִיךְ זָאג עֶס גָאר נִיט בִּיסְט דַוְקָא אַ סַךְ אַ גְרֶאסֶערֶער מֵבִין פוּן אוּנזֶערֶע אַלֶע הִיגֶע סוֹחֲרִים, נָאר אַזַא גְלֶאזֶעל וַויין טְרִינְקְסְט דוּ אִיצְטֶער דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל, זַיי זִיךְ מוֹדֶה, שֶׁעם זִיךְ נִיט, אָט זֶעה אִין מִיסְטֶנֶע וָואס דִי טְרִינְקְסְט.

און רֶב איצי בֶּער הָאט דֶער בַּיי מִיט אַ פִינְגֶער פוּן דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד אָנְגֶעוויזֶען אויף דֶעם אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶעם בִּיסֶעל וָואס יֶענֶער הָאט גֶעהַאלְטֶען אִין גְלֶאזֶעל.

— פַאר זוּךְ נָאךְ אַ מָאהל, נִישְׁקָשֶׁה, עֶר בֶּעט זִיךְ אַלֵיין פַארזוּכֶען, פַאר זוּךְ, פַאר זוּךְ וֶועסְט דוּ עֶפֶּעס הֶערֶען... הָאט רֶב איצי בֶּער יֶענֶעם נִיט אָבְגֶעלָאזְט און ווייטֶער מִיט דֶעם פִינְגֶער אָנְגֶעוויזֶען אויף דֶעם גְלֶאזֶעל, דֶער בַּיי צוּ גֶעמַאכְט אֵיין אויג און מִיט בֵּיידֶע אוֹיעֶרֶען אָן זִיךְ עֶפֶּעס אַיינְגֶעהֶערְט, ווי אֵיינֶער וָואס הֶערְט זִיךְ אִין שְׁרֶעקְלִיכֶע סוֹדוֹת וָואס גֶעהֶט אִין גַאנְצֶען לֶעבֶּען אַז מֶען זָאל זֵיי ווִיסֶען. און יֶענֶער הָאט גֶעבֶּעךְ גֶעמוּזְט מוֹדֶה זֵיין אַז עֶר טְרִינְקְט ווִירְקְלִיךְ דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל און זֵיין לֶעבֶּען אַזַא וָועלְטֶענֶעם טַייעֶרֶען סָארְט ווַיין און דֶער מִיט רֶב איצי בֶּערֶען גְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט און פַאר זִיךְ אֵיין אֵייבִּיגֶע פְרַיינְד גֶעקוֹיפְט.

IV.

אויף דֶער אֶלְטֶער.

אַזוֹי הָאט זִיךְ רֶב איצי בֶּער אָבְגֶעלֶעבְט בִּיז אִין דֶער אֶלְטֶער, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, קַיין גֶעשֶׁעפְטֶען הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גֶעפִיהְרְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶעבְט מִיט זַיין אַלְטִיטְשְׁקֶער אַ שְׁטִיל רוּהִיג לֶעבֶּען, עֶר הָאט גֶעדַאווֶענְט אַלֶע טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט אַ מִנְיָן, גֶעגֶעסֶען, גֶעשְׁלָאפֶען, זַיין אַלְטִיטְשְׁקֶע הָאט אִיהם אָבְגֶעהִיט, און דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט הָאט עֶר פַארבְּרַאכְט בַּיי אַ גְלֶאזֶעל ווַיין פוּן „זַיין סָארְט".

צוּ זֶעבְּצִיג יָאהר, הָאט זִיךְ רֶב איצי בֶּערֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל אִין זַיין לֶעבֶּען אַ גְרוֹיס אוּמְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען — זַיין אַלְטִיטְשְׁקֶע הָאט אִיהם אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען, זִי אִיז אַוֶועק אִין דֶער אֵייבִּיגֶער וֶועלְט, און אָהן שׁוּם רַחֲמָנוּת אִיהם גֶעבֶּעךְ אויף דֶער אֶלְטֶער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין.

אֵיין אוּמְגְלִיק בְּרֵיינְגְט דֶעם צְווייטֶען אוּמְגְלִיק — נָאךְ שִׁבְעָה זִיצֶען וֶוען עֶר אִיז אַרָאבּ צוּ זִיךְ אִין קֶעלֶער, זִיךְ דָארְט טְרֵייסְטֶען פוּן זַיין אוּמְגְלִיק וָואס זַיין שְׁטֶענְדִיגֶער פְרַיינְד הָאט אִיהם אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען הָאט עֶר מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק פְּלוּצִים דֶערְזֶעהֶן ווי זַיין צְווייטֶער פְרַיינְד — זַיין פֶּאסֶעל ווַיין — „זַיין סָארְט" פוּן וֶועלְכֶען עֶר טְרִינְקְט אִיז שׁוֹין אויךְ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען — זַיין לֶעצְטֶער פְרַיינְד הָאט אִיהם אויךְ גֶעבֶּעךְ אויף דֶער אֶלְטֶער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין!...

זַיין עֶרְשְׁטֶער פְרַיינְד הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אִיז פַארְפַאלֶען אויף אֵייבִּיג, נָאר זַיין צְווייטֶען פְרַיינְד הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען זוּכֶען און נָאךְ פְרֶעגֶען בַּיי זַיינֶע בֶּעקַאנְטֶע ווַיינְהֶענְדְלֶערְס, נָאר קַיין סָארְט ווַיין הָאט אִיהם נִיט גֶעשְׁמֶעקְט, אויף דֶער אֶלְטֶער אִיז עֶר נָאךְ מֶעהר קַאפְּרִיזְנֶער גֶעוָוארֶען ווי אִין דִי יוּנְגֶע יָאהֶרֶען, דֶער אֵיין סָארְט ווַיין הָאט שׁוֹין זַיין גֶעזָאלְט דַאכְט זִיךְ, גוּט, נָאר „עֶר גֶעהְט נִיט גְלַאט" און דֶער סָארְט

דאכט זיך „געהט שוין יא גלאט", נאר „ער פארטשעפּעט ניט וואו מען דארף", מיט איין ווארט זיין סארט וויין — זיין לעבען, זיין געזונד, זיין וועלט און זיין טרייסט האט ער ניט געפונען, ניט קוקענדיג וואס שוין כמעט א האלב יאהר אז ער זוכט, קלויבט און פארזוכט פון פערשיעדענע סארטען און עס געפעלט איהם ניט אזוי ווי ער האט ליעב, ווי ער איז געוואהונט צו טרינקען זיין גאנץ לעבען.

אין דעם האלבען יאהר האט זיך רב איצי בער א שטארקען רוק געטהון און מיט צעהן יאהר עלטער געווארען, זיינע האר זענען געווארען ווייס ווי שנעע, די באקען האבען אנגעהויבען איינפאלען, זיין קיילעכדיג בייכעל האט נאכגעגעבען ווי א ליידיגער זאק און די האנד מיט די פיס אבגעלאזט.

רב איצי בער האט אנגעהויבען אפט קרעכצען און זיך קלאגען:

„איך פיל שוין ווי איך וועל אין גיכסטען שטארבען און פון וואס זאל איך לעבען? עסען — עס איך ווייניגער ווי א קינד, שלאפען האב איך אויפגעהערט אין גאנצען, אומשטיינס געזאגט אפילו א ביסעל וויין ווי איך האב ליעב, זיך דערקוויקען, האב איך אויך ניט אויף דער עלטער, היינט ווי זאל איך קענען עסען אדער שלאפען, וואו זאל איך נעמען קראפטען צו לעבען? — א שאנע עלטער האב איך דער לעבט!... און חאטש א ביסעלע גוט לעבען ווילט זיך איצטער, נאך מעהר ווי תמיד, נאר וואו נעמט מען עס, אט דאס ביסעלע לעבען?... — א. ווי נעמט מען נאך אזא פאסעלע וויין עס זאל מיר שמעקען ווי איך האב ליעב... אומשטיינס געזאגט היינטיגע יאהרען איז דען דא דער וויין וואס א מאהל, מען טרעט איהם דען ווי א מאהל? מען האט שוין גאר אנגעהויבען קוועטשען די ווייטרויבען מיט מינים מאשינען און פרונזשינעס, היינט ווי וואקסט גאר היינט אזעלבע ווייטרויבען ווי א מאהל!.. פארפאלען די קוה מיט דעם שטריק! — פארפאלען אמאהליגע יאהרען!"...

זיינע באקאנטע וואס פלעגען אפט הערען פון רב איצי בערען זיך קלאגען, פלעגען נאר לאכען פון איהם ווי פון איין אלטען קאפריזניק וואס האט נאר ליעב צו פלאפלען און ווי אלע אלטע לייט ניט אויפהערענדיג צו לויבען א מאהליגע גוטע יאהרען ווען זיי זענען יונג געוועזען, רב איצי בער פלעגט זייער לאכען גיט פארשטערין און מיט פערדראס זיי זאגען: „ווארט נאר אוים, איהר וועט אויך א מאהל אלט ווערען". און אוועק מאכען מיט די האנד האט ער מעהר מיט זיי ניט געוואלט רעדען ביז ער האט בעקומען א נייעם באקאנטען און ווייטער זיך בעקלאגט, געזיפצט און געלויבט א מאהליגע גוטע יאהרען.

V.

צוויי פאסלעך וויין.

עפּעס ווי על פי נס האט זיך געמאכט אז מען האט רב איצי בערען געבראכט קויפען א

פאסעל ווין, אין וועלכען, אויף יעדען גרויס וואונדערונג, האט ער געפונען זיין סארט, „ער איז געגאנגען גלאטי „פארטשעפעט וואו מען דארף" א. ז. וו. מיט אללע מעלות ווי רב איצי בער האט ליעב געהאט, אונ ווי זיין שטייגער איז פון תמיד אן געוועזען האט ער זיך אויך יעצט באריהמט פאר יעדען אז דער נייער סארט איז פיעל בעסער פון אללע זיינע סארטען וואס ער האט אין זיין גאנץ לעבען געטרונקען אונ נאך אזא פאסעל ווין ווי ער האט איצטער געקויפט וועט מען אין ערגעץ שוין ניט געפינען מען זאל זיפען אונ זוכען.

ווען ער האט אויסגעטרונקען די ערשטע גלאז פון זיין נייעם סארט האט ער זיך אזוי דערפרייעט ווי א זייגענדיג קינד מיט זיין מוטטער וועלכע ער האט א גאנצע טאג ניט געזעהן אונ זיך גענוג אנגעוויינט. מיט טרערען פון שמחה האט זיך איהם געשטעלט אין די אויגען פונקט ווי ביי דעם קליינעם קינד וואס הייבט אן אין מיטען וויינען פלוצלים צו לאכען.

מיט גרויס כבוד האט ער דאס נייע פאסעל אראבגעשטעלט צו זיך אין קעלער אונ איהם אבגעגעבען א מזרח שטאדט — אויף דעם בעסטען ארט, אונ גוט עס ארום־געקוקט עס זאל ח"ו ניט אויסרינען, אונ האט דאס פאסעל אנגעהויבען היטען ווי די אויגען אין קאפ.

דאס פאסעל האט איהם איצטער געדיענט פאר זיינע ביידע פריינד וואס ער האט היינטיגס יאהר פארלוירען אונ קיין טאג האט ניט פארפעהלט ער זאל ניט זיצען א פאר שעה נעבען זיין נייעם גוטען פריינד — געצאפט פון פאסעל אין גלאזעל, פון גלאזעל אין מויל אונ גערעדט דער מיט ווי מיט א אלטען גוטען פריינד, פונקט ווי זיין אלטיטשקע וואלט איצט געלעבט אונ ער רעדט מיט איהר.

מיט יעדען טאג האט דער אלטער רב איצי בער געפיהלט ווי עס קומט איהם צו קראפטען אונ נייע לעבען אונ ווי ער ווערט יונגער.

אזוי זופענדיג פאוואליע, רוהיג בעטראכט פון גלאזעל, האבען זיך זיינע אלטע פארגליווערטע אברים דערווארעמט, די אויגען געבלישטשעט אונ דערמאנענדיג זיך אין א מאהל האט ער זיצענדיג נעבען זיין פאסעל איבערגעלעבט אללע זיינע יונגע יאהרען, אט קומט מאר פאר זיינע אויגען די שאנע זוממער־נאכט נעבען זיין „קאלעיבא", ווען ער האט געהיט זיין קליינעם ארעמען וויינגארטען אין וועלכען עס איז געלעגען זיין גאנצער קאפיטאל וואס איז באשטאנען אין גאנצען פון א פאר הונדערט קערבלעך, ווי ער האט אין דער שטילקייט פון דער נאכט געבעטען דעם רבונו של עולם ער זאל אויפהאלטען דעם רעגען, גאט האט איצי בערעלען צו געהערט אונ ער האט דאס ערשטע מאהל פארדיענט א סך געלד.

— „אונ וואו איז זי?" האט ער זיך פלוצים דערמאנט אין זיין אלטיטשקע אונ א טרעהר איז פון זיינע אויגען אריין געפאלען אין גלאזעל — פאר וואס איז זי איצטער ניט דא? נאר זי פעהלט מיר איצט!... גאר ווער ווייסט וואו זי איז איצטער? — צו

אין גן עדן און אפשר ח"ו נאך אין גיהנם... נאר פאר וואס אין גיהנם? — געוויס אין גן עדן! וואס פאר א שלעכטס האט זי דען געטהון אויף דער וועלט??...

און ער האט זיך דער מאנט די צייט פון נאך זיין חתונה און ווי ער איז נאכהער אראב פון קעסט, אליין א בעל בית געווארען און ווי זי איז א מאהל געזונד און שאן געוועזן, זי פלעגט באשיינען זיין הויז — א, און וואס פאר "מאמעליגעס" זי, עליה השלום, האט געקאכט! — נאך היינט געדיינקט מען זיי אז מען פלעגט זיצען מיט א קאמפאניע גוטע פריינד, די פארע פון דער "מאמעליגע" איז געגאנגען ביז אין דער סטעליע און ווייין האט זיך געגאסען און געגאסען...

און רב איצי בער האט איצטער אויף דער עלטער איינער אליין אויך געגאסען און געגאסען, און פיעל מאהל דער ביי איבער געלעבט אללע זיינע יונגע יאהרען — די אמאהליגע גוטע נאכט און ניט איין מאהל האט ער פערלוירען אין זיין גלאז א פאר טרעהרען.

— כל זמן מיין פאסעל לעבט וועל איך אויך לעבען! האט זיך רב איצי בער געטרייסט און געשטארקט און אלע מאהל לעבעדיגער און פרעהליכער געווארען.

און נאך דריי חדשים איז אזוי אוועק געגאנגען.

*

אין איינעם פון די אסיענדיגע נאסע און טונקעלע טאג האט רב איצי בער אריינגעקוקט אין פאסעל און האט מיט גרויס שרעק דערזעהן ווי עס טאגט...

א האלב לעבען האט ער פון דעם שרעק פארלוירען, און אלע זיינע אברים איז איהם קאלט געווארען, נאר ער האט באלד אנגעהויבען דאס פאסעל און עס האט זיך ווייטער פרעהליך אנגעהויבען גיסען פון צאפען אין גלאזעל, פון גלאזעל אין מויל און רב איצי בער איז ווייטער אויפגעלעבט און פרעהליך געווארען.

— עס, אייביג לעבט קיינער ניט! האט ער לעבעדיג צו זיך געזאגט — ווער זארגט עס היינטיגע יאהרען אויף מארגען, אפילו יונגע לייט זארגען זיך ניט פאר דעם מארגען ובפרט איך אין מיינע יאהרען.

און רב איצי בער האט ווייטער געטרונקען און געטרונקען. ווען ער פלעגט אריין קוקען אין פאסעל וואו עס פלעגט אללע מאהל ווייניגער און ווייניגער ווערען פלעגט ער געזונד פערליערען, און ווען ער פלעגט טרינקען פלעגט איהם געזונד צו קוממען. אזוי האט ער זיך א צייט געראנגעלט און וואס ווייטער אלץ מעהר געזונד פערלוירען און אלץ שוואכער געווארען.

און אז פון דעם צאפען זאל זיך ווייטער גיסען אין גלאז פרעהליכער ד. ה. פולל אין דער גאנצער גרויס פון צאפען האט ער געבען צווייטען דנא פון פאס אונטערגעלעגט א ציגעל און עס האט זיך ווייטער פרעהליך געגאסען עטליכע טאג.

עס ליגט שוין צוויי ציגלען... ער באמערקט אז אין פאסעל ווערט ווינציגער און ווינציגער, מיט יעדען טראפען וויין וואס פעהלט שטארבט אין איהם איין אבר

זאר אויך מיט יעדען טראפען וויין וואס ער טרינקט דער האלט ער נאך ווי אזוי עס איז זיינע לעצטע קראפטען.

נאך אין עטליכע טאג ארום האט ער געזאגט מיט א שוואך קול:

— נאך א דריטען ציגעל דארף מען אינטערלעגען...

אבער מעהר קיין ציגעל האט שוין רב איצי בער ניט אינטערגעלעגט ווייל אין דער זעלבער צייט ווען פון פאסעל איז ארויס דורך דעם צאפען די לעצטע טראפען האט עפעס ווי מיט א מין שרעקליכען חארחלען און מיט א שטילען קוויטש, א רעד געטהון דאס פאסעל... און דאנן איז אויך ארויס א חארחלעריי ווי א מין גסיסה פון דעם צווייטען פאס — פון רב איצי בערען.

אין גאנצען א פאר מינוט האבען זיך ביידע פאסער געראנגעלט און געמאטערט זיך מיט דעם טוידט און נאכהער זענען זיי שוין ביידע, ז"ל, געלעגען אין קעלער אהן א שום סימן פון לעבען... און שטיל איז אין קעלער געווארען ווי אויף דעם בית הקברות...

דער איינציגער עדות פון די ביידע פריינדס טוידט, איז געוועזן דאס ליידיגע גלאזעל וואס האט זיך אויף דער ערד געוואלגערט ביי דער זייט אויף א נאס שטיקעל ארט, אויך במעט האלב טויט פון גרויס שרעק.

א ווייניגע שטאדט.

(ארויסגענוממען פון רייזע=זאק).

טאמער ווילט איהר מיר ניט גלויבען אז עס איז דא אזא שטאדט וואס הייגט, קלאנגט און גיסט מיט טרעהרען וועל איך אנרופען מיט דעם נאמען:

„האלאסקאוו", הייסט די וואונדערליכע שטאדט און געפינט זיך אין באלטער אויעזד פאדאליער גובערניע

ווען מען וויל אהין קוממען מוז מען פריהר פאהרען מיט דעם אייזענבאן ביז דער סטאנציא „האלטא" יוגא-זאפאדנא-ליניע. דאס איז די זעלבע סטאנציע וואו עס געפינט זיך דאס בעוואוסטע „האלטער ביער" וואס שפיעלט אין גלאז ווי שאמפאניער און לויטער ווי ריינער בוימעל.—

פון „האלטע" פאהרט מען מיט בעל עגלות, נור מיט שטארקע וואגען אויף רעסארען און מיט גוטע פערד, ביז אין שטעדטעל „האלאוועניסק" די זעלבע בעל עגלות פאהרען מיט די פארשוינען ווייטער ביז קיין „אומאן". נור דער וואס האט דאס אומגליק פאהרען אין אונזער וואונדערליך שטעדטיל „האלאסקאוו" מוז ווילענדיג ניט ווילענדיג אריין פאלען אין די האנד פון ר' בערעל בעל עגלה מיט זיינע צוויי הינקענדיגע שקאפעס מיט באנדאזשירטע פאדערשטע פיס.

און פון זיין אלטמאדישע ליינווינדטענע בויד וואס פאהרענדיג טרעסעלט עס ארויס די קישקעס איז טאקי גאר ניט אוים צו האלטען.

דער דאזיגער ר' בערעל איז דער איינציגער בעל עגלה וואס פאהרט שוין זייט פיערציג יאהר צוויי מאהל אין דער וואך פון האלאסקאוו קיין האלאוועניסק און פון האלאוועניסק קיין האלאסקאוו. ווייטער פון די דאזיגע צוויי שטאדט איז ער גאך א טריט ניט געפאהרען. זיין גאנצע וועלט. זיין גאנץ לעבען האט ער נור פארבראכט אויף דעם וועג צווישען די צוויי שטאדט און אויף זיין „לעבענס וועג" האט זיך ר' בערעל זעהר א שאנעם נאמען געקויפט, ערשטענס האט ער אין אללע קרעטשמעס געהאט גרוים קרעדיט און אין צווייטענס האבען איהם אללע גערופען ניט אנדערש ווי „רב בערעל" און מען פלעגט מיט איהם איבער שיקען הונדערטער רובלען צו די קראמערס אנצוקויפען סחורה אין האלאוועניסק.

פאר דעם אללעמען האבען אללע יודישע פארשוינען געמוזט לײדען פון זיין שרעקליכע בויד און טאמער וועט איהר האבען קוראזש ניט מיט איהם צו פאהרען, וועלען אייך אללע דארטיגע יודען מאכען פארוואורפע אז איהר זענט גאר קיין יוד ניט ווען איהר האט געקענט אוועק געבען רב בערעלס פרנסה איין אנדערען ביי ר' בערלען וועלכער האט א ווייב מיט אויסגעגעבענע קינדער וואס זיטצען ביי איהם אויף קאפט. ד. ה. זיי זיטצען אויף זיין קאפ.

ווער וויל עס אריין פאלען אין פרעמדע מיילער? — און איך האב געמוזט מיט איהם פאהרען......

און ענדליך נאך א גאנצע נאכט שלעפען זיך, זענען מיר אנגעקומען קיין האלאסקאוו צווי דעם ניינער ביי טאג.

די זון האט געברענט, דער שווייס האט גערונען, און די פערד האבען ניט אויפ-געהערט מיט די עקען צו טרייבען די פליעגען פון זייער צוואונדעוועטע פעל, און אזוי זענען מיר אריין געפאהרען אין שטאדטיל.

א גרויסער פלאץ. אין דער מיטט אויף א ביסעל הויכער ארט געפינט זיך א קלויסטער, א פארקען פון ברעטער און דאס אללעס רינגעלט ארום ווי א ראד א צוויי הונדערט נידריגע הייזלעך געדעקט מיט ברעטער, שינדלען און איינגע מיט אלטע רויטע טשערעפ.

איין הויז גרעסער פון אללע אנדערע רוקט זיך ארוים פון דער ראד הייזליך און קוקט מיט א אפענעם טויער ווי מיט א אפען מויל — דאס איז די אכסניה.

און אט דאס איז די גאנצע שטאדט האלאסקאוו.

ביי דער אכסניה האבען זיך ר' בערעלס שקאפעס אבגעשטעלט און איך בין אראבגעקראכען פון דער בויד און זיך אנגעהויבען אויסציהען און אויסגלייכען די צובראכענע ביינער און פון קאפ האט ביסלעך וויז אנגעהויבען ארויסגעהן דער רעש, דאס קלאפעריי מיין איך, פון דעם צוגעבונדענעם בלעכענעם עמער וואס האט דעם גאנצען וועג מיט א געפילדער געקלאפט אונטער דער אונטערשטער אקס און אויך דאס אומגעלימפערטע קוויטשען פון די האלב געשמיערט ראדער. —

נאר שא... וואס הער איך עפיס פאר א געוויין... פאר פילדערען, און געוואלדעווען פונקט ווי מען באקלאגט א טויטען!.. איך געה ווייטער איבער דעם שטאדטיל און פון יעדען שטיב הער איך די זעלבע קולות!.. וואס הייסט עס? וואס איז דאס פאר א געוויין?.. פאר א יאמערן, קלאגען מיט אזוינע שרעקליכע געשרייען!.. שוין-וויסע געפינט זיך חו"ש אין יעדער שטוב א מת?.. און אפשר איז נאר דער רב פון שטאדטיל געשטארבען און די גאנצע שטאדט באוויינט איהם.

— געוויס א טייערער יוד האט געקערט זיין דער רב פון האלאסקאוו, האב איך בעת מעשה געטראכט.

אויף דער גאס איז קיינער ניט דא, געוויס האט מען איהם נאך צו קבורה ניט געבראכט.

— איך וועל אויך געהן צו דער לויה, טראכט איך, א גרויסע מצוה א לויה... ובפרט נאך אזא טייערער יוד...

איך קוק זיך ווייטער ארום איך וויל וועמען פרעגען וואו האט געוואוינט דער רב ז"ל נאר איך זעה ווייטער קיינעם ניט. די פארשוינען וואס זענען מיט מיר צוזאמען געפאהרען זענען שוין זיך יעדער צוגאנגען אהיים און ר' בערעל איז שוין אויך ערגיץ

אַוועק צוזאמען מיט זיינע שקאפעס. איך זעה פאר זיך מעהר ניט ווי די בויד מיט דעם לאנגען רישעל שטעהענדיג פאר דער קרעטשמע און ווי עטליכע ציגען ליגען אויף דעם שאטען פון די בוימער וואס קוקין ארויס פון דעם הילצערנעם פארקען ארום קלויסטער.

איך הער ווייטער און ווייטער קלאגען, וויינען, פילדערען מיט שרעקליכע קולות, עס קומט מיר אויף נייע געדאנקען... איך עק זיך פון גרויס פחד... אפשר חו"ש געהט ארום אין שטאדט א גרויס שלאפקייט אז עס האט קיין שטוב ניט אויס־געפעהלט... איך הויב אן ציטערען פון שרעק מיט אללע אברים.

איך ווייס אלליין ניט אויף וואס זיך ענטשליסען, וואס איך זאל אנהויבען צו טהון... און ענדליך מיט גרויס ציטערניש און פלאטערניש הויב איך אן אריין צו קוקען אין יעדען שטיבעל... כמעט דאס גאנצע שטאדטיל בין איך איבערגעווען און אין יעדען שטיבעל האב איך געזעהן ווי יודישע מוטטערס שטעהן מיט פארקאטשעטע ארבעל, איבער א מולטער וואסער, מען געצט קינדערשע קאפליך און צוואגט „מיט געוואלד". די האלב נאקעטע קינדער לאזען זיך ניט, רייסען זיך מיט אללע קראפטען און שרייען, פילדערן און וויינען נור עס העלפט ניט, די מאמעס ראנגלען זיך מיט זיי, זי שלאגט, זי האלט זיי שטארק צו און גיך אין איין איילעניש צוואגט זי און רייסט, מיט די גראבע גרויסע ציינער פון די אומגעלימפערטע אלטמאדישע קאמליך, שטיקער פלייש פון די קינדערשע קאפליך ניט אויפהערענדיג זעלבסט צו שרייען און שעלטען זיך און די קינדער.

— אך און ווי איז מיר!.. דעם טשולענט נאך ניט פאר רוקט... און זיי לאזען זיך נאך ניט... קיין ליכט נאך ניט אנגעגרייט... און געה רייס זיך מיט זיי... קיינער איז ניט דא ווער עס זאל העלפען... אלץ אליין... און א יהם האט דער רוח שוין אוועקגעטראגען אין באר אריין... איהר זאלט אזוי אללע האבען כח צו לעבען ווי איך האב כח צו אייך יעדען...

הערט זי ניט אויף צו שרייען מיט א וויינענדיג פארביטערט קול און דאס קאמעל לויפט נאך ניבער און שטארקער איבער די נאסע קאפליך... און זייערע קולות און געוויינען הערען זיך נאך האבער איבער דעם שטאדטיל...

איך האב זיך דערמאנט אז עס איז פרייטאג, און יודישע קינדער מאכט מען כשר־ריין לכבוד שבת און אזוי איז פון תמיד אן ד. ה. יעדען פרייטאג פון צוויי ביז פיער א זייגער זינגט האלאסקאוו איז האלאסקאוו, וויינט און קלאגט די גאנצע שטאדט.

אַ געלעכטער

(אַ פּורים'דיג ערצעהלונג)

I.

בערקע דאָס אָרעמע קלויזנער יונגעל איז אַ גאַנצען ווינטער געגאַנגען אין צו־ריסענע שטיוועל, ער האָט ניט געקאָנט צוזאַמענקלויבען גאַנצע צוויי רובל אויף אַ פּאָר שטיוועל, דרום איז איהם אַ גאַנצען [illegible] אין די פיס, זיין איינציגער געדאַנק איז ער זאָל שוין האָבען גאַנצע שטיוועל, עס זאָל איהם שוין זיין וואַרים און טרוקען אין די פיס, איז געוועזען — פּורים.

פּורים! פּורים! פלעגט זיך איהם טאָג מיט נאַכט חלום'ן אין קלויז אונטער דעם אויבען.

אָ! ווי פיעל, ווי פיעל גרויסע טאָג מיט לאַנגע נאַכט זענען ביי בערקען אַוועק־געגאַנגען מיט דעם זיסען חלום אַז עס וועט אַמאָהל זיין פּורים.

— פּורים וועל איך אַרומטראָגען שלח-מנות און איין טאָג מאַכען צעהן גילדען (נאָך אַ האַלב קערבעל וועט זיך שוין מוזען געפינען זאָל נאָר זיין די צעהן גילדען), האָט ער געטראַכט אַ גאַנצען ווינטער, און וואָס ער איז עלטער געוואָרען מיט אַ טאָג נאָהענטער צו פּורים איז בערקע אַלץ יונגער און גליקליכער געוואָרען.

II.

בערקע האָט דערלעבט פּורים און גאָט וואָס באַשערט אַללע יודען, האָט איהם אויך באַשערט אַ גוטע שטעללע אויף צו טראָגען שלח-מנות, חאָטש אין דרויסען איז געוועזען גליטשיק און קאַלט אין בערקעס צוריסענע שטיוועל האָט גערונען, געבלאָזען אין אַלע זייטען מעהר ווי אַ גאַנץ ווינטער, נאָר פון דעם גאָלדענעם געדאַנק אַז: אָט, אָט קומט צו אין קעשענע נאָך אַ פּיאַטאַק, נאָך אַ זעקסער, אָט, אָט, היינטיגען טאָג (מעהר ו״ם ווי היינטיגען טאָג) וועט ער שוין האָבען אויף גאַנצע שטיוועל, מאָרגען אין דער צייט וועט שוין ניט רינען אין די פיס, עס וועט שוין נ״ט בלאָזען (אוי דאָס בלאָזען!..) — אָט פון די גליקליכע געדאַנקען איז איצט בערקע געפלויגען ווי אַ וויכער, ווי אַ פייגעלע, מיט אַ גרויסער מאַץ און שאַלען אין די הענד, עס איז איהם וואַרעם אין אַללע אבֿרים אפילו אין די פיס, ער פיהלט זיך יעצט גליקליך און גוט.

און פאַר וואָס ניט? — אַז פּיאַטאַקעס מיט זעקסערס וואַקסען צו אַללע מאָהל אין זיין קעשענע ווי קראַפּעווע!

B

III.

פֿאַר נאַכט, אַ סך יודען זיצען שוין בײַ דער סעודה, עס לײַכט זיך שוין פֿון יעדען פֿענסטער, שוין פֿון אַ שעה אַז אין דרויסען קראַפּעט אַ דריבנע רעגען, וואָס קריכט פֿאַוואָליע גלײַך אין די בײנער, בערקע מיט דער טאַץ אין די האַנד פֿליהט נאָך גיכער ווי אַ ווײַבער, ער פֿיהלט ניט קיין רעגען, קיין קעלט, ער פֿיהלט נאָר ווי עס איז איהם גוט און זיס אין אַללע זײַנע אבֿרים, ער פֿיהלט ווי זײַן קעשענע איז שוין פֿולל מיט מינץ איין גאָט ווייסט ווי פֿיעל דאָרט איז שוין דאָ!.. בערקע שרעקט זיך אַ טראַכט צו טהון טאַפּענדיג די קעשענע: אַ נוּ טאָמער איז נאָך דאָ מעהר ווי צוויי קערבלעך... אויסער שטיוועל וועט נאָך בלײַבען אין קעשענע עטליכע גראָשען... ניין, ניין ער וויל גאָר ניט טראַכטען, ער האָט מורא פֿאַר דעם געדאַנק, ער זאָל ניט משוגע ווערען פֿון גליק... סטאַטש, אַללעס אין איין טאָג!?

בערקע ניירט זיך אַליין אָב: — ניין, ניין, עס איז מעהר ניט דאָ ווי איין קערבעל... שפּעטער וועט נאָך ווערען אַ האַלב קערבעל... רעדט בערקע צו זיך אַליין.

IV.

אָרעמער בערקע! דאָס איז זײַן ערשטער גליקליכער טאָג אין זײַן גאַנץ לעבען!..

און טראַכטענדיג אַזוי פֿון זײַן גליק — פֿון זײַן פֿוללער קעשענע, שלאָגט ער זיך אָן אויף אַ גליטשיק שטיקעל אָרט, זײַן פֿוס טהוט זיך אַ דריי... מיט אַללע קרעפֿטען וויללער זיך האַלטען צוריק, ער קען ניט... ער פֿאַלט... פֿאַלט... ער גליטשט זיך אויס!..

און... פֿון דער צובראָכענער טאַץ מיט די שאַלען מיט „שלח מנות", פֿון דער קעשענע מינץ וואָס האָט זיך אויסגעשאָטען, הערט זיך אַ קול איבער דער גאַנצער גאַס, דאָס רעש פֿון דער צובראָכענער טאַץ מיט די שאַלען, דאָס קלינגערײַ פֿון דעם מינץ רופֿט צו נויף אַ העפֿעל מענשען, מע זעהט „ווי שלח מנות ליעגט אין בלאָטע", אַללע האַלטען זיך בײַ די זײַטען פֿון געלעכטער און בערקע וויינט ביטער.. ביטער...

דאָס ביסעל מינץ וואָס בערקע האָט פֿון בלאָטע צונויפֿגעקלויבען, האָט ער געמוזט פֿאַר דעם שאָדען באַצאָהלען... און דער עולם הערט זיך ניט אויף צו האַלטען בײַ די זײַטען פֿון גרויס געלעכטער...

43234